NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12956

A KHINEZISHE YINGL

Sergei Mikhailovich Tret'iakov

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס. טרעטיאקאוו

אַ כינעזיש ייִנגל

(דען שי-כואַ)

ייִדיש: מ. טייכמאַן

MICROFORM

U. 3646

„קינדער-פריינד", ווארשע 1935

באַנד I.

הילע געצייכנט פון
הירש אַלטמאַן

S. TRETJAKOW

A Chinezysz Jingł (Den Szi-Chua)

„Kinder-Frajnd, Warszawa 1935

Tom I.

געזעצט ביי ה. גלאנק, װאַרשע, פּלאָצקע 4

Druk. „Renoma", Karmelicka 17

1. מיין פאמיליע

איך הייס דען שי־כוא. איך בין שי־כוא פון שטאט דען, וואס ווינט אין סעטשואנער דארף דען טסיא־טשען ביים טייך יאנגטסע. דעם נאמען שי־כוא האט מיר ביי מיין געבוירט גע־געבן מיין עלטערער פעטער, א שטענדיק שיכורער פילאזאף און נישט דערגאנגענער מאנדארין *). שי־כוא באטייט „כינעס פרידן". גלייכצייטיק באטייט עס אויך „א הצלע בלום".

כוא איז מיין פארנאמען. שי — דער נאמען פון אונזער דור. ער געפינט זיך אויך אינעם נאמען פון מיין שוועסטער שי־קוען און אין די נעמען פון מיינע שוועסטער־קינדער.

מיין פאטער הייסט דען יא־פו. און דער נאמען פו באַ־צייכנט דעם גאנצן דור פון מיין פאטער. אזוי הייסן איך מיינע פעטערס, דער עלטערער דען סאא־פו און דער יינגערער דען טי־פו.

איך בין געבוירן געווארן אין גרויסן הויז פון דעם שטאט דען אין יאנואר, אין דער צייט, ווען דער פ־רבכטיקער יאנגטסע, פלאך און בלוי ווי נאך א הונגער־קראנקייט, טראגט זיך מיט געליארעם צווישן די ענגע, מעשופעדיקע ברעגעס פון סעטשואן. אונזער הויז באשטייט פון א לאנגער ריי הייפן, ארומגערינגלט פון צימערן און טעראסעס, און ציט זיך מעשופע באַרג ארויף. פון די אויבערשטע טעראסעס אראפ זעט מען דורך די ביימעריקרוינען דורכלייכטן דעם בלויען לייב פונעם טייך. אין דעם טפילע־זאל, דעם ליטאן, ליגט דאס שטאט־בוך, דאס „טשו־פו". אין אים איז פארשריבן די גאנצע געשיכטע פון שטאט דען.

---

*) מאנדארין — א הויכער כינעזישער באאמטער (איבערז.).

אונזער שטאם ציט זיין יחוס פון דעם לעגענדארן דען-טסי, א שילער פון קאנפוציוס(*), וועלכער זאל האבן געלעבט מיט 2000 יאר צוריק. ביי די כינעזער איז אנגענומען זיך צו-צורעכענען עפעס א בארימטן אדער הייליקן מאן אלס באגרינ-דער פון זייער שטאם. אנהויבנדיק פון דעם דען-טסי, זענען שוין ווייטער נאר די פאמיליע-עלטסטע פארצייכנט. דאס איז דער לעגענדארער טייל.

דער געשיכטלעכער טייל פון דעם בוך הייבט זיך אן מיט דרייהונדערט יאר צוריק. ווען די מאכט האט פארכאפט די מאנדזשורישע דינאסטיע טסינג, איז דען פין-או, דער גע-טרייער מאנדארין און מיליטער-פירער פון דער אראפגע-זעצטער כינעזישער דינאסטיע, אוועק אין פרייוויליקן גלות קיין סעטשואן.

אין יענע צייטן איז סעטשואן געווען כמעט א וויסטע. דער טעראר פון די רויבער-באנדעס פון טשאן סיען-טשון און לי טשו-טשען האט אויסגעראטן די באפעלקערונג פון גאנצע קרייזן; סעטשואן איז געווארן אויסגעליידיקט. נאר איין קרייז האט זיך קעגנגעשטעלט די רויבער. אנגעפירט מיט זיינע מי-ליטערישע כוחות האט א פרוי. אין יענעם קרייז איז נאך ביז היינט געבליבן די אמאליקע סעטשואנער אויסשפראך. אין אי-בעריקן סעטשואן רעדט מען כמעט אזוי ווי אין די אור-כינע-זישע פראווינצן פון צפון — טשילי, שענסי און הונאן. די דאזיקע שפראך האבן אהער געבראכט מיט זיך די פרעמדע איינוואנ-דערער.

ערד האט נישט געפעלט — ווער ס'האט נאר געוואלט, האט געקענט זיך נעמען.

דען פין-או האט זיך מיט זיין פאמיליע באזעצט אין דארף. די פאמיליע איז זיך צעוואקסן ביז צו א גאנצן דארף דען טסיא-טשען, וואס באטייט אין איבערזעצונג: דאס דארף אויפן נאמען פון די דענס. אין די ערשטע צייטן האבן אלע

*) קאנפוציוס — א פילאזאף, וועלכער האט געשילדערט דעם מאראלישן לעבנס-שטייגער פון אלטן כינע. געלעבט אין 5-טן יאר"ה. פאר קריסטוסן. (איבערז.)

איינוווינער פון דאָרף געטראָגן דעם נאָמען דען און זענען געחען קרובים. שפּעטער האָבן אייניקע דענס נישט געקענט זיך דאָ אויסלעבן און אַרויסגעוואַנדערט אין אַנדערע געגנטן. אויף זייער אָרט האָבן זיך באַזעצט נייע איינוואַנדערער.

נאָך איצט רופן זיך אַ סך מענטשן אין דאָרף דען סטיאַטשען מיטן נאָמען דען. אָבער זיי זענען שוין נישט מייַנע קרובים. זיי זענען שוין קרובים פון נאָכן פינפטן גליד. מיר האָלטן קרובים פון זעקסטן גליד שוין פאַר פרעמדע.

ווען איך בין געבוירן געוואָרן, האָבן אין הויז פון אונזער שטאַם געלעבט זיבעצן דענס און דריי הויז־אָנגעשטעלטע. אַמאָל איז דאָס הויז געווען אַ סך גרעסער. די דענס פלעגן זיך פאַרמערן און באַזעצן זייערע קינדער און אייניקלעך אין ריזיקן הויז פון דעם שטאַם. אָבער ס'איז געקומען אַ צייט, ווען אייניקע פון זיי זענען פאַראָרעמט געוואָרן און דאָרפישע הענדלער פון גאָלאַן און ווייצן־בראָנפן האָבן אָפּגעקויפט שטיקער פון אַלטן באַזיץ. איינמאָל האָב איך אין דער נאַכט פון ניי־יאָר זיך אַרומגעשלעפּט איבערן דאָרף פון טיר צו טיר און פאַרקוקט אין די בזיוירייען פון די רייכע לייט. פונעם קעסל איבערן פייער האָט געפירט אַ באַמבוס־רער אין קעלער אַראָפּ. דער שווערער, שטיקנדיקער גערוך פון ספּירט איז מיר אַריין אין נאָז. איך בין אַנטלאָפן, שפּרינגענדיק איבער די צעפוילטע טיילן פון אַלטן באַזיץ צום טויער, הינטער וועלכן עס האָבן געוווינט די לעבעדיקע דענס.

2. דאָס הויז

די ברעגעס פון יאַנגצע זענען שטייניק און ליימיק. ברעקלדיק איז דער שטיין אַרום דעם האַפן, וווּ עס שטויסן זיך די שיפלעך פון די שיפערס און רייזנדע. בריט איז דער יאַנגצע אין דעם אָרט.

אין דער קינדהייט פלעג איך גוט קענען אונטערשיידן,

װאָס ס'קומט פֿאַר אויפֿן צװייטן ברעג. אָבער איצט האָבן די צפֿון-װינטן און דער שטויב פֿון פּעקין מיינע אויגן פֿאַרדאָרבן. אין פֿרילינג איז דער יאַנגטסע פּרעכטיק: די געהיגלטע ברעגעס זענען נישט בלויז גרין, נאָר רויט, געל און בלוי פֿון בלומען. און די דאָזיקע בלומען שפּיגלען זיך אין דעם ריינעם, בלויען װאַסער אָפּ. צו זומער-צו װערט דער יאַנגטסע בלאַס-רויט און אָנגעשװאָלן פֿון טריבן שליים — דאָס נעמט זיך פֿון די װאָלקנ-בּרוכן, װעלכע טרעפֿן ביי זיינע קװאַלן אין די הויכע בערג נעבן דער גרענעץ פֿון טיבעט. װען דאָס װאַסער פֿון יאַנגטסע איז בלוי, טרינקען מיר עס. אָבער מיר קאָכן עס פֿריער איבער. די קוליס, די װאַנדערנדיקע שניטערס און די טראַסװע-פֿירערס טרינקען עס רויערהייט, װען זיי זענען נאָך דער אַרבעט מיד און דורשטיק. זיי טרינקען עס און קײַען צו ביטערע ציבעלע, װעלכע מאַכט, לויט זייער מיינונג, דאָס װאַסער געזונט.

אויף דעם שיפּוע צװישן הויז און טײַך װאַקסן ביימער. קוקט מען פֿון טײַך אויס אויף אונדזער דאָרף, קען מען עס קוים דערזען דורך דעם ביימער-גרינס. יעדעס שטיקל אַקער-ערד, יעדעס שטיקל מויער װערט לויט שטרענגע געזעצן מיט ביימער באַפֿלאַנצט, לויט די אָנװייזונגען פֿון אָנגעזעענעם פֿענג-שועי.

פֿענג באַטייט װינט, שועי — װאַסער. פֿענג-שועי איז דער מאַן, װעלכער װייזט אָן די, װאָס װילן זיך דאָ באַזעצן, װוּ זיי דאַרפֿן דאָס הויז אַװעקשטעלן, כּדי צו האָבן װאָס מער זון, כּדי די װינטן זאָלן אין זיינע מויערן זיך אָפּשלאָגן, און װיאַזוי און מיט װעלכע ביימער עס צום בעסטן צו באַפֿלאַנצן. ער איז אויך דער מאַן, װאָס זוכט אויס דעם פּאַסיקסטן פּלאַץ פֿאַר אַ געשטאָרבענעם, װוּ עס װאַקסן שיינע בלומען אַרום און דאָס גרונט-װאַסער זאָל נישט צושטערן דעם טויטן גוף, און װוּ עס זאָל אויך זיין אַ שיינער אויסבליק פֿון דעם אָרט, פֿון װאַנען די נשמה הייבט אָן, לויט דעם בודיסטישן גלויבן, איר װאַנדערונג נאָכן טויט. דער פֿענג-שועי איז דער װאָרזאָגער און שטערנזעער פֿון דעם דאָרף.

דורך די אַרום שטיינגדיקע ביימער דרינגט נישט דער בליק ביז צו די מויערן און טויערן אַדורך. גרין זענען די געדיכטע גערטנער און ריין איז די לופט אין אונדזער סעטשואַן.

אויף דעם ערשטן גרויסן הויף שטייט צווישן ביימער אַ ריזיקער שטיינערנער באַסיין פון איבער אַ מעטער די טיף. אין אים װערט דאָס רעגנוואַסער געזאַמלט, און גאָלד- און ברוין-געשטרייפטע און פּיאָלעט-זילבערדיקע פישעלעך שווימען אין אים אַרום. פון דעם דאָזיקן באַסיין ווערן באַגאָסן די געוויקסן, װאָס װאַקסן צווישן די מויערן פון דעם הויז. לענגאויס די מויערן שטייען מוסקאַטנוס-ביימער זיי זענען זייער טייער. זיי זענען געפלאַנצט אונטער דעם אַרויסשטאַרצנדיקן דאַך פון דער הויפּט-מויער, כדי מען זאָל זיי נישט קענען גנבענען. דאָס הויז איז געבויט אַרום דריי טעראַסע-פאָרמיקע הויפן און אויבן אָפּגעשלאָסן מיט אַ גאָרטן-טעראַסע. טרעפּ פירן צווישן די װענט פון הויף צו הויף. צווישן צווייטן און דריטן הויף ליגט דער דורכגאַנג-האָל, וווּ מען נעמט אויף די געסט. הינטער דעם זאַל פאַר געסט קומט דער לעצטער הויף און אין אים איז איינגעשלאָסן — אַ ריי הויפּט-צימערן. אין דער מיט אַ זאַל — דער ליטאַן; נעבן דעם זאַל — דאָס צימער פון זיידן, דעם קאָפּ פון דער פאַמיליע און פון גאַנצן הויז. אויף דער אַנדערער זייט וווינט זיין ברודער. הינטער דער אויבערשטער מויער פון דעם הויז ליגט אַ גרינס-גאָרטן מיט ביימער אינעווייניק און אַרומגעצוימט מיט אַ האַלבקײַלעכיקן צוים פון באַמבוסן. ער גייט איבער אין אַ אויבס-גאָרטן. ס'װאַקסן דאָ פּאָמעראַנצן, פערשקעס, קאַשטאַנעס, מאַנדאַרינעס (די געבן דורכשניטלעך ביז 500 שטיק פרוכט אויף איין בוים) און ניס. די ביידע גערטנער אַרום דעם הויז פאַרנעמען אַ שטח פון צוואַנציק מו. דאָס איז אַנדערטהאַלבן העקטאַר. פון די $1\frac{1}{2}$ העקטאַר קענען אויסקומען די 17 מענטשן, װאָס באַוווינען דאָס הויז. דער גרינס-גאָרטן איז רייך ווי אַ באָטאַנישער גאָרטן. דאָ װאַקסן פאַרשידענע מינים פון סעטשואַנער קרויט, דער עיקר גרינע. דאָס קרויט ווערט איינגעלעגט אין פעסער.

געזאָלצן און אָפּגעשיקט מיטן יאַנגסטע אַראָפּ צום מאַרקויפן. דאָ האָקן אוגערקעס, רעטעכלעך, רעטעכער, ריבן, זיסע קאַרטאָפל, אַרבעס. סאַלאַטע.

די דאָזיקע גרינסן וואַנדערן יעדן טאָג פון די ביימן אַריבער צו אונזער עס-טיש. נאָר די עלטסטע עסן יעדן טאָג אַ שטיקל פלייש; די איבעריקע קריגן אַ שטיקעלע פלייש נאָר איין מאָל אין צוויי וואָכן.

די וווינונגען פון די עלטסטע פאַמיליע-מיטגלידער ליגן אויבן, אַרום דעם שטאָם-מזבח און צווישן די שפּייז-קאַמערן. דאָן גייען די צימערן פון פאָטער, פון די פעטערס, דאָס גאַסטצימער, די קיך און צולעצט, גאָר אונטן, די צימערן פון דריטן דור און די צימערן פאַר אַדורכרייזנדיקע, דעם וועכטערס צימער און דער גרויסער שול-זאַל, אין וועלכן דער עלטערער פעטער לערנט מיט די דאָרפישע קינדער. נעבן די צימערן פון די ווייבס און פאָטערס ליגן די ענגע צימערלעך פון די הויז-דינער, נישט גרעסערע פון אַ קליינעם קאָרידאָר אָדער אַ שפּייז-קאַמער.

אין תפילה-זאַל, אַנטקעגן דער אַריינגאַנג-טיר, שטייט דער מזבח, ענלעך צו אַן אייראָפּעישן בופעט. דאָס איז דער „שען-קאַן". ער איז שוואַרץ און ריזיק גרויס. דאָס קינסטלעריש געשניצטע האָלץ איז אויסגעלייגט מיט פּיין. אויף דעם שוואַרצן האָלץ פון זיין אויבערשטער העלפט ציִען זיך פון אויבן אויף אונטן רייען גאָלדענע היעראָגליפן. סאַכאַקל — פינף: „הימל", „ערד", „קייסער", „אָבות", „לערער". דער היעראָגליפן-זייל שטייט אונטן אויף אַ זעקסטן היעראָגליף, וואָס באַטייט „מזבח". צו ביידע זייטן פון דער הויפּט-פלאַך — טאַן לי. — וואָס דערמאָנט די הייליקע בילדער אין אַ רוסישער קירך, הענגען טעוולעך פון ציפּריס-האָלץ. אויף די דאָזיקע טעוולעך זענען די נעמען פון די לעצטע דריי דורות אויסגעצייכנט — פון דעם זיידן, דעם עלטער-זיידן און דעם עלטער-עלטער-זיידן. די נעמען פון די עלטערע אָבות האָט מען פון דאַנען שוין אַריבערגעטראָגן אין דער דאָרפישער קירך

אַריין. פון אויבן אַראָפּ שלענגלען זיך די היעראָגליפן פון נאָ-מען, געלערנטן-טיטל און אַמט. דערבײַ זענען רעכטס די היעראָ-גליפן פון דעם ווײַדן, לינקס — פון זײַן ווײַב.

דער אונטערשטער טייל פון מזבח איז אַ סאַך ברייטער פון אויבערשטן; צוליב דעם שאַפט זיך אַ מין פּאָליצע. אינ-מיטן פון דער פּאָליצע, פאַר דעם באַנד מיט די וויכטיקסטע היעראָגליפן, שטייט אַ פּאָרצעלייען ווייַרויך-געפעס, די גרויס פון אַן עמער. אין אים זאַמלט זיך דער פּוכיקער אַש פונעם ווייַרויך.

אין דעם אונטערשטן טייל פון מזבח געפינט זיך אַ שאַ-פע. דאָרט ליגן דער ווייַרויך, דאָס אייל פאַר די לעמפּלעך, פּעקלעך געלט-טיטלען, געמאַכטע פון סטאַניאָל, וועלכע ווערן אין טאָג פון די יאָרצייַטן פאַרברענט, און דער שטאַם-בוך, דער טשו-פּו. אין דעם בוך זענען פאַרשריבן די דאַטעס פון גע-בורט, חתונה און טויטן, די טעג פון באַקומען אַ געלערנטן-טיטל און אַמט און די טעג פון אָפּפאָר אין פרעמדע לענדער.

יעדן טאָג, אינדערפרי און פאַרנאַכט, שטעקט איינער פון די קליינע דענס — געוויינטלעך פאַרנעמען זיך מיט דעם די אייניקלעך — אין אַש אַריין דריי ווייַרויך-שטעקעלעך און צינדט אָן זייערע שפּיצן בײַ דער געלער צונג פון פלאַם, וואָס ברענט טאָג און נאַכט אין שנויץ פון אַ נישט-גרויסן לאָמפּ, ענלעך צו אַ זופּן-שיסל. ווי לאַנג די פאַמיליע האָט געהאַט געלט, האָט דער לאָמפּ אין ליטאַן געברענט בייטאָג און ביי-נאַכט. זינט די דענס האָבן מער קיין געלט אויף קיין אייל נישט, צינדן זיי דעם לאָמפּ אָן נאָר אויף ביינאַכט. ער איז געוואָרן אַ נאַכט-לאָמפּ.

די שטעקעלעך טליען זיך, בלויע פעדים פון פרייַלעכן רויך הייבן זיך אויף פון זיי צו די טעוועלעך און דער ווייסער אַש פאַלט אין צילינדערלעכן אַריין אין ווייַרויך-געפעס. ווען דער אַש פילט אָן דאָס געפעס, שיט מען אים אויס אין טײַך אַריין.

„דער הייליקער אַש אין הייליקן וואַסער פון יאַנגטסע"

פליסטערס די באָבע, ווען זי גיט איבער דאָס שווערע וויי-רויך-געפעס די אייניקלעך.

נעבן דעם ווייַרויך-געפעס שטייען וואַזעס מיט בלומען און אַ קופּערנע שאָל. די שאָל איז אַ גאָנג. מען קלאַפּט אין איר מיט אַ שטעקעלע און דאַן הילכט זי און רופט די נשמות פון די אָבות צו דעם פייערלעכן מיטאָג ביים טיש, וואָס ווערט אין די יאָרצייטן-טעג אויפגעשטעלט אין ליטאַן. די שאָל צע-קלינגט זיך אין געבורטס-טעג פון די זיידעס, צום ניי-יאָר-טאָג, צום זומער-יומטוב פון וואַסער-העשער, דעם דראַכן, צום יום-טוב פון יונגן רייז, צום יומטוב פון אָנהויב-האַרבסט און צום גרעסטן יומטוב — דעם יאָרצייט-טאָג פון די פאַרשטאָרבענע. אויפן טיש פאַר דער שאַפע ווערן די בעסטע מאכלים אויס-געשטעלט. ס׳איז דאָ דאָ פלייש און פיש און יונגע גרינסן.

איצט איז גראָד מאַי. די באַלעבאָסטעס רייסן פרישע אוגערקעס פון די בייטן און דערלאַנגען זיי צום טיש.

די אייניקלעך (די דערוואַקסענע האָבן קיין צייט נישט) מאָלן פאַרזיכטיק די נעמען פון די זיידעס אויף קוואַדראַטע פּאַפּירלעך און לייגן די ווייז-קאַרטלעך פון די געשטאָרבענע פאַר זייערע טעװעלעך אַנידער. דאָס הייסט, אַז די זיידעס זע-נען געקומען און האָבן פאַרנומען אַן אָרט אַרום עס-טיש. דאַן קניט די גאַנצע פאַמיליע מיט אַנטבלויזטע קעפּ און בוקט זיך דריי מאָל פאַר דעם הויפּט-טאָוול, האַלטנדיק מיט ביידע הענט די גלאַנציקע הינטעלעך. נאָך דעם טראָגן די פרויען די שפּייזן אין עס-צימער און די קינדער זאַמלען אויף די ווייז-קאַרטעס פון די זיידעס און פאַרברענען זיי פאַרזיכטיק אויף די שטיין-פּליטן פון הויף, עס זאָל קיין פונק אַמאָל נישט פאַלן אויף די פּאַפּירענע שויבן און אָנצינדן די הילצערנע ווענט פונעם הויז.

אַזוי הייבט זיך אָן דער פייערלעכער מיטאָג. מיר עסן אַליין אָנשטאָט די גייסטער און דער מזבח שטייט ערגעץ און שטום אין האַלב-טונקעלן ליטאַן. איך האָב מיך דערצויגן אין אַן אַנדערן דאָרף און האָב די גאַנצע איינאָרדענונג זעלטן גע-זען. כ׳בין אַלט געווען זעקס יאָר, ווען כ׳האָב מיר דערלויבט

די ערשטע אַפּיקורסעס קעגן דער הייליקער איינאָרדענונג.

איך דערמאָן מיך דעם באַזוך פֿון דער באַבען אין דען־טסיאַ־טשען. איך קוק אויף די־בלומען אין די וואַזעס; זיי שמעקן מיט ריחות פֿון פֿעלדער און ברעגעס. איך זאָג:

— צו וואָס דאַרפֿן די ייִדעס בלומען?

— פֿאַרוואָס זאָגסטו דאָס? דער עלטערער פֿעטער קנייטשט דעם שטערן.

— זיי שמעקן דאָך אַזוי שיין.

— דאָס געפֿעלט אויך די גייסטער פֿון די ייִדעס.

— האָבן דען די גייסטער נעזער. זיי זאָלן קענען שמעקן?

— שעמסטו זיך נישט, שי־כוּאַ? — זאָגט דער פֿעטער.— דער ייִדע קוקט אויף דיר.

פֿון דער וואַנט פֿון ליטאַן קוקט אַראָפּ אויף מיר דאָס בילד פֿון ייִדן. וועלכער איז געשטאָרבן אין די ערשטע יאָרן פֿון מיין לעבן. ווי ס׳פּאַסט פֿאַר יעדן ראָש פֿון אַ פֿאַמיליע האָט ער צו זיין פֿופֿציקסטן געבורטס־טאָג פֿאַר 20 דאָיאַן באַ־שטעלט זיין פּאָרטרעט ביי אַ מאָלער פֿון טשון־טסין. דער ראָש פֿון אַ פֿאַמיליע מוז איבערלאָזן אַ דענקמאָל, איידער דער טויט רייסט אים אַוועק. דער ייִדע איז געווען אַ געלערנטער פֿון צווייטן ראַנג — טסיו־טשען. דאָס איז אַ פּראָווינצער טיטל. ער האָט געהאַט אַראָפּהענגענדיקע, אַביסל גרוילעכע וואָנסעס, געטראָגן אַ היטל פֿון אויבן צעשפּאָלטן, און אויף דער ברוסט דעם מאַנדאַרין־קוואַדראַט איבער זיין אויבערראָק מיט אויסגע־האַפֿטענע ייִדענע און גאָלדענע פֿייגל.

איך געדענק, איבעריקס, שלעכט און אומקלאָר דאָס הויז אין דען טסיאַ־טשען. כ׳פֿלעג נאָר זיין דאָרט ביי זעלטענע אָנ־געלעגנהייטן. ווען איך בין צוויי יאָר אַלט געווען, האָט מען מיך געבראַכט אין דאָרף סיאַן־שי. לויט אונזער שטייגער פֿון רע־כענען בין איך דאַן נאָר איין יאָר אַלט געווען. מיר כינעזער רעכענען דעם עלטער נישט פֿון טאָג פֿון געבוירן, נאָר פֿון אַ יאָר פֿריער.

3. דער עלטערער פֿעטער

מײַן פֿעטער שטודירט אין יאַפּאַן אין אַן אוניווערזיטעט. איך קען אים נישט.

נאָענט און טײַער איז מיר אין די טעג פֿון מײַן קינדהייט געווען מײַן עלטערער פֿעטער, אַ מאַן, וועלכער האָט געזאָלט ווערן דער שטאָלץ פֿון דער פֿאַמיליע. דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט.

שי – דאָס איז דער הערשנדיקער קלאַס אין אַלטן כינע, די געלערנטע. נאָר ווען מען האָט דעם עקזאַמען אָפּגעגעבן און מען איז געוואָרן אַ שי, קען מען אָנטון אַ שען — דעם אוניפֿאָרם פֿאַס פֿון אַ באַאַמטן, אַן ענגע רייף, באַפּוצט מיט שטיינער און שפּיגעלעך.

דער טיטל פֿון אַ געלערנטן איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַ באַאַמטן-פּאָסטן און אַלע זײַנע פּריווילעגיעס. שען שי — דאָס זענען אָנגעזעענע פֿאַמיליעס, וועלכע פֿאַרמאָגן גרויסע גיטער און לאָזן זייערע קינדער אַ ביסל לערנען, כּדי זיי זאָלן שפּעטער אַן אַמט באַקומען און פֿון די איינקונפֿטן נאָך מער פֿאַרגרעסערן זייער ערד-באַזיץ.

מיר, די דענס, זענען אויך געווען שען-שי. נאָר פֿאַראָרעמטע. שענס איז אין אונדזער פֿאַמיליע, וועלכע איז געווען אין אָפּאָזיציע צו דער מאַנדזשורישער דינאַסטיע, געווען חייניק. דערפֿאַר האָבן די געלערנטן-טיטלען אין אונדזער טשו-פּו געגלאַנצט נאָר נעבן די נעמען פֿון די אָבות.

נאָך לאַנג פֿאַר מײַן געבורט האָט מײַן פֿעטער נאָכן ענדיקן די מיטל-שול באַקומען דעם טיטל פֿון אַ סטודענט — סון-שאַן. אין דרײַ יאָר אַרום האָט ער אין דער קרייז-שטאָט (וועלכע שטעט דערקענט מען לויט דעם צונאָב-טראָף „פֿו" צ"ב פשיפו) אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען אויף אַ געלערנטן פֿון דריטן ראַנג — סיו-טסאַי. נאָך ווײַטערע דרײַ יאָר איז דער פֿעטער

געמאַרן קיין טשענדו, דער הויפט-שטאָט פון סעטשואַן אָפּצו-געבן דעם עקזאַמען אויף אַ געלערנטן פון צווייט ראַנג — סיו-שען.

ער פלעגט מיר אָפט דערציילן, ווי דאָס איז צוגעגאַנגען. מען פלעגט די קאַנדידאַטן אַריינזעצן אין שטייגן. טון פלעגט מען דאָס דערפאַר, כּדי אויסערלעך צו זיכערן די „ערלעכ-קייט" פון די עקזאַמענס. אין דער שטייג פלעגט מען מיטנע-מען פאַפּיר, אַ פענדזעל, טוש און אַ מוח, וואָס איז אָנגעשוואָלן געווען מיט אַ פאַנטאַסטישער צאָל נעמען, פּסוקים, אַפאָריזמען, פּירושים און דאַטעס. די עקזאַמענס זענען געווען בלויז שריפט-לעכע.

מען האָט געגלויבט, אַז אַ נישט-אָרנטלעכער און פאַר-ברעכערישער מאַן ווערט אין שטייג פאַרלאָזט פון זיין גייסט און פאַלט אַדורך. דעריבער מוז דער געלערנטער, וואָס גרייט זיך צום עקזאַמען און גייט אין שטייג אַריין, זייער גוט אַכ-טונג געבן, נישט צו באַגיין די מינדסטע זינד אַפילו. אַפילו באַוועגן זיך פלעגט דער געלערנטער אויף עפּעס אַ באַזונדערן שטייגער, פאָרזיכטיק, נישט אַרויפצוטרעטן אויף אַ זשוק אָדער אַ מוראַשקע. אַפילו מיט די הענט באַוועגן האָבן זיי געמוזט פאָרזיכטיק, פאַמעלעך, קיין בייז נישט צו טון חלילה די מי-קראָסקאָפּישע בעשעפעניש, וואָס שוועבן אַרום אין דער לופט. אַזוי הייסט דער בודדיזם*).

דעם געלערנטן איז אַלס איינציק פאַרגעניגן פאַרבליבן נאָר חיין און אָפּיום. ווען דער געלערנטער איז נאָכן אָפּגעבן דעם עקזאַמען נישט געוואָרן קיין באַאַמטער און האָט זיין הויכן טיטל נישט געקענט ווי געהעריק אויסנוצן, איז פאַר אים איינס געבליבן — ווערן אַ לערער. די רענס זענען זעלטן געוואָרן באַאַמטע, אָבער לערערס איז אין אונזער שטאָט געווען אַ סאַך. מיין פאָטער און ביידע פעטערס האָבן אַ סאַך שעהן ביי דעם שול-טיש פאַרבראַכט, לערנענדיק מיט אַלץ נייערע דורות קליינע ערגסטע מענטשעלעך אין לאַנגע כאַלאַטלעך.

*) בודדיזם — אַן אינדישע רעליגיע, געגרינדעט פון בודדאַ אין 6-טן יאָרה פאַר קריסטוסן. (איבערז.)

אין די טעג פון אַפּרו פלעגן די געלערנטע אײנאָרדענען בעלער צוזאַמען מיט זײערע פרײנד פון די עקזאַמען־שטײגע־לעך. אויף די דאָזיקע בעלער פלעגן די לוסטיק־געוואָרענע פעדאַנטן, מיט קײלעכיקע טעצעלעך צוגעוואַרעמטן רײַז־בראָנפן אין האַנט. קאָנקורירן צווישנאַנאַנד און אימפּראָוויזירן פערזן אויף באַשטימטע טעמעס — צומאָל צאַרטע און לירישע, צו־מאָל ווידער איראָניש־פילאָזאָפירנדיקע. די דאָזיקע פערזן פלעגן אויפגײן ווי בױנטע ראַקעטעס פון געהירנס. וואָס זענען אָנגע־פיקעוועט געוווען מיט פערזן פון דיכטער, וועמעס געבײן האָט זיך שוין לאַנג אין טויזנט־יאָריקן שטויב פאַרוואַנדלט.

מײַן פעטער איז געווען זײער פעיִק. זײַנע עקזאַמען־אַר־בעטן זענען אויסגעצײכנט און אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף די קאָסטן פון דער רעגירונג און צו די קרובים און געלערנטע צעשיקט געוואָרן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז נאָך דרײַ יאָר וועט ער אין פעקין אַלס געלערנטער פון ערשטן ראַנג — טסין־סיו — פון שטײַג אַרויסקומען און דאָן דאָרט, ווער ווײסט, אפשר אין קײזערלעכן פּאַלאַץ דעם עקזאַמען אויף דעם העכסטן געלערנטן־ראַנג פון אַקאַדעמיקער — כאַן־לין — אָפּגעבן.

אָבער... אין דער פאַמיליע האָבן געטראָפן עטלעכע טויט־פאַלן. ס׳איז געשטאָרבן דעם פעטערס זײדע. דער פעטער האָט אָנגעטאָן ווײַסע טרויער־קלײדער. דער שטרענגער טרויער גע־דויערט דרײַ יאָר און אין דער צײַט טאָר מען נישט חתונה האָבן און זיך נישט עקזאַמינירן. דער פעטער האָט געדולדיק געוואַרט. די טרויער־צײַט האָט זיך שוין געהאַלט ענדיקן, אָבער דאַן איז געשטאָרבן די באָבע. האָט מען ווידער געמוזט וואַרטן דרײַ יאָר. נאָך דער באָבען האָט דער טויט צוגענומען דעם פעטערס פאָטער, מוטער און שטיפמוטער.

אַזוי האָט ער אַדורכגעהאַלטן פופצן טרויער־יאָרן דורכ־אַנאַנד. ווען דער טרויער האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז אין דער צווישנצײַט (1904) האָט מען אָפּגעשאַפט דעם אַלטן סיסטעם פון עקזאַמענס. און אין נאָך עטלעכע יאָר אַרום האָבן סון יאַט־סענס אָנהענגער אַראָפּגעוואָרפן די קײזער־

לעכע דינאַסטיע און אַ סאַך געמאַכט מיט די ראַנגען פון גע־לערנטע מאַנדאַרינען.

דער פעטער האָט דאָס קינמאָל נישט געקענט שענקען דער נייער כינע, אין דער פערזאָן פון מיין פאָטער, אַ רעי־וואָלוציאָנער און אַ כין־יאַט־סעניסט.

— דיין פאָטער איז אַ פאַררעטער — פלעגט ער צו מיר אָפט זאָגן מיט טרערן אין די אויגן. — צוליב אים האָב איך נישט געקענט דערגרייכן דעם העכסטן געלערנטן־ראַנג.

ניכטערנהייט איז דער פעטער אַן אָנגעברוגזטער. טרינקט ער אָבער אויס ביים טיש אַ קאַן הייסן געלן וויין, ווערט ער אַ לוסטיקער, וויציקער און גוטמוטיקער מאָנאַרכיסט. ער פלעגט מיך, אַ יינגל, אויך וועלן אָנשיכורן, ווען די באָבע זאָל זיך נישט אַריינמישן. איך געדענק, ווי ער האָט איינמאָל די עס־שטעקעלעך — קואַי־טסי — אין וויין איינגעטונקען און מיר גע־געבן אָפצולעקן. מיר האָט דער וויין נישט געשמעקט, ער איז געווען צו ביטער.

אויסער דעם רייכערט דער פעטער אָפיום. איך גנבע מיך אריין צו אים אין צימער. דאָרט שטייט אַ בעט, אַ ריזיק שטיק מעבל. דער געלבגער און דאַך זענען פון האָלץ. דער דאַך שטייט אויף זיילעכלעך. צווישן זיי הענגט אַ פאָרהאַנג, וועל־כער ווערט ביינאַכט פאַרצויגן. ביים צוקאָפנס פון בעט, אויף דער זעלבער הויך, שטייט אַ טישל און דערנעבן אַ שענקל, ענלעך צו אַן אייראָפעישער קאָמאָדע. אין אַ וואַרעמער נאַכט קען מען די גאַנצע איינריכטונג אויפן הויף אַרויסטראָגן און שלאָפן אונטערן פרייען הימל. מען דאַרף זיך אפילו פאַר אַ רעגן נישט שרעקן. דאָס וואַסער רינט מיט די ברעטער פון דאַך אַראָפּ. אין צימער איז דער דאַך איבערן בעט נויטיק, כדי צו פאַרמיידן, אַז טויזנטפיסלערס און אַנדערע אינזעקטן זאָלן פון באַלקן נישט אַראָפּפאַלן אויפן שלאָפנדיקן.

דער פעטער עפנט דאָס שענקל און נעמט אַרויס אַ די־קע אָפיום־פייקע פון באַמבוס־האָלץ, וואָס איז שווער פון דעם אינעווייניק אָפגעזעצטן אָפיום־זאַפט און דיק ווי אַ פלייט. דער־

נאָך נעמט ער אַרויס אַ שאַכטעלע מיט אָפּיום, שוואַרץ און געדיכט ווי לײם. צום סוף נעמט ער אַ שטײן, אַ נאָדל און אַ לעמפּל. דאָס לעמפּל זעט אויס גאַנץ אויסטערליש, עס איז פון קופּער. דער פלאַם איז פאַרדעקט מיט אַ גלעזערנעם קליאַש מיט אַ לעכל פון אויבן, דורך װעלכן עס דרינגט אַרויס אַ הײ־סער פײַער־שטראַם. אין מיטן פון דער פײַקע שטעקט אַ צי־בעלע־פאָרמיק גלעזל. אונטער דעם קליאַש ברענט אַ קנויט, אײַנגעטונקט אין זענעסט־אײל; דער פּלאַם האָט נישט קײן ריח, אַזוי האָבן ליב די אָפּיום־רויכערער.

מיטן שפּיץ פון דער נאָדל נעמט דער פעטער אַרויס אַ טראָפּן אָפּיום פון שאַכטעלע און װאַרעמט אים אָן איבער דעם לעמפּל. דער אָפּיום קאָכט און פאַרוואַנדלט זיך אין בלעזלדיקן װײַסן שוים. דעם שוים קנעט דער פעטער אויס אויפן פּאָלירטן שטײן אין אַ האַרטער קויל. טוט זי אַרויף ווי אַ פּערעלע אויפן שפּיץ נאָדל, לײגט די פּערל אַרײַן אין דער אויסהוילונג פון דער גלעזערנער ציבעלע און שטרעקט זיך אויס אויפן בעט. אין די צײַן האַלט ער דעם מויל־שטיק פון דער פײַקע און װאַרעמט די גאַנצע צײַט די קויל בײַ דעם קליאַש, אַרײַנאָטע־מענדיק דעם אָפּיום־דאַמף, דערצײלט ער:

— אין דעם עקזאָמען־שטײַג בין איך געזעסן דרײַ טעג. איך האָב מיטגענומען אַ באַמבוס־קערבל מיט עסן. באַזונדערע װעכטער האָבן דורכגעזוכט מיך און דאָס קערבל. זײ האָבן קאָנטראָלירט, צי עס שטעקן נישט אַמאָל אין די קיכלעך און אין די אוגערקעס צוגעגרײטע אויפזאַצן. איך האָב געקריגן אָנצושרײַבן אַ פּירוש צו קאָנפוציוסעס לערע. איך האָב דעם עקזאַמען גלענצנד אויסגעהאַלטן. מײַן אַרבעט איז געװאָרן אָפּ־געדרוקט און איבערן גאַנצן קרײַז, צו די באַקאַנטע, קרובים און עקזאַמען־קאָלעגן פונאַנדערגעשיקט. די טעמע װעל איך דיר נישט זאָגן. דו ביסט נאָך צו קלײן און װעסט זי נישט פאַר־שטײן און איך אַלײן, האָב איך מורא, האָב שוין אויך דעם קאָמפּליצירטן טיטל פאַרגעסן.

דער עקלדיקער זיסער גערוך פון אָפּיום צעגײט זיך

איבערן צימער. דער פעטער דערציילט שוין מײַסעלעך. פלוצ-לונג גייט ער איבער צו פּאָעזיע. באַלד ווערט דער פעטער אָנטשולדיגן, זײַן פּנים ווערט בלוי, פון מויל פאַלט אים אַרויס די פײַקע. טײַלמאָל דערשוויגט איך זיך און זעץ אים אויף. אָבער — מייסטנס אַנטלויף איך פון צימער, פאַרשיכורט פון דעם שווערן איבלדיקן גערוך.

שפּעטער האָט זיך דאָס געענדערט. פאַר זײַן טויט האָט דער זיידע פאַרבאָטן דעם פעטער צו רייכערן אָפּיום. דער פעטער האָט געפאָלגט. נאָר די מאַכט פון געוווינהייט איז אַזוי גרויס, אַז ער פלעגט נאָכן עסן אַרײַנגיין צו זיך אין צימער, אַרויסנעמען אַלע צום אָפּיום-רייכערן נויטיקע מכשירים פון שענקל און זיי אַוועקלייגן נעבן זיך. אַזוי פלעגט ער ליגן נעבן דער קאַלטער פײַקע. אָבער גערייכערט האָט ער נישט.

דער פעטער איז דער עלטסטער אין דער פאַמיליע. ער וווינט אָבער אָפּגעזונדערט פון אונז, אין דער שול, וווּ ער לערנט.

ער האָט מיך, דעם יינגסטן, זייער ליב. די דערוואַקסענע טראָגן מיך נאָך אַלץ אויף די הענט. איך האָב ערשט אָנגע-הויבן צו רעדן. מײַן פאָטער שטודירט אין ווייטן יאַפּאַן.

איך געדענק אַ יומטוב. אויפן ברעג פון טײַך איז פול מיט קינדער. זיי צופּן זייערע פאָטערס פאַר די פאָלעס פון די כאַלאַטן און בעטן זיך, מען זאָל זיי קויפן שפּילצייג און צוי-קערלעך. זיי דרייען זיך נאָכאַנאַנד אַרום זייערע פאָטערס אַרום און דאָס וואָרט „באַבאַ“ (אַזוי רופט מען אין כינעזישער פאָלקס-שפּראַך אַ טאַטן) הילכט איבער דעם ברעג. איך פרעג דעם פעטער:

— פעטער, צי האָב איך נישט קיין טאַטן?

איך רוף דעם טאַטן נישט „באַבאַ“, נאָר „פו-טסין“, אַ נאָמען פון דער שיינער כינעזישער ליטעראַטור, דער פעטער האָט עס מיך אויסגעלערנט.

איינמאָל, אין אַ גוטער מינוט, האָט מיר דער פעטער געוואָלט שענקען אַ מאַנדאַרינישן הוטל מיט אַ ביינערנעם אָפּ-

צייכן, וואָס שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם געלערנטן-ראַנג. איך האָב נישט דערוועגט זיך אָנצונעמען די גרויסע אומגעלומפּערטע זאַך — ווי איז מיר נישט געפֿעלן געוואָרן. דער פֿעטער האָט זיך אָפּגעקערט און אָנגעהויבן שפּיל צו וויינען. ער איז ביכלל געווען אַ וויינער.

4. די באָבע

פֿון דער גרויער נעפּלדיקער דעמערונג פֿון דער קינדהייט טויכן אויף פּנימער, ווערטער, זאַכן, דער בלויער יאַנגטסע, בלומען-באַדעקטע בערג. דאָס הויז אין סיאַן-שי איז געווען אַ סך קלענער פֿון אונזער שטאָט-הויז. ענג און אָרעם איז אַלץ אין אים. דער טאַטע איז אין יאַפּאַן. מען מוז לעבן באַגרענעצט. מיר האַלטן נאָר איין דינסטמיידל און דאָס אויך נאָר אין די טעג, ווען די מאַמע איז קראַנק. קיין גרינס-גאָרטן איז נישטאָ, דערפֿאַר אָבער איז דאָ אַ קליינער סאָד מיט פּערשקעס און באַנאַנען און אַ מאַנדאַרינע-פֿעלדל, וואָס געהערט צו דעם הויז.

די באָבע גיט מיר צו עסן רויזן-קערעלעך, געטריקנטע אויף דער זון. זי שיילט אָפּ די קערעלעך און—אַ קערל נאָך אַ קערל — לערנט זי מיך ציילן: אינאַ, לאַנגאַ, סאַנגאַ, סיגאַ, אוגאַ: איינס, צוויי, דריי, פֿיר, פֿינף. נאָך דעם דערציילט זי מיר מײַסעלעך.

„אַמאָל, אַמאָל זענען געווען קינדער, וועלכע האָבן נישט געפֿאָלגט די דערוואַקסענע. איינמאָל איז די מוטער אַוועקגעגאַנגען פֿאַרבעטן די באָבע צו גאַסט, און זי האָט געזאָגט:

— קינדער, גייט נישט אַרויס פֿון דעם הויז, ווײַל אין די בערג וווינט אַ בייזע מכשפֿה, וואָס פֿרעסט קינדער.

די מוטער איז אַוועק און די קינדער האָבן געוואַרט און געוואַרט געדולדיק. ביז די געדולד האָט בײַ זיי געפּלאַצט. איין

קינד איז געװען צװישן זײ, װאָס האָט קײנמאָל נישט געקענט אײַנזיצן אויף אַן אָרט און קײנעם נישט געפֿאָלגט. האָט דאָס קינד באַשלאָסן אַרויסצוגײן אין גאָרטן שפּאַצירן און האָט אויך די איבעריקע קינדער צוגערעדט מיטצוגײן מיט אים. װי די מכשפה האָט דערזען די קינדער, האָט זי זיך איבערגעטון װי די באָבע און איז אַװעק צו זײ צו גאַסט.

— װוּ איז די מאַמע? פֿרעגט די מכשפה, און די קינדער ענטפֿערן:

— זי איז געגאַנגען דיך רופֿן, באָבעשי.

— אַך, הײסט עס, אַז מיר האָבן זיך אין װעג אויסגעמיטן.

די קינדער האָבן זיך געפֿרײט מיט דער באָבען און נאָכן אָװנטברויט זענען זײ מיט איר צוזאַמען געגאַנגען שלאָפֿן. זײ האָבן זיך געלײגט אין זײערע בעטלעך. די מכשפה האָט גענומען דאָס ייִנגסטע קינד צו זיך, און װען די קינדער זענען אײַנגעשלאָפֿן, האָט זי עס אונטער דער קאָלדרע אויפֿגעפֿרעסן.

די מכשפה האָט געפֿרעסן, אַזש די בײנדעלעך האָבן געקנאַקט. פֿון דעם קנאַקן האָבן זיך די קינדער אויפֿגעכאַפּט און געפֿרעגט:

— באָבעשי, װאָס עסטו דאָס?

— איך קײַ באָבעס, כ'האָב אָנגעטראָפֿן אויף אַ האָרטן.

— גיב אונז אויך.

— גוט, אײגעס װעל איך געבן — האָט די מכשפה געענטפֿערט, און האָט דעם קלענסטן געצויגן צו זיך אונטער דער קאָלדרע און אים, װי דעם ערשטן, אויפֿגעפֿרעסן.

אַזוי האָט זי אַלע קינדער ביז צום עלטסטן אויפֿגעגעסן. דער עלטסטער ליגט אין זײַן בעט און װוּנדערט זיך, פֿון װאַנען די באָבע האָט דאָס אַזױפֿיל באָבעס. װי נאָר די זאַטע מכשפה איז אײַנגעשלאָפֿן, גנבעט ער איר אַרויס אײן בעבל און דערזעט, אַז דאָס איז דעם ברודערס פֿינגערל".

דאָ האָט זיך דאָס מײַסעלע געענדיקט. דערצײלנדיק דאָס

מײַסעלע, פֿלעגט די באָבע אויסגלאָצן די אויגן און מאַכן דער־בײַ שרעקלעכע מינעס. איך פֿלעג מיך שטאַרק שרעקן פֿאַר די מײַסעלעך און נישט װעלן גײן אַלײן.

די באָבע איז געװען מײַן זײדנס צװײטע פֿרוי. דעם זעלבן זײדנס, װעמענס בילד ס׳הענגט אויף דער װאַנט אין ליסאָן. זי איז געװען מײַן טאַטנס שטיפֿמוטער. זי אַלײן האָט קײן קינדער נישט געהאַט. דערפֿאַר פֿלעגט זי אַזױ פֿיל מיט מיר זיך אָפּגעבן.

די מאַמע אַרבעט אין קיך אָדער לערנט מיט די מײד־לעך, װאָס קומען צו אונז אַהײם. איך בין שטאַלץ מיט מײַן מוטער. פֿרױען, װאָס קענען לײענען און שרײַבן און דערצו נאָך לערערינס, איז אין מײַנע צײַטן געװען װײניק אין כינע.

די באָבע נײט און איך זיץ נעבן איר אויף אַ נידעריקן שטולכל. איך טראָג אַ כאַלאַטעלע און מיט בלומען געהאַפּטענע פּאַנטאָפֿל אויף מײַנע װײסע זאָקן. באַרװעס גײען טאָר מען נישט, מען װאָלט געלאַכט פֿון מיר. באַרװעס גײען נאָר די קוליס. קו — הײסט לאַסט, לי — קראַפֿט. קוליס, דאָס איז דאָס פּראָסטע פֿאָלק, פֿאַרשמירטע, רױע, אָפּגעריסענע פֿורמאַ־נעס, טראַסירע־פֿירערס, טרעגערס, װאַנדערנדיקע שניטערס — מיט אײן װאָרט אַלע די, װאָס פֿאַרקױפֿן זײערע ריזיקע בראָנ־זענע, אין אַרבעט פֿאַרשטאָלטע, מוסקלען פֿאַר קופּערנע ציאַנס מיט אַ קװאַדראַט־לאָך אין דער מיט: איך שרעק זיך פֿאַר די קוליס, אָבער אין אונדזער הויז באַהאַנדלט מען זײ גוט. באַזונ־דערש מײַן יונגער פֿעטער, װעלכער װױנט מיט אונז צוזאַמען (ער איז אויך אַ לערער). דערײַבער קוקן אַלע רײַכע לײַט אויף אים מיט פֿאַראַכט.

װען מיר דאַרפֿן אַמאָל אַ קולי, געפֿינען מיר אים זײער לײַכט.

איך זיץ נעבן דער באָבן און בוי פֿון שטעקעלעך און קלעצעלעך הײַזער, פּאַגאָדעס און בריקן. איך שטעל מיר פֿאָר, אַז איך בוי מײַן ליבלינג־בריק איבער דעם טײַכל, װאָס פֿאַלט הינטער סיאָן־שי אַרײַן אין יאַנגטסע. די בריק איז פֿון שטײן,

באַצירט מיט פיגורן. פון שטיין געהאַקטע דראַכנס, צווי מעטער די הייך, שיצן זי. די בריק ווערט אַרומגענומען פון דריי טויער־בויגנס. די טויער־בויגנס זענען געווידמעט די גע־טרייע אלמנות פון קרייז סיאַן־שי, וועלכע זענען געטריי געבליבן זייערע געשטאָרבענע מענער.

די דאָזיקע בריק האָט אַ זייער רייכער שען־שי אויפגע־בויט מיט פופציק יאָר צוריק. זיין איינציקער זון איז געווען אַ קריפל. וועגן דעם, אַז דער קריפל זאָל האָבן קינדער, האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין. דער שטאַם פון דעם רייכן מאַן האָט געמוזט אויסשטאַרבן. ער האָט נישט געהאַט קיינעם, וועמען ער זאָל קענען דאָס אָנגעהויפטע געלט אָפּשרייבן. דעמאָלט האָט ער אויסגעבויט די בריק. אויף אירע שטיינער דרעשן די פויערן אין הייסע שניט־טעג די תבואה. נישטאָ אין קרייז קיין בעסער דרעש־אָרט, ווי די גלאַטע שטיינער פון דער בריק.

איך לייג אָן די קלעצלעך און וואַרף זיי ווידער פונאַנ־דער. איך זיך צו דער באָבעס פיס, וועלכע זענען קליין און קיילעכיק, ווי די קאָפּיטעס פון אַ פערד. די באָבע רופט זיי מיט שטאָלץ „גאָלדענע ליליעס״. די באָבע נייט און זינגט און לערנט מיך אויס אַ לידל:

אי די אַ	איין פאָר געגרו
ער די אַ	צוויי פאָר געגרו
פּי טיי	פליען אַוועק
פּי נאַי	פליען צוריק
טיע גאַ פאַ.	באַזוכן די באָבע.
גאַ פאַ פּו טשי	די באָבע האָט נישט ליב
סי משאַן פאַ	רייז מיט חזיר־פּעטש
יאַ טשי סיא כאַ	די באָבע עסט גערן
שועי יאַ מאַן.	אָן איי פון אַ הילדן ענטל.

איך פאַרשטיי, פאַרוואָס די כיטרע באָבע עסט גערן אייער פון ענטלעך: עס איז זיי שווער צו קריגן.

ביי אונדז אין שטוב עסט מען נאָר הינעריאייער. די מאַמע און די באָבע קענען זיי זייער געשמאַק צוגרייטן. זיי מאַכן אַ גריי פון ליים און אַש פון אַרבעס- אָדער רייז-שטרוי און שמירן דערמיט אויס דאָס איי; דאָס איי טריקנט איין, בלאָזט זיך אָן, ווערט גרויס ווי אַ פויסט; דאַן פאַרגראָבן זיי עס אויף 20 טעג אין דער ערד. ווען מען דערלאַנגט ביי אונז אין אַ יומטוב אַזאַ איי צום טיש, האָט עס אַ האַרט ברוין חלמון, ווייך גרינלעך געלכל און אַ פרישן אָנגענעמען געשמאַק. גלייך מען האָלט עס אָקאָרשט געהאַט אָפּגעקאָכט. אַמאָל טרעפן זיך אין ווייסל פון אַזאַ איי אָדערלעך, ווי ציפּריס-צווייגעלעך. „דאָס האָב איך זיי מיט ציפּריסן-אַש צוגעגרייט", דערקלערט מיר די באָבע.

אַ קילער ווינט באַוועגט די הייסע לופט; אין קיך רוישט און זידט דאָס וואַסער און עס קלינגט דאָס געשיר אין דער מאַמעס הענט. ווייט אונטן, פון ברעג פון דעם נישט געזעענעם פון דאַנען יאַנגצעע, הערן זיך די קולות פון די פישערס און די קוויטשערייען פון קינדער, וואָס פליוסקען זיך אין וואַסער. איך וויל זייער אַראָפּגיין צום וואַסער, אָבער מען לאָזט מיך נישט. די מאַמע האָט מורא: מען קען מיר שלעכטס טון. מיך באַליידיקן אָדער מיך אין וואַסער אַריין אַ שטויס טון. „גוט, וועל איך זיך דורכשפּאַצירן איבערן גאָרטן" — זאָג איך. די מאַמע קוקט מיך אָן מיט אומצופרידנקייט, פירט מיך אין שול-צימער אַריין, טונקט איין אַ פּענדזל אינעם קופּערנעם טוש-האַלטער, נעמט מיך אויף די קני און מאָלט אויס מיט דעם דינעם קיצלדיקן פּענדזל דריי-בלעטערדיקע שוואַרצע בלומען אויף מיינע האַנט-פלאַכן און אויף די לייוונטענע זוילן פון מיינע פּאַנטאָפל.

איצט קען איך גיין. אויב איך וועל גיין איבער אַ פייכטן גרונט, אָדער כ'וועל די הענט אין וואַסער איינטונקען, וועלן די בלומען אָפּגעוואַשן ווערן און איך בין פאַראַטן.

איך האָב געזען, ווי עלטערן שלאָגן זייערע קינדער פאַר די אָפּגעוואַשענע בלומען.

איך גיי נישט צום טייך. דאָ ביי סיאָן-שי איז ער גע-טערלעך. דער ברעג לאָזט זיך מעשופּע אַראָפּ אין טיפענישן פון טייך. די קינדער פון די פישערס און טראָסטזע-פירערס שווימען און טונקען זיך אונטער נעבן האַפן, שלאָגן זיך און שילטן. וואַנדקעס ביינען זיך פאַרזיכטיק איבערן וואַסער. דאָס וואַסער איז געל און צעשפּריצט זיך אין די פעלזן. פיש קומען גאַנצע מענגעס טייך-אַרויף צו לייגן רויגן.

5. מיין פרימאָרגן

איך שטיי אויף זייער פרי. עס איז נאָך זייער טונקל. די העגער קרייען אין מאָרגנגרוי. נעבן מיר אָטעמט גלייכמע-סיק די מאַמע. איר קאָפּ ליגט רויק אויפן פירקאַנטיקן קישן. זי און די באָבע האָבן זיך שפּעט געלייגט שלאָפן, פאַר דער מאַמען איז עס נאָך איצט צו פרי אויפצושטיין.

איך דריי זיך אום. דערפון וועקט זיך די מאַמע אויף, חגם דאָס געפּרעסטע שטרוי אין שטרוי-זאַק אונטער דעם פלאַכן וואַטירטן מאַטראַץ רוישט נישט. איך האָב מיך דערוואַרעמט איבער נאַכט אונטער דער וואַטענער קאָלדרע; איצט וויל איך שפּאַצירן גיין. כ׳האָב ליב צו קוקן אין בלוילעכן מאָרגנ-גרוי, איידער די זון גייט אויף, ווי איבער יעדן דאַך פון סיאָן-שי הויבט זיך אויף אַ גרוי-בלוילער רויכל פון אָנגעצונ-דענעם האָלץ אין די קיכן.

איך שלאָף אין העמד. כ׳בין אַן אָרעמיק קינד, איך שטיף נישט און פאַרשמוץ זיך נישט. כ׳טוין מיין העמד און טויש עס יעדן דריטן טאָג.

— אוואַ יאָ טשי נאַי — פליסטער איך דער מאַמען אויפן אויער: כ׳וואָלט שוין וועלן אויפשטיין.

די מאַמע קושט מיך נישט. זי דריקט אפילו מיין קאָפּ צו איר באַק נישט צו. זי גלעט מיך בלויז איבערן קאָפּ, זאָגט אַ צערטלעך וואָרט און דאָס איז אַלץ.

באַלד זעצט זיך די מאַמע אין בעט אויף און טוט זיך אָן. דער מאַמעס פיס זענען גאָר עטוואָס קלענער פון נאָרמאַלע. דער שפּאָן איז אַביסל העכער. כ׳האָב ליבער דער מאַמעס פיס ווי דער באָבעס „גאָלדענע ליליעס״. די באָבע לויפט אויף אירע פיס אַזוי אומגעשיקט, יעדער טריט גצדויערט ביי איר אַ מינוט, און איך אייל מיך שטענדיק.

שנעל ציט די מאַמע אַרויף די אַליין־געשטריקטע ווייטע זאָקן, טוט אָן די ווירענע פּאַנטאָפל, שטעקט אַריין די פיס אין די לאַנגע בלויע הויזן, טוט אָן דעם אויבער־ראָק וואָס גרייכט איר ביז די קני און נעמט זיך צו מיר. זי פּאַרקנעפּלט מיין אויבערראָק אויף די קיילעכיקע קנעפּלעך און ווישט מיך אָפּ. זי ברענגט פון קיך הייס וואַסער אין אַ קופּערנע שיסל (אַ גאַנצע נאַכט גליִען די קוילן אונטערן קעסל), גיסט אַריין אין עק פון האָריקן האַנטעך אין וואַסער, דרענגט אויס, זייפט אים איין און מיט דעם ׳איינגעזייפטן עק רייבט זי מיר וואָרגעזידיק אויס דעם שטערן, דאָס פּנים, דעם האַלדז און די אויערן. ווען איך פינטל נאָך מיט די פאַרזייפטע אויגן, שווענקט די מאַמע אָפּ דעם האַנטעך און ווישט פון מיר אָפּ דעם זייף. נאָך דעם ברענגט זי אַ נייע פּאַרציע הייס וואַסער און מיטן האַנטעך, איינגעטונקט אין פרישן וואַסער, רייבט זי קרעפטיק דאָס גאַנצע פּנים נאָך אַמאָל אויס. גערן באַפריי איך איינציקווייז פון אירע הענט די אויגן, נאָז און דאָס צעפּנטע מיילכל.

ווען איך בין נאָך אַ קלענער געווען און האָב געוואָגדערט פון האַנט צו האַנט, פון דער מאַמען צו דער באָבען, פלעגט מיר די מאַמע רייניקן מיט אַ שמאַטקע אַרום אַ פינגער די יאַסלעס, אויף וועלכע ס׳האָבן שוין אָנגעהויבן וואַקסן ציין, ווי שטיקעלעך־צוקער.

איצט אָבער בין איך שוין אַ גרויסער. כ׳האָב מיין אייגן הייך בערשטעלע פון פערדישע האָר. דער געזאַלצענער ציין־פּראָשעק רייצט דאָס שפּייעכץ, און איך שווענק לאַנג דאָס מויל מיט וואַסער. וואָס ווערט אָפּגעגאָסן פון אויסגעקאָכטן רייז.

איך וואַש זיך און רייניק די ציין פיר מאָל אין טאָג: אינדערפרי, אין אָוונט און נאָך די צוויי מאָלצייטן.

בלענדנד־ווייסע ציין האָבן די סעכשוואַנער. אַלע, אפילו די קוליס, אפילו די פּאַלאַנקין־טרעגערס רייניקן די ציין אָדער שוואַנקען יעדנפאַלס אויס דאָס מויל נאָכן עסן. דערפאַר וואָלטן דאָ ביי אונדז ווייניק דענטיסטן.

און ווען מען זעט אין מויל פון רייכע סוחרים ביים לאַכן, אַ גאָלדענעם שנייד־צאָן, איז עס ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך דעם צאָן פאַרדאָרבן עסנדיק צוקערלעך אָדער פאַרלוירן ביי אַ געשלעגן. אַ גאָלדענער צאָן גילט ביי די סוחרים פאַר עפּעס ווייער עלעגאַנטס. זיי לאָזן זיך דעריבער ביים דענטיסט אָפּפיילן אַ גאַנץ געזונטן צאָן, כדי צו פאַרלייגן אויף אים אַ קרוין פון געלן מעטאַל. איך בין פאַרטיק. איצט נעמט זיך די מאַמע צו זיך אַליין. אויף אַ טישעלע צוקאָפּנס פון איר בעט שטייט אַ שיסעלע און אַ שפּיגל. זי צעקעמט די האָר מיט אַ קאַם פון פּאַלמע־האָלץ, שמירט זיי איין מיט אייל, צעטיילט זיי אין צוויי פּאַסמעס, וועלכע זי דרייט אויפן נאַקן צונויף און גלעט צו דעם דאָזיקן האָר־קאָטלעט מיט די זילבערנע שאַרפן פון די האָר־נאָדלען, וועלכע זענען פלאַך ווי לעפל.

מיין קאָמפּליצירטע פריזור פאַרטרוי איך דער באָבעס הענט.

— ציין וואָן,— זאָג איך העפלעך ביים אַריינקומען אין דער באָבעס צימער, — וואָס מאַכסטו, באָבעשי?

אַ געלערנטער, בלוילעך־מאַטער פליק גלאַנצט איבער מיין פאַררייסן נעזל. די האָר איבערן שטערן זענען ביי מיר אָפּגעראַזירט, אָבער הינטער די אויערן זענען זיי מיר היפּש אָנגעוואַקסן. די באָבע פאַרפלעכט זיי מיר אין צוויי צעפּלעך ביי די זייטן. די לאַנגע צעפּלעך זענען מיין און דער באָבעס שטאָלץ. ווען איך וועל זיין אַ גרויסער, וועט דער לאַנגער צאָפּ פון אַ דערוואַקסענעם מאַן מיר אַראָפּהענגען איבער דער פּלייצע.

די באָבע היט מײַנע האָר און יעדן דריטן טאָג וואַשט זי מיר דעם קאָפּ מיט הייסן וואַסער.

די טואַלעט איז געענדיקט, ביז צום פרישטיק איז נאָך לאַנג. איצט צעשיידן זיך די וועגן פון דער מאַמען און דער באָבען. די מאַמע גייט אין קיך, די באָבע ווידער נעמט דאָס באַמבוס־קערבל פון קיך־טיש, און גייט מיט מיר אין גאַס נאָך גרינס.

די פּאַרקויפערס גייען צעבויגענע אונטער דער לאַסט פון זייערע בייגפעדיקע טראָג־שטאַנגען. קרויט, אוגערקעס און רעטעך דריקן אויף זייערע אַקסלען. געקרײַזלטע קרויט־הײַפּט־לעך און פלאַך־נאָזיקע אוגערקעס וואַנדערן פון די פּאַרקויפערס אַריבער אין אונזערע קערבלעך. מיר האָבן הי נישט קיין איי־נגענע גרינס־גאָרטן, ווי אין דען־טסיאַ טשען.

צומייסטנס פּריי איך מיך, ווען די באָבע גייט נאָך חזיר־פעטס און ברוינע, שאַרפע סאָיאַ־באָב. אין דער היים ווערט פון דעם צוגעגרייט אַ טונקעלער בריי — מיין באַליבסטער מאכל.

די קראָם איז ענג און טונקל און זעט אויס ווי אַ קאָ־רידאָר. אין שוואַרצע טעפּ שטייען אויף פּאָליצעס — סאָיאַ, זאַלץ, עסיק, פעפער און אַנדערע געווירצן. דערנעבן איז אַ קראָם מיט זיסקייטן. מען קען דאָ קריגן אַ געלבלעכן, אוי־סערגעוויינטלעך זיסן פּראָשעק, געמאַכט פון צוקער־ראָר; ס׳זע־נען אויך דאָ גרינע שטענגלעך פון דעם ראָר, געטונקטע אין אַ פּאָס וואַסער; אויך געטריקנטע פרוכטן, איינגעמאַכטס אין ליימענע טעפּלעך און גלבזערנע סלאָיקלעך און וועלישע ניס.

דער איינגטימער פון דער קראָם איז אונזערס אַ קרוב. ער דערלאַנגט מיר אַ צוקערל. איך קוק שווייגנדיק דער באָ־בען אין די אויגן. אויב זי וועט דערלויבן, וועל איך נעמען. ס׳טרעפט אָבער, אַז די באָבע דרייט זיך איבער דער קראָם און באַשמעקט די סחורות און זעט נישט מיין בעטנדיקן בליק — דעמאָלט גיי איך אוועק אָן אַ צוקערל.

איך וואָלט קיינמאָל קיין צוקערל אָן דערלויבעניש נישט

גענומען. דער עלטערער פעטער זאָגט שטענדיק: מען דאַרף
קיין פרעמדע זאַכן נישט נעמען. ווען מען שענקט מיר אַפילו
ביי אַ באַזוך אַ שפּילצייג, שטעל איך עס ביים אַוועקגיין
שטילערהייט ערגעץ אַוועק.

איך בין, איבעריקנס, נישט קיין גרויסער ליבהאָבער פון
צוקערלעך. הגם איך בין ערשט פיר יאָר אַלט, טראַכט איך
מיר: אַ צוקערל פאַרדאַרבט די ציין. די שוואַרצע וואָרצלען
פון די פוילנדיקע מילך-ציין ביי אַ טייל יינגלעך אין שול,
רופן אַרויס ביי מיר אַן עקל.

איבער די שטיינערנע פליטעס פון די פרימאָרגנדיקע
גאַסן פון סיאַן-שי גייען מיר מיט דער באָבען צוריק אַהיים.
מיר גייען פאַרביי דער אַפּטייק. ס'איבלט מיך דער שטיקנדי-
קער גערוך פון די רפואות, וואָס טראָגט זיך פון דעם האַלב-
טונקעלן קאַמערל, ווו די ווענט זענען אַרומגעשטעלט מיט אַ
מאַסע שופלאָדן מיט אויפשריפטן. אין די שופלאָדן ליגן צווייגע-
לעך, געטריקנטע בלומען, בלעטער, גרעזער, יאַגעדעס און וואָרצ-
לען. אין אַנדערע שופלאָדן שטינקען געטריקנטע גיפטיקע אינ-
זעקטן: סקאָרפּיאָנען און שפּאַנישע פליגן. מען לייגט זיי צו
צו אָנצינדונגען, געשווירן, זיי זאָלן גיכער אָנציען. די ווייסע
טיגער-ביינער צעשטויסט מען און מען טריקנט זיי מיט בראָנפן,
אָדער מען צערייבט זיי אין אַ פּראָשעק, מישט אויס מיט חזיר-
פעטס און מען מאַכט פון דעם פלאַסטערס. די טיגער-ביינער
ווערן גענוצט ביי ביינער-פוילן, ביינער-ברעכן און אַלע ביינער-
קראַנקייטן, ביי וועלכע די קראַנקע מוזן גיין אויף קוליעס. אַ
פוילן גערוך האָבן די הייל-מיטלען פון יונגע הירשן-הערנער.
זיי זעען אויס ווי סאַמעטענע קנוילן מיט פאַרגליווערטן בלוט
אינעווייניק. די קנוילן ווערן אין וואַסער געקאָכט, דערנאָך גע-
טריקנט און צעריבן אין אַ מעל. פילן פון דעם מיטל נעמען
אײַן מענטשן, וועלכע זענען בלאַס און דורכזיכטיק געוואָרן
נאָך אַ לאַנגער קרענק, שלאַבעריקע זקנים און שוואַכע מענער.
זיי זענען זייער טייער, אָבער אַזאַ איין האָרן קלעקט אויף
לאַנג.

דעם אויבערשטן פאַנצער פון אַ ים־שילדקרעט קאָכט מען אַזוי ווי די הערנער און ער ווערט גענוצט אַלס רפואה פאַר קראַנקע, באַזונדערש צו היילן פיינלעכע און שווערע פרויען־קראַנקייטן. וואָלט אָבער אַ דאָקטאָר פאַרשריבן אַ רייכן קראַנקן פון אונזער סיאַן־שי רובינען און טאָפּאַזן, אויף מעל צעשטויסענע, אָדער די וואָרצלען „זשען־שען" וועלכע זענען טייערער פון גאָלד, אָדער דאָס געטריקנטע האַרץ פון אַ פאַרברעכער, וואָלט ער עס אין אונדזער אַפּטייק נישט געקריגן. די דאָזיקע אַפּטייק איז נאָר אַ דאָרפישע פיליע פון דער רייכער אַפּטייק אין קרייז־שטאָט.

דער אַפּטייקער האָט צוויי ייִנגלעך. איינער פון זיי איז אַ ביסל עלטער פון מיר. דער צווייטער איז אין מיין עלטער. אָבער, פאַרבייגייענדיק פאַר דער אַפּטייק, קוק איך נישט אין זייער זייט און האַלט מיך אָן אין דער באָבעס אַרבל. זיי זיצן איצט שטיל — דאָס טרעפט זיך ביי זיי זעלטן. דאָס זענען די גרעסטע קלאָגערס אין דער וועלט. אין פאַרגלייך מיט זייער געברילעריי זענען אַלע אייזלען פון סיאַן־שי און דער אומגעגנט גאָרנישט ווערט. דעריבער פאַרווערט מיר אויך די מאַמע צו שפילן זיך מיט זיי.

אַלץ העכער און העכער שטייגט די זון און וואַרעמט די גאַסן פון סיאַן־שי מיט אירע פאַרקויפערס, באַלעבאָסטעס און קינדער, וואָס לויפן אין שול אַריין. איך מייד אויס דעם באַוועגלעכן פאַראַוואַן, וואָס שטייט פאַר אונזער טויער, און ביי אַריין אין דעם הויף, וואָס איז אָפּגעשניטן פון דאָרף, פון דער פּראָווינץ סעטשואַן און פון דער גאָרער וועלט.

— איך ווייס, צו וואָס דער פאַראַוואַן נוצט. דעריבער באַמי איך מיך אים קיינמאָל נישט אָנצורירן אָדער קיין שטויס צו טון. ער באַשיצט אונזער הויף נישט נאָר פאַר פרעמדע בליקן, נייערט אויך פאַר די בייזע גייסטער, וועלכע שוועבן אין דער לופט אַרום מער ווי פליגן איבער אַ נבלה, ווי מוקן איבער אַ זומפּ. קיין שום ווינט־שטויס וועט איצטער צו אונז די נישט־גוטע נישט אַריינטרייבן.

פאַר נײַ־יאָר קלאַפּט מען אויף די טירן און טויער־פאַ־
ראַזאַנען צו רויטע פּאַפּיר־צעטלען, אָפּצושרעקן די נישט־גוטע.
אויף די צעטלען איז אויפגעשריבן: „טשון טאַי־גון איז דאָ".

טשון טאַי־גון איז אַ העלד, וועלכער האָט דאָס גאַנצע געזינדל פון שדים און רוחות באַזיגט און אײַנגעזונצט הינטערן שלאָס. די רוחות ציטערן פאַר זײַן נאָמען, ווי פליגן פאַר דעם פליגן־שוואָם.

אויף אונדזער פּאַראַוואַן פעלט דער נאָמען פון טשון טאַי־גון. אונדזערע דערוואַקסענע האַלטן נישט פון אים, און איך בין נאָך צו קליין און קען נאָך נישט שרײַבן קיין היערגליפן, ווײַל איך קען נאָך אַפילו נישט האַלטן דעם פּענדזעל אין האַנט.

ס'איז אַכט אַזייגער, די צייט פון פרישטיק.

אַרום דעם קוואַדראַט־טיש אין עס־צימער זיצן די מאַמע, די באָבע, דער פעטער און איך. מיר עסן רײַז, געקאָכטע גרינע קרויט, סאָיאַ מיט חזיר־פעטס, טאָו־פו — אַ ברײַ פון באָב־מילך, — געזאַלצענע אוגערקעס, בעבלעך און רעטעך. די אַלע מאכלים שטייען אויפן טיש און פאַר יעדן עסער שטייט אַ ווײַס שיסעלע ווו ס'ליגן די עס־שטעקעלעך, קוואַי־טסי.

ווען איך בין נאָך קליין געווען, פלעג איך עסן מיט אַ לעפל פון מײַן שיסעלע. איך בין זייער שטאָלץ געווען, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל די קוואַי־טסי באַקומען און אָנגעהויבן צו עסן ווי אַ דערוואַקסענער. איך בין אָבער געווען באַליידיקט פאַרוואָס די מאַמע אָדער די באָבע לייגן מיר נאָך דאָס עסן אויפן טעלער. געקרענקט אין מײַן אַמביציע, האָב איך זיך או פן שטול געשטעלט קניִענדיק און אַליין מיט די קוואַי־טסי אַרײַנגעלייגט די פרישע גרינסן אין מײַן טעלער. כ'האָב מיך אָבער נישט אײַנגעהאַלטן אויף די קני, פאַרלוירן די גלײַכגעוויכט און מיטן שייף אַ שטאַרקן שטויס זיך געטון אין קאַנט פונעם טיש. איך האָב אַ געשריי געטון און בין געפאַלן אין חלשות. אַלע זענען אויפגעשפרונגען. דער פעטער האָט מיך

געכאַפּט אויף די הענט, צוגעדריקט דער מאַמעס טוך צו דער וווּנד און איז מיט מיר אַוועקגעלאָפן צום דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר מיט דער שוואַרצער באָרד האָט מיר אַרויפ־געלייגט אַ פלאַסטער אויף דער וווּנד. די וווּנד האָט געצאַיטערט צוועלף טעג, דערנאָך האָט זי זיך פאַרהיילט. אַ צייכן איבערן ברעם האָב איך נאָך ביז היינט.

טיי טרינק איך, ווען איך וויל. איך גיי אין קיך און גיס מיר אָן פון די קופּערנע טשייניקעס, וועלכע שטייען אַ גאַנצן מעת־לעת אויפן פייער.

אין דער קיך איז אַזוי אָנגעררייכערט, אַז דער מאַמעס אויגן טרערן אַ גאַנצן פרימאָרגן. פון אונטער די דריי איינ־געמויערטע קעסלען שלאָגן אַרויס פלאַמען און וואָלקנס רויך. די שמאָלע אויוון־רער קען נישט אַריינגעמען דעם פייער־שטראָם, וואָס רייסט זיך פון די פייער־לעכער, פון וועלכע אין איינעם ברענט האָלץ, און אין די אַנדערע צוויי — קוילן. אונטער די קעסלען קנאַקן ריזיקע שייטן האָלץ. קומען קומט דאָס האָלץ צו אונז פון די געדיכטע וועלדער מיט די ריזיקע ביימער, וואָס וואַקסן הויך אויף די בערג פון סעטשואַן. די שייטן קומען מיט די בערג־טייכן צושווימען און דערנאָך טראָגן זיי אויף זייערע אַקסלען די פויערים, וועלכע פאַרדינען אויף ברויט מיט האָלץ־צופיר אין די פרייע טעג פון די פעלד־אַרבעטן. דאָס האָלץ איז ביליק. אַ שייט האָלץ פון אַ מעטער די לענג און אַ פערטל מעטער די דיק קאָסט אַ טונזער — דריי גראָשן. די קוילן ווידער קומען מיטן יאַנגטסע צו שווימען פון די גרובנס, וואָס ליגן אַ 40 לי ווייט פון סיאַן־שי.

איך הער אויף די טרעפ אַ צוויטשערן פון שטימעס. עס זענען געקומען די מיידלעך, דער מאַמעס שילערינס.

פינקלענדיק מיט די פון רויך גערויטלטע אויגן, ווישט די מאַמע אָפּ די פאַרריסטע הענט, ציט אָן פעסטער די הויזן, פאַרריכט די בלוזקע און גייט אַרויס צו אירע שילערינס.

די דאָזיקע מיידלעך זענען מיינע איינציקע שפּיל־חברטעס.

איך בין זייער לערערינס זון און דעריבער באַגייען זיי זיך פריינדלעך מיט מיר און רופן מיך ברודער.

זומער קליידן זיך די מיידלעך אין ווייסן, פרילינג און האַרבסט זענען זייערע הויזן און בלוזקעס בלוי, אין ווינטער — שוואַרץ. יעדע איינע האָט אַ צאָפּ, פאַרפּלאָכטן מיט אַ בונטן באַנד. אויפן שטערן פאַלט אַראָפּ אַ גריווקע, און אונטער איר גלאַנצן לעבעדיקע אייגעלעך.

די מיידלעך רעדן נישט, נאָר פליסטערן, זיי קוקן נישט, נאָר — פינטלען מיט די אויגן, זיי לאַכן נישט, נאָר — כיכיקען. פון אַלץ לאַכן זיי. זיי לאַכן אַריין אין זייערע טיכעלעך. זיי זאַמלען זיך אין אַ קרייז, באַראַטן זיך און באַשליסן, ווער ס'איז שיין, ווער מיאוס, ווער אומגעשיקט, ווער גײַציק און ווער ס'איז נישט שיין אָנגעטון. אויף די פויזעס צווישן די לעקציעס רופן זיי מיך צו זייערע שפּילן. אָבער איך קען מיך נישט שפּילן און כ'גיי צו גאָר צוצוקוקן זיך, ווי זיי וואַרפן אונטער מיט די פיס דעם טיאַן־סו, אַזאַ פוסבאָל פון פעדערן, וואָס הייבט זיך אין דער לופט אַרויף פון די גע־שיקטע שטויסן מיט די פיס און פאַלט שוין מער נישט אויף די שטיינער פון הויף אַראָפּ.

די מיידלעך שפּילן זיך אין „עטל־בעטל": זיי בינדן זיך אויף די פינגער אָן אַ שניר'ל, און דערנאָך נעמט איינע בײַ דער אַנדערע איבער, דער רינג גייט איבער אין אַ וויגעלע, קראַטן און אַנדערע מוסטערן.

די מיידלעך לערנען מיך אויס צו שפּילן אין שאַך. דער שאַך־שפּיל איז נישט ווי דער אייראָפּעישער. דאָס ברעטל האָט נײַן קוואַדראַט אויף נײַן. קיין געשניצטע פיגורן איז נישטאָ. אויף שוואַרצע און רויטע בײַנער זענען אָנגעצייכנט היעראָ־גליפן. ס'איז דאָ פינף בויערן, צוויי האַרמאַטן, צוויי וועגענער, צוויי פערד, צוויי קאַנצלערס, צוויי געלערנטע און איין קיניג. די גאַנצע אַרמיי צעשטעלט מען נישט אין 2 רייען, ווי אין אייראָפּע, נאָר אין דריי, און נישט אינעווייניק אין די קוואַד־

ראָטן, נאָר אויף די שניט־פּונקטן פון די ליניעס. צווישן די לאַ־
גערן גייט אַדורך אַ נייטראַלער פּאַס — „דער טייך".

דערנאָך שפּילן די מיידלעך אויף אַ פּליט. צאַרטע, שטימונגפולע מעלאָדיעס, וואָס רייסן זיך מיטאַמאָל אָפּ. איך זיץ אויף די הייסע שטיינער פון הויף און אָבסערוויר די קליי־נע, געלע מוראַשקעס, וואָס פּאָרען זיך פון שפּילטל צו שפּעלטל אויף אַ באַלעבטן געסל. די מוראַשקעס מוז מען אַכטן. זיי זאַ־נען אַ מוסטער פון קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן. אַזוי זאָגט די באָבע.

מיט אַ פּערדישן עק אויף אַ הילצערנעם הענטל יאָגן די מיידלעך פּעטע פליגן און גיבן זיי מיר. איך פיטער מיט זיי די מוראַשקעס. די צוגעוואָרפענע פליג ווערט באַלד באַדעקט מיט אַ מאַסע געלע פּיצלעך—מוראַשקעס, אין אַ מינוט אַרום בלייבן נאָר די דינע געוועבן פון די פליגל. די באָבע נייט קליינינקע פאַנטאָפעלעך פאַר אירע „גאָלדענע ליליעס" *). כ'האָב שוין געענוג די מוראַשקעס. איך זעץ מיך נעבן איר אויף אַ שטולכל, לייג דעם קאָפּ אויף אירע קני און דרימל אַזוי ביז מיטאָג. מיר עסן מיטאָג צוועלף אַזייגער.

— עלף אַזייגער פאַרגייגן זיך די מיידלעך טיף פאַר דער מאַמען, זאָגן איר „נין־כאָאָ" — אַ גוטן טאָג — און פּלאַפּלען־דיק און צווישערנדיק פאַרשווינדט דאָס גאַנצע געזעמל הינ־טער דעם הויפּישן טויער־פּאַראַוואַן.

נאָכן שלאָף טאָרן מענטשן אייגנטלעך נישט שלאָפן. שוין קאָנפוציוס האָט צו זיין שילער געזאָגט: „אַ מענטש, וועלכער שלאָפט צופיל, איז ווי אַ צעפוילטער קלאָץ. פון וועלכן מען קען קיין סטאַטוע נישט אויסשניצן". אָבער מיך גייט דאָס נישט אָן. איך שלאָף נאָכן עסן.

אַ הינטל בלאָזט פון יאַנגטסע, רוישט מיט די בלעטער און קילט די היץ. אויפן הויף וואַשן די מאַמע און די באָבע

---

*) די פיס פון די פרויען אין אַלטן כינע פלעגן ווערן קינסטלעך פאַרקלענערט. מען פלעגט זיי רופן „גאָלדענע ליליעס" (איבערז.)

הענט אין אַ באָליע און אַ מולטער. דער גרויער זייף, וואָס ווערט ביי אונז געמאַכט פון אַ ספּעציעלן פעטן ליים, גליטשט זיך איבער די נאַסע שטאָפן. צוליב דעם דאָזיק זייף זענען די כינעזישע וועשערייען באַרימט: זיי באַנוצן זיך נאָר מיט אים און נישט מיט די אייראָפּעיִשע פעטס-זייפן.

אויף דינע באַמבוס-שטאַנגען הענגען פייכטע, אויסגעדרונגענע העמדער. די זון וועט אַרויסציִען דאָס, וואָס דער מאַמעס שוואַכע הענט האָבן אַרויסציִען נישט געקענט.

איך כאַפּ מיך אויף. די באָבע רופט מיך אויף אַ שפּאַציר איבער די פעלדער הינטערן דאָרף.

6. פעלדער

אונזערע זוילן טיאַפּקען איבערן פייכטן וועג. נעבן אונז לויפן אַרום ייִנגלעך. זיי האַלטן פּאַפּירענע דראַכנס אויף פעדים. די דראַכנס זעען אויס ווי שרעקלעכע פאַרזעענישן, טויזנט-פיסלער, ליבעלעס אָדער פלאַטערלעך. די קינדער מאַכן זיי זיך אַליין. זיי קויפן פאַר 3 טונזער פּאַפּיר, פאַר 10 טונזער שנירלעך און שניידן אַליין אויס די רעמלעך פון באַמבוס-רערלעך.

אויף פינף טויזנט איינוואוינער פון סיאַן-שי איז פאַראַן קוים 50 פערד. די פערד ווערן אָבער נישט באַנוצט צו דער אַרבעט. רייכע לייט רייטן אויף זיי אָדער פירן איבער לאַסטן. איבער אונזערע בערגיקע וועגן פאָרט מען נישט מיט וואָגנס. נאָר די מיליטער-לייט, אייגנטימער פון איינפאָר-הייזער און אונטערנעמער האָבן פערד. די אונטערנעמער פאַרדינגען די פערד צום רייטן און גיבן אויך מיט פירערס. די פויערים האָבן נישט קיין פערד. זיי האָבן קי. די קי האַלט מען נישט צום מעלקן. איך קען אַפילו נישט דעם טעם פון מילך.

די קי האַלט מען אויך נישט צוליב זייער פלייש: מיט 400 יאָר צוריק איז אַרויס אַ ספּעציעל געזעץ, וואָס פאַרבאָט

צו עסן רינד-פלייש. און שוין לאַנג פאַר דעם געזעץ האָט דער בודיסטישער גלויבן פאַרבאָטן צו פאַרגיסן בלוט פון חיות. די קי ווערן ביי אונז באַנוצט צו פעלד-אַרבעט.

ביים ראַנד פון סיאַן-שי ציִען זיך הײַזלעך און שטאַלן פון פויערים, וועלכע — כ'קען עס פון ראַנגען זען — אַרבעטן אויף די פעלדער. איך באַטראַכט זיי מיט דרך-ארץ. זייער שטאַנד „נוני" קומט גלייך הינטער אונזערן „שי". ערשט הינטער די פויערים גייען די „גון" — די האַנטווערקער, — און צום סאַמע לעצט די צום ווייניקסטן געשעצטע „סאַן" — די סוחרים.

קוליס און זעלנער שטייען אויסער די שטאַנדן.

צופוסנס פון באַרג-אָפּהאַנג ציִען זיך רײַז-פעלדער, מיט אַ נעץ פון ליים אויסגעבויטע פאַרצוימונגען. אַ רייז-פעלד איז ווי אַ סטאַוו. מען פאַרטרינקט עס מיט וואַסער און צעאַקערט דאַן דעם באָדן מיט אַן אַקער, וואָס איז ענלעך צו אַן אויסגעבויגענעם שטילעס. צום אַקער איז איינגעשפּאַנט אַ קו. זי שפּאַנט און כיאָפּקעט מיט אירע טלאָען אין געלן שליים. מיט די הענט און מיט דער ברוסט דריקט דער פויער דעם אַקער צו דער ערד צו. דער אַקער שניידט זיך אין דער ערד אַריין און וואַרפט אַרויס קלעפּיקע קלומפּנס. די דאָזיקע קלומפּנס ווערן שפּעטער מיט גראַבליעס צעריסן, און די שליימיקע ערד איז גרייט צום רײַז-פאַרזייִ.

אויף די פריש-באַוואַסערטע פעלדער צעשפּראָצן זיך די רײַז-זוימען. ווען זיי וואַקסן אויס ביז אַ 20 צמ., רייסט מען זיי אַרויס און מען זעצט זיי איבער אין בינטלעך צו צען אין שליים פון רייז-פעלד-סטאַוו. די בינטלעך ווערן אַ האַלבן מעטער אָפּגערוקט פונאַנאַנדער. ווי מיט אַ ווירע אויסגעמאָסטן, ציִען זיך די שאַך-ברעטער פון די רייז-פעלדער. דער גינגאָלד-אָפּגלאַנץ פון זון-פאַרגאַנג שפּיגלט זיך אָפּ אין די רייז-אָזיערעס און איבער דעם שפּיגל שטאַרן קוים באַמערקבאַרע גרינע שפּיצן אַרויס.

דער רייז ווערט גיך צײַטיק. עס קומט דער זומער מיט

זיינע געהאַלטיקע גאַס-רעננס, און דאָס וואַסער שטראָמט פון די בערג, ווי דער שוויים פון די ריפּן פון אַ פאַרמאַטערטן פערד. פון געוויסער ווערן פאַרפלייצט די קליינע אָזיערעס, וועלכע שטעלן צו וואַסער צו די רייז-פעלדער, וואָס ליגן אונ-טער זיי אין געשטאַלט פון טעראַסעס. דאָס וואַסער פאַרגיסט די פעלדער איבערן ראַנד, שווענקט אונטער די ליימענע פאַר-צוימונגען און די ברייטע שטראָמען, וואָס שלאָגן זיך נייע גע-לעגערס אַדורך, דראָען צו פאַרפלייצן דעם צייטיק-ווערנדיקן רייז.

אין דער דאָזיקער צייט פון די וואָלקנבריכן שטייען די פּויערים, דורכגענעצט און הונגעריק, טאָג און נאַכט ביז אי-בערן גאַרטל אין וואַסער און שלאָגן אָפּ די אָנגריפן פון דעם צעברויזטן וואַסער. זיי לויפן לענגויס די ליימענע שוץ-וואַלן, פאַרשטאָפּן די דורכן וואַסער געשאַפענע שפּאַלטן און רעגולירן מיט ברעטער דעם צופלייץ און אָפּפלייץ פון וואַסער.

אויף די רייז-פעלדער זעט מען נישט קיין פרויען. די אַרבעט אַרום רייז איז אַ שווערע אַרבעט, אַ מאַנסבילשע אַר-בעט.

דערפאַר פאַרען זיך אַ סך יינגלעך מיט פאַרקאַשערטע הויזן אין די גראָבנס אַרום די רייז-פעלדער. זיי שטעקן די הענט ביז איבער די עלנבויגנס אין וואַסער אַריין, באַגרען זיך אין שליים, צעשאַרן דעם בעדיכטן רייפנדיקן רייז און זוכן אַרום אינטער די שטיינער. זיי זוכן ראַקעס.

האַרבסט-צייט קריכן די ראַקעס אַרויס פון די שוואַרצע סטאַוון-טיפענישן, באַוועגן זיך אויף דעם געשמאַקן רייז און ווערן פעט. די יינגלעך פאַקן די ראַקעס פאַר די בייכלעך און וואַרפן זיי אין זייערע קערבלעך, צוזאַמגנ פאַרקייפן זיי זיי אויף די גאַסן פון סיאַן-שי.

די רייז-פעלדער ברענגען פרוכט נאָר איין מאָל אין יאָר. דערפאַר ברענט די אַרבעט אויף אַנדערע פעלדער אַ גאַנץ יאָר. אין פרילינג ווערן רייף די ווינטער-ווייצן און די אין דעצעמבער פאַרזייטע אַרבעס. אין אַפּריל זייט מען אין גלייכע

רייען קוקורוזע אויפן אָרט פון די אַרבעס. נאָך דריי מאָנאַטן רײַפט די קוקורוזע, און אונטן, צווישן אירע צוויי מעטער הויכע שטענגלעך, קויפלן אָן וואַסערדיקע, זיסע אוגערקעס, דיניעס און אַרבוזן. די קוקורוזע-קערנער זענען פאַר מענטשן באַשטימט, די בלעטער פאַר די פי. די שטענגלעך ווידער ווערן אײַנגעהאַקט, און ווען זיי פוילן שוין, באַמיסטיקט מען מיט זיי די פעלדער, אָדער מען טריקנט זיי און פאַרברענט אין אויוון.

נאָך דעם קוקורוזע-שניט ווערט אין דער הייסטער צייט פון זומער דאָס פעלד נאָך איין מאָל צעאַקערט און מיט גריקע פאַרזייט. אין שפּעט-האַרבסט שנײַדט מען די גריקע און די ערד נעמט אין זיך אַרײַן ווינטער-ווייץ און אַרבעס.

צומייסטן האָב איך ליב די פעלדער אין פרילינג. ווען ס'בליִען אַרבעס, די געפליגלטע בלומען זעען אויס ווי מיליאָנען פלאַטערלעך, וואָס לאָזן זיך אויף דעם גרינס אַראָפּ.

אונזערע פעלדער רוען קיינמאָל נישט אָפּ. איך האָב געלייענט אין די ביכער וועגן דריי-פעלדער-ווירטשאַפט און זיך זייער געוווּנדערט, ווי מען קען דאָס לאָזן אַ פעלד ליגן נישט-באַאַרבעט. מיר גיבן דער ערד צוריק איר פעטס אין געשטאַלט פון אײַנגעווייקטע, האַלב-פאַרפוילטע בלעטער. מיר פאַרשיטן די פעלדער מיט אַש פון רייז-שטרוי, אַקערן זיי אַדורך מיט אַש פון ביינער, וועלכע מען ברענגט אין זעקלעך צו פירן פון שטאָט. אין דער צייט פון די פרילינג געוויטערס באַדעקן זיך די פעלדער מיט אַן אָפּזאַץ פון שליים. דער צפון-מזרח-ווינט ברענגט שטויב פון פרוכטבאַרן לעס מיט זיך. אויף אונדזערע רייז-פעלדער ברענגט איין קערנדל מער ווי הונדערט קערנדלעך.

דאָרט, וווּ די פעלדער גייען איבער אין די שטייניקע בערג-שיפּועים, וואַקסט דער טונג-בוים — דער אייל-בירט-בוים. שוין דריי יאָר נאָך דער פאַרפלאַנצונג ברענגט ער ברוינלעך-גרינע פרוכטן, ענלעך צו פלוימען, מיט קליינע קערעלעך איניווייניק. אין פרילינג קען קיין שום ווינט נישט צעטרייבן דעם ריח פון דעם טונג-טסיס ווייסן בליעכץ, וואָס צעגייט זיך איבער די בערגעס פון יאַנגטסע. און אין האַרבסט קוועטשט

מען די פּעטע אײלבּירטן און ס'קנאַקן די קערנדלעך אונטער דעם פּרעס; די פּויערים קיעטשן זײ פּשוט צװישן בּרעטער אויס. פון אונטער די פּרעסן פליסן מענגעס העלער אײל — אײנער פון סעטשואַנגס גרעסטע אוצרות. מיט דעם דאָזיקן אײל שמירן די שיפבּויערס פון דער גאָרער װעלט, לױטן מוסטער פון די סעטשואַנער פּישערס, די אונטערן װאַסער ליגנדיקע טײלן פון זײערע בּאַרקעס, דזשאָנקעס, סאַמפּאַנעס און שיפן, כּדי דאָס האָלץ זאָל גישט פײַכט װערן, זאָל נישט פוילן און פון װערעם נישט צעפרעסן װערן. דער דאָזיקער אײל בּרענט אין אונזערע לײַכטערס און קעמפט פון װעגן דעם קנױט מיטן נאַפט, װאָס קומט צו אונדז פון אַמעריקע אין די העלע ציסטערנעס פון דער סטאַנדאַרד-אָיל קאָמפּאַניע.

הינטער די טון-טסי בּײמער שטײגן אויף די בּערג-שיפּועים די װעלדער-געדיכטעניש. פול זענען זײ מיט געתילד און מיט פײגל. זעלטן טרעפט מען דאָרט אָן אויף אַ שטעגל בּינשטאָקן, פון פעסער געמאַכטע, און דאָ פון בּינען-צוכטער אַװעקגעשטעלטע אויף צוצולאָקן די װילדע בּינען, װאָס נעסטן זיך אין די אויסהײלונגען פון די בּײמער. אָבער דאָרט, װוּ עס ענדיקן זיך די װעלדער, ציִען זיך בּיז אונטער די װאָלקנס די גרויגרינע אָפּהאַנגען פון לאָנקעס, אויף װעלכע עס פּיטערן זיך סטאַדעס גראַציעזע דין-װײדלדיקע סעטשואַנער שעפּסן אונטער דער אויפזיכט פון אַ פּאַסטוך-ייִנגל און זײַן געהילף, דעם בּאָק.

איך שרעק מיך פאַר די שאַרפע הערנער פון בּאָק, אָבער איך האָב ליב די פינגער אַרײַנצושטעקן אין װאַרעמען געדיכטעניש פון דער שעפּסענער װאָל.

די זון פאַרגײט בּאַלד. ס'מוז שוין זײַן אַזײגער זיבן. ס'איז צײַט אויף אָװנט-בּרויט. צוריקװעגס אַהײם רײַס איך בּלומען. כ'שטרעק אויס די האַנט נאָך דעם גאָלדענעם בּליִעכץ פון זענעפט. די באָבע ציט מיך פאַרן אָרעם.

— ניטע. נישט דערויף האָבן די פּויערים דעם זענעפט געפלאַנצט. דערװעג זיך נישט צו רײַסן, די פּויערים װעלן בּײז זײַן.

אין די צימערן ווערט טונקל. כ'קריך אַרויף אויף אַ שטול און שטעק אַריין מיין בּיקעס אין אַ וואַזע אויפֿן שרייבּ-טיש. די מאַמע גיסט וואַסער אין דער וואַזע אַריין. איך זעץ מיך אויף מיין שטולכל און רו זיך אָפּ. איך זיץ שטיל. איך קוק, ווי די מאַמע גרייט צום טיש און ברענגט אַריין קאָכעדיקן רייז.

דאַמף הויבּט זיך פֿון אַלע שיסלען. נישטאָ היינט קיין קאַלטע מאכלים. היינט עסן מיר אָן עלטערן פֿעטער. ער איז דער איינציקער צווישן אונז, וואָס פֿאַרבּייסט מיט קאַלטע מאכלים צום געלבּלעכן בראָנפֿן.

בּיים אָוונט-בּרויט פֿאַל איך שוין פֿון די פֿיס.

שלאָפֿן, שלאָפֿן, שלאָפֿן.

די מאַמע טוט מיך אויס. ווייך דעקט זי מיך איין מיט דער קאָלדרע און זאָגט:

— שלאָף רויק, וואַרף נישט אַראָפּ די קאָלדרע, דריי זיך נישט!

אויפֿן הויף גרילצן די גרילן. ווי עפּעס אויסטערלישע שטורעם-גלעקלעך אין דער טונקלקייט. אין די ווינקלען פֿון די צימערן זומען די מוקן. די מאַמע זיצט נעבן מיר, גלעט מיט דער האַנט מיין קאָלדרע און זינגט אַ ליד אָן ווערטער. איך קוק אויף דעם פֿאָרהאַנג פֿון דינעם לייוונט, פֿלוימען-צווייגעלעך זענען אויף אים אויסגעמאָלט: ראָזע בלומען און בלוילעכע בלעטער. פֿון מיין בעט-דעכל אַראָפּ הענגט אַ קערבל. ס'וואַקסן אין אים ווייסע בלומען — אי-לאַ-סיאַן. בּייטאָג שמעקן נישט די בלומען. איצטער דרינגט אַ פֿיינער פֿרישער גערוך דורך די שטענגלעך פֿון קערבל.

איבּערן בעט פֿון יעדן כינעזער הענגט בּיינאַכט אַ קערבל מיט אי-לאַ-סיאַן. דער מאַמעס לידל גיסט זיך צונויף מיטן גערוך פֿון אי-לאַ-סיאַן, מיט דער טונקלקייט, דעם זשומען פֿון די גרילן, דעם גערויש פֿון די ווייטע גלאַטיקע וואַסערן פֿון אָוגוסט. איך שלאָף איין.

7. איך בין אין שול

דער עלטערער פעטער דרייט זיך ארום מיט א זייער צופרידענער מינע. זיין פנים לייכט, ער פינטלט מיט די אויגן, ווי ער וואלט יעדע רגע געוואלט דערציילן עפעס א קאמישע מייסע.

איך בין שוין אלט פינף יאר (לויט די אייראפעישע באגריפן — פיר). דער פעטער פירט מיך אין צימער, אין וועלכן עס הענגען אויף דער וואנט די סי־פו־פין, פיר לאנגע פאפירענע מגילות מיט שיינע היעראגליפן.

דער פעטער ווייזט מיר אן דעם אויבערשטן היעראגליף און זאגט: וואן. איך זאג נאך: וואן. דער פעטער מאכט א פויזע, דער „וואן" זאל זיך גוט איינפעסטיקן אין מיין געהירן און רופט אן דעם ווייטערדיקן צייכן: „טשען". ווען איך האב פארגעדענקט „טשען", רופט דער פעטער אן דעם לעצטן היעראגליף „טין".

„וואן טשען־טין". איך חזר־גוט איין דעם דאזיקן נאמען, צייכענענדיק אין דער לופט מיט אן אויסגעשטרעקטן פינגער די ליניעס פון זיינע היעראגליפן. וואן טשען־טין — אזוי הייסט דער לערער, וועלכן איך האב נאך קיינמאל נישט געזען, אבער צו וועלכן מען וועט מיך באלד פירן.

„וואן טשען־טין, וואן טשען־טין" — פארעקשנט און מיט אן אומקלארן געפיל פון אכטונג, חזר איך איבער דעם נאמען. פופצן יאר שפעטער וויל איך פריידיק און פול מיט פאליטישער באגייסטערונג אויסרופן וואן טשען־טין, דעם נאמען פון א הויכן באאמטן אין פעקין, וועלכער הייסט אזוי ווי מיין ערשטער לערער, און וועלכער האט אן אפמאך אונטערגעשריבן, דעם ערשטן אפמאך לויט דעם פרינציפ פון גלייכבארעכטיקונג צווישן כינע און דעם ראטן־פארבאנד.

אין שטוב הער איך אונטער א שמועס צווישן פעטער און מיין מאמען וועגן דעם, וווהין מען זאל מיך שיקן: אין דער אלגעמיינער פאלקשול, ווו דאס לערנען איז אומזיסט,

אָדער אין דער פּריוואַטער שול, וווּ מען לערנט טאַקע בעסער, אָבער מען מוז צאָלן און — דאָס נישט ווייניק.

— אונזער שכנס זין צאָלן דאָרט זעקס דאַיאַן אַ יאָר און דער דיקער טוכהענדלער טוט צאָלט פאַר זיין שוועסטער־קינד צוואַנציק דאַיאַן אַ יאָר. צוואַנציק דאַיאַן! מיר אַלע זאָלבעפערט פאַרעסן נישט, און גיבן נישט אויס אויף וואַשן און הייצן קיין צוואַנציק דאַיאַן אַ חודש!"

צוואַנציק דאַיאַן איז אומגעפער 100 גילדן.

דער פעטער גייט מיט שטילע טריט אַהין און צוריק, פינטלט כיטרע מיט די אויגן אין דער מאַמעס זייט אין זאָגט, נאָכמאַכנדיק איר באַזאָרגטן טאָן:

— פאַר שי־כואַן וועלן מיר צאָלן נאָר צוויי דאַיאַן אַ יאָר. דער לערער וואַן־טשען־טין נעמט אַזוי ביליק, ווייל שי־כואַ איז מיין ברודערן־זון.

דער פעטער איז שטאָלץ, וואָס ער קאָן זיך באַרימען מיט דער אַכטונג, וועלכע מען ווייזט אים אין סיאַן־שי אַרויס.

ס'קומען אָן די קאַלטע טעג פאַר ניי־יאָר. דער ניי־יאָר־יום־טוב מיט זיין שפּאַנונג און פייערלעכער שטימונג גייט אַריבער. ביי אונדז אין שטוב רעדט מען נאָר וועגן לערערס און שולן. דער פעטער זאָגט ברוגזלעך:

— סיאַן־שי איז אַזאַ גרויס דאָרף — 5000 איינוווינער — און פאַרמאָגט איין איינציקע אַלגעמיינע פאָלקשול. דאָס איז אומדערהערט. אין אַנדער דערפער זענען נאָך אויסער פאָלק־שולן אויך דאָ מיטלשולן. וואָס טראַכט זיך אונזער סיו־טונג? (סיו־טונג איז דער באַאַמטער, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט דעם שולוועזן אין דאָרף און באַשטימט די פאַרוואַלטערס).

דער פעטער ווייזט מיר אַ בלעטל פּאַפּיר. דריי היעראָגליפן שטייען אויף אים. איינעם קען איך שוין, דאָס איז דער היעראָגליף וואַן — דער נאָמען פון מיין לערער, אָבער די צוויי אַנדערע קען איך נישט. דער פעטער לייענט זיי מיר פאָר: טסיאַ — אוּאַן. אוּאַן — דאָס איז אַ טאָל, וואָס איז אַרומגע־רינגלט מיט אַ האַלבקרייז פון בערג. טסיאַ־אוּאַן — דאָס

איז דער שטאָט־טייל, אין וועלכן ס׳וווינט דער לערער. דאָרט אַהין וועל איך די טעג מוזן גיין.

איך שפּאַציר זיך לענגויס די גרינלעכע ציגל פון אונ־זערע הויז־מויערן. מיט אַ שטעקעלע מאָל איך אויף זיי פּאַנ־טאַסטישע צייכנס און איך פאַנטאַזיר:

– איך לערן זיך שוין, איך שרייב שוין. איצט בין איך שוין אַ באַרימטער שיין־שרײַבער און היעראָגליפן־מאָלער און פאַר יעדן אות באַקום איך פינף דאַיאַן.

דאָס פענצטער פון טוגקלען צימער קוקט מיך אָן. דאָס פענצטער איז ווערטיקאַל געטיילט אויף צוויי טיילן: איין העלפט איז פאַרגלאָזט, די צווייטע אָבער איז פאַרלקעפּט מיט אַ גרינג־לעכן דורכזיכטיקן פּאַפּיר, דאָס פּאַפּיר איז צעריסן און לעכער־דיק. דער ווינט שפּילט זיך מיט די פּאַפּיר־ריסן און דורך דער עפענונג הער איך פאַרטרויבטע שטימען פון אַ געשפּרעך. די גרעבערע און העכערע שטים – דאָס איז דעם פעטערס, די שטילערע און ווייכערע – דער מאַמעס.

– צוויי דאַיאַן, אויס אַכטונג צו מיר, צוויי דאַיאַן.

ניי־יאָר איז אַריבער. ס׳קומט אָן מיין גרויסער טאָג

– כוּאַ, טו אָן דיין מאַ־גוּאַ.

די מאַמע טוט מיר אָן אויפן כאַלאַט אַ שוואַרצן אַט־לאַסן־גלאַנציקן וועסטל מיט לאַנגע אַרבל, וואָס גרייכן ביז אַרי־בער די האַנט־געלענקען. איך פאַרשטיי, וואָס דאָס באַטײַט. נאָר אין טעג פון זייער פייערלעכע יומטובים אָדער באַ־זוכן טוען אָן די פעטערס – ווי איך האָב באַמערקט – אַזעל־כע גלאַנציגע מאַ־גוּאַס.

ביידע פעטערס, די מאַמע אין די באָבע באַגלייטן מיך פייערלעך און זאָרגעוודיק ביז צים טויער און דער דיקער פון שטרוי אין ליים געמאַכטער מויער, וואָס רינגלט אונזער הויף אַרום און איז אויבן מיט טונקעלע ציגל געדעקט.

– איצטער ביסטו אַ שילער.

– גענוג צו שטיפן און ליידיק גיין.

— מען דאַרף זיך לערנען — אַזוי באַגלייטן מיך ווײַטע ציטערנדיקע שטימעס.

אין שול אַריין פירט מיך דער ייִנגערער פעטער. איך גיי נעבן אים, איך שטיי נישט אָפּ און קוק מיך נישט אום צו אונזער טויער, פון וועלכן עס קוקן מיר נאָך דרײַ פּאָר אויגן: ביטערע דעם פעטערס, גרײַז־שוואַכע — דער באָבעס און די ליבסטע — דער מאַמעס.

איך בין אויפגערעגט, אָבער אַ פרייד פיל איך אין מיר. אין דער היים בין איך איינער אַליין און מוז פאַרברענגען נאָר מיט דערוואַקסענע. אָבער איצט דערוואַרט מיך אַ פריילעכע, אינטערעסאַנטע און צעשפּילטע שילער־געזעלשאַפט. איבער מײַן אָרעם הענגט אַ קערבל. עס ליגן אין אים: אַ לײַענבוך, ווײַרויך־שטעקעלעך, אַ פּאָר רויטע ליכטלעך און אַ ראַקעטע, וואָס איז געמאַכט פון קליינע, מיט שרויט אָנגעפילטע טאַרבעלעך צונויפגעבונדענע מיט אַ האַרטן שיס־צינגל.

פאַר דער שול באַגריסן אונדז צוויי הינט מיט אַ הײזעריקן בילן. איך דערשרעק זיך. איך קריך אונטער דעם פעטערס כאַלאַט. דער פעטער נעמט מיך אויף די הענט.

דער לערער זעט אונדז דורכן פענצטער, ער רײַסט איבער די לעקציע און גייט אונדז אַנטקעגן.

דעם לערערס פּנים איז פול מיט קנייטשן. זײַן שפּיץ קאָפּ, די ברעמען און דער קין זענען באַוואַקסן מיט מילך־גרויע האָר. אויפן פּנים איז נאָר דאָ אַ נעץ פון קנייטשן און אַ פּאָר ערנסטע אויגן. אַ שמייכל אַרויסברענגען קען עס שוין נישט.

אויף דער שוועל פאַרהאַלטן זיך דער פעטער און דער לערער. זיי פאַרנייגן זיך לאַנג איינער פאַרן אַנדערן. יעדער איינער ווײַזט מיט דער רעכטער האַנט אויף דער טיר און מיט דער לינקער פּרוּווט ער לײַכט דעם צווייטן אַ שטויס צו טון פאַרויס.

ווען מיר גייען דורכן הויף, הער איך אַ פאַרטויבטן גע־

רודער, און, פֿאַרקוקנדיק אַהין, זע איך אַ פּיראַמידע קעפּ פֿון אַ נײַגיריקער שילער־גרופּע צוגעקלעפּט צו די שויבן.

איצט זענען מיר, דער פּעטער, דער לערער און איך אין ליטאַן, דעם פּאַראַד־זאַל פֿון דער שול. פֿאַר אונדז שטייט אַ מזבח מיט ווײַרויך־געבעכן און בלומען אין וואַזעס, און הינטער דעם מזבח אויף דער וואַנט, אַ לאַנגע אויפֿשריפֿט, וואָס ציט זיך פֿון אויבן אַראָפּ. די היעראָגליפֿן באַטײַטן: דאָס איז דער מזבח פֿון דעם פֿולקומסטן געלערנטן און לערער פֿון אַלטערטום — קאָנפֿוציוס.

אין ליטאַן ווערט אַ ווײַל טונקל — דאָס האָט אַ פּרויבן־געשטאַלט פֿאַרשטעלט דאָס ליכט, וואָס דרינגט דאָ אַרײַן דורך דער טיר. דעם לערערס פֿרוי קומט אַרײַן און שטעלט זיך נעבן אונדז.

דער פּעטער און דער לערער פֿאַרנייגן זיך לאַנג אײנער פֿאַרן אַנדערן, טרײסלענדיק מיט די אויף דער ברוסט צונויפֿגעלייגטע הענט. ענדלעך זאָגט דער פּעטער, אָנווײַזנדיק אויף מיר:

— אָט איז מײַן קליינער נאַרישער ברודערן־זון. איך גיב אים אײַך איבער, וואָס דעם בעסטן פֿון אַלע לערער. אפֿשר וועט עס אים געלינגען אונטער אײַער ווירקונג אויסצוּוואַקסן אַ פֿאַרשטענדיק ייִנגל.

דער לערער ענטפֿערט:

— אײַער ברודערן־זון, זע איך, איז אַ פֿאַרשטענדיק ייִנגל, אַ סך פֿאַרשטענדיקער, ווי אַנדערע ייִנגלעך אין זײַן עלטער. כ'בין איבערצײַגט, אַז פֿון אים וועט ווערן פּונקט אַזאַ אָנגעזעענער מענטש, ווי איר און אײַער זײער געלערנטער עלטערער ברודער. (דאָס מיינט ער מײַן עלטערן פּעטער: אים קען יעדער אין דער געגנט אַלס דיכטער און ליטעראַטור־קענער).

נאָך די רעדעס פֿאַרנייג איך זיך טיף פֿאַר די קאָנפֿוציוס־היעראָגליפֿן, נאָך דעם קני איך לויט דער רײ פֿאַר דעם לערער און זײַן פֿרוי: דעם לערערס פֿרוי איז פֿאַר די שילער

ווי אַ צווייטע מוטער. איך וועל זי רופן „סימנה”, דאָס הייסט „לערמוטער”.

ווען איך פאַרנייג זיך, ברענט דער פענסטער אויפן מזבח דאָס ווייַרויך און צינדט אָן ביידע רויטע ליכט. איך שטיי אויף פון די קני און ווייש מיט איין האַנט די נאָז אָפּ און מיט דער צווייטער טרייסל איך דעם שטויב פון מיין כאַלאַט.

טררראַ... פּ.. פּ...: פּפּ... פּאַך! דאָס רייסט אויף די ראַקעטע און גיט מיט אַ ליאַרעם צו וויסן דער גאַנצער וועלט: דען שיכוראַ איז אַ שילער געוואָרן!

דער לערער און דער פּעטער פירן מיך אַריין אין קלאַס. צוואַנציק קעפּ, וועלכע איך האָב פריער ביים פענצטער געזען, שטעקן שוין איצטער איבער באַזונדערע טישן. אין דעם איינציקן צימער זענען קינדער פון פאַרשידענעם עלטער און פון פאַרשידענע גרופּעס. די אַראָפּגעלאָזטע אויגן דערציילן פון אנשטענדיקייט, געהאָרזאַמקייט, און באַשיידנקייט. דער לערער שטעלט מיך פאָר פאַרן קלאַס:

— דאָס איז מיין נייער שילער. ער איז נאָך, ווי איר זעט, זייער יונג. איר דאַרפט אים באַהאַנדלען ווי אייער ייִנגסטן ברודער. לערנט אייך צוזאַמען פריינדלעך און גוט.

איך זעץ מיך אויף אַ באַנק הינטער אַ טישל, וואָס שטייט צום נאָענטסטן פון לערער. אויפן לערערס טיש איז צעלייגט אַ גאַנצע זאַמלונג פון זייער אינטערעסאַנטע קעגנשטאַנדן. דער שפּיין צום צערייבן דעם טוש ליגט נעבן דעם פאָרצעלייַענעם שעלכל מיט וואַסער. די טוש־פּענדזלעס שטעקן ווערטיקאַל אין קופּערנע בעכערלעך, אָדער הייבן קווער אויף אַ געשטעלכל זייערע גלאַנציקע האָריקע פּיסקלעך איבערן טיש אַריבער. דאָ ליגט נאָך אַ הילצערן ברעטל, די גרעב פון אַ בוך. מיט דעם ברעטל קלאַפּט דער לערער איבערן טיש, ווען דער קלאַס טומלט צו שטאַרק, די קלעפּ קנאַלן ווי האַרמאַטן־שאָסן. אין דער האַנט האַלט ער אַ טעפּל, מיט וועלכן ער ווייזט אָן אין די לייענביכער די היעראָגליפן. אויף דער וואַנט, הינטערן

לערער, הענגט אן אפּפּאָלירטע, לייכט-אויסגעבויגענע באַמבוס-ליניע. די ליניע װערט געניצט נישט צום צייכענען.

װען דער לערער פרעגט אַ שילער, שפּרינגט דער גיך אויף פון באַנק, באַװעגט שנעל מיט די אויגן און די ליפּן, און זאָגט אָפּ די גוט אויף אויסנווייניק אויסגעלערנטע לעקציע, אָדער פאַרקערט ער שטייט אָפּהענטיק און דאָס צעעפנטע פּיסקל שטאַמלט נישטזיכער אומזיניקע רייד מיט קווענקלעניש אַרויס.

דער לערער װענדט זיך צו מיר מיט אַ פראַגע. איך רײַס מיך האַסטיק אָפּ פון באַנק, אָבער איך פאַרשווינד אינגאַנצן אונטערן טיש -- אַזוי קליין בין איך נאָך. איז, ווייל מען קען נישט לערנען מיט אַ מענטשל, װאָס שטייט אינטערן טיש, און װעלכן מען זעט נישט, דערלויבט מיר דער לערער צו ענטפערן זיצנדיק -- אַזוי זעט מען כאָטש אַרויס דעם קאָפּ.

דער קלאַס איז געשפּאַנט. דער נײַער ענטפערט! דאָס בוך פאַר מיר איז געעפנט אויף דער ערשטער זייט. איך בין אויפגערעגט און דענערווירט. בגנבה כאַפּ איך אַ קוק אויפן קלאַס -- װעלן זיי מיך אויסלאַכן? ניין. אַלע זענען נישט װייניקער ערנסט פון מיר. דעם לערערס טײַטל ווייזט דעם ערשטן היעראָגליף פון בוך.

דער לערער זאָגט: „טיאַן". איך זאָג נאָך: „טיאַן".

איך זאָג עס מער פון העפלעכקייט װעגן, ווייל פון דער צייכענונג, װאָס נעבן דעם היעראָגליף, װייס איך, אַז „טיאַן" באַטייט „הימל".

דער לערער דערקלערט:

„טיאַן" דאָס איז דער טייל פון בלויען דורכזיכטיקן רוים, װאָס איז איבער דיר, װו עס טראָגן זיך די װאָלקנס, װו עס װאַנדערן די זון און די לבנה און צו װעלכן עס זענען צוגעפעסטיקט די שטערן.

דעם לערערס טײַטל װאַנדערט אַריבער צו דער צװייטער צייכענונג. נאָך איידער דער לערער רופט אן איר נאָמען, זאָג איך „טי" („טי" הייסט -- ערד).

דער טײַטל גײט װײַטער אַריבער אויף דער צײכענונג, װאָס שטעלט פאָר דעם גרױסן בער.

— סאָו — זאָג איך.

— ריכטיק — שטימט דער לערער צו. זײַן טײַטל װאַנ־דערט אַראָפּ אויף אונטן און פאַרהאַלט זיך בײַ אַ צײכענונג פון אַ שטערן.

— סיו — זאָג איך צופרידן מיט זיך אַלײן.

די קנײטשן אויפן לערערס געזיכט גלײַכן זיך אויס. דער טײַטל שפרינגט נאָך נידעריקער אַראָפּ צו דעם אָנגעצײ־כנטן געקרײַזלטן װאַלקן.

— סוין — רוף איך אויס.

דאָס שטעקעלע װאַנדערט װײַטער. די שיפּע ליניעס פון אָנגעצײכנטן רעגן באַגריס איך מיט דעם װאָרט „עו".

„יען" רוף איך אויס אין דעם מאָמענט, װען דאָס שטע־קעלע ציטערט און פאַרהאַלט זיך אין קנוילן שװאַרצן רויך איבער אַ צעברענטן פײַער. דאָס װאָרט „פין" ברענג איך נאָך פריער אַרויס, אײדער דאָס שטעקעלע רירט אָן די אַכטע צײכענונג, װעלכע שטעלט פאָר „אײַז".

אַזוי האָב איך אויף דער ערשטער לעקציע געלערנט אַכט הערהאָגליפן.

פאַרן ערשטן מאָל איז דאָס אַ היפּשע פּאַרציע פון בוך טסיאָן טסי־װאָן, װאָס פאַרמאָגט טויזנט היעראָגליפן.

— אויף הײַנט איז גענוג — זאָגט דער לערער, קאָנטיק צופרידן מיט מײַנע קענטעניש.

— קענסט גײן אַהײם מיטן פעטער. מאָרגן װעט מײַן זון קומען נאָך דיר. װעסט נעבן אים זיצן אין קלאַס.

ער רופט צו אַ דאַרן שלאַנקן דרײַצניאָריקן ייִנגל, װאָס איז צװײ מאָל אַזוי גרויס װי איך.

— װען דו װעסט עפּעס נישט פאַרשטײן אין לערנען. פרעג אים.

שװײַגנדיק קוקן מיר זיך בײַדע אָן — דעם לערערס זון און איך. דאַן לײג איך מײַן בוך אין קערבל, גליטש זיך פון

באַנק אונטערן טיש אַרונטער, קריך אַרויס פון אונטערן טיש און שפּרייז רויִק און מיט ווערדע צום פעטער אויפן הויף. נישט אומקוקנדיק זיך אפילו קיין איין מאָל אויף דעם קלאַס, וואָס קוקט שווייגנדיק מיר נאָך.

אין דעד היים וואַרפן זיך אויף מיר דער עלטערער פעטער, די באָבע און די מאַמע. זיי נעמען מיר צו דאָס קערבל, טוען מיר אויס די מאַ־גואַ און פאַרשיטן ג מיט פראַגעס:

— מען האָט דיך געפּרעגט?

— דו האָסט געענטפערט?

— האָסט נישט געוויינט?

איך בין פאַרוווּנדערט.

— געוויינט? פאַרוואָס האָב איך געזאָלט וויינען? קיינער האָט דאָך מיך נישט געשלאָגן אָדער באַליידיקט?

די צודרינגלעכע דערוואַקסענע ענטפער איך העפלעך, אָבער אָן באַגייסטערונג. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס זיי זײַנען אַזוי איבערגענומען.

צומאָרגנס נאָכן פרישטיק קומט צו מיר דעם לערערס זון און איך גיי מיט אים אין שול אַריין שוין אָן פייערלעכקייטן און אָן באַגלייטונג. מיר שפּאַנען איבער די ברוקירטע קרומע פרימאָרגנדיק קילע געסלעך פון סיאַן־שי. שמועסנדיק וועגן דער שול, וועגן דעם, וויפל טעג מען דאַרף, אויסצולערנען אַלע היעראָגליפן פון גאַנצן בוך אויף אויסנווייניק, און וועגן דעם. אַז דער נאַרישער פון לערנט זיך אויסנווייניק די נעמען און ווייסט נישט, צו וועלכע היעראָגליפן זיי געהערן, און וועגן דעם, ווי דער פלינקער ליו פאַרגעדענקט היעראָגליפן, ווען ער זעט זיי נאָר איין מאָל.

דעם לערערס זון געפעלט מיר גלייך. ער רעדט מיט מיר, ווי מיט אַ גלייכן, ער בלאָזט זיך נישט, רעדט נאַטירלעך, מיט איין וואָרט — ער האַלט זיך נישט גרויס.

ער האַלט פון מיר דערפאַר, ווייל איך איין טאָג האָב פאַרגעדענקט אַזוי פיל היעראָגליפן, אויף וויפל ביימער ער

קען צרויפקלעטערן. ער קלעטערט אויף ביימער פלינק ווי א מאלפע. ער קלעטערט מיטן שטאם צרויפצו, כאפט זיך ארויף אויף א זייטיקע צווייג, צעשאקלט זי ווי א שפרינג־ברעט, זוכט אוים מיט די אויגן אין געדיכטן גרין א נאענטן בוים און שפרינגט ווי א חעווערקע אריבער פון איין בוים אויפן אנדערן. אדער מער נאך—ער ווייזט טיילמאל א גרויסע קונץ: ער פארבינדט זיך די אויגן און קלעטערט אויף דעם בוים ארויף.

א יאר נאך אונדזער באקאנטשאפט האט ער איין מאל ארויפגעקלעטערט אויף א בוים, צעשאקלט זיך, אפגעשפרונגען וועלנדיק טרעפן אויפן נאענטסטן בוים... ער האט אבער געטראפן דערנעבן. ער איז ארצפגעפאלן צעברעכנדיק די צווייגן, ער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד א טויטער.

8. דאס לערנען

דער צווייטער טאג אין שול.

איך שרייב די ערשטע היעראגליפן.

דער לערער טונקט דעם פענדזעל אין רויטן טוש און צייכנט אן, מיט לייכטע טאנצנדיקע באוועגונגען, אויף א ביי־געלע פאפיר א גרויסן היעראגליף.

איך מוז דאס רויטע אוממאלירן מיט שווארץ. דער לערער שטייט איבער מיר אנגעבויגן און קוקט, ווי איך האלט דעם פענדזעל;

— האלט דעם פענדזעל מיט דריי פינגער גאנץ ווערטי־קאל איבערן פאפיר אזוי, אז זיין אויבערשטער שפיץ זאל דיר אויסקומען נעבן נאז.

כ'בין נאך א גאנץ קנאפער מייסטער אין שרייבן. איך נעם אן דעם פענדזעל הארט נעבן זיינע האר און שפאר אן דעם האנט־געלענק אויף דעם טיש. נישט ווייט פון מיר פירן די שילער, חעלכע גייען שוין דאס דריטע און דאס פערטע יאר אין שול, פריי און געשיקט מיטן פענדזעל איבערן פאפיר,

האַלטנדיק איר אין דער מיט. דער לערער ווייזט מיר זיין געשיקטקייט אין צייכענען היעראָגליפן: ער נעמט אָן דעם פענדזעל שיער נישט ביים שפיץ און מאָלט שנעל, גישט אָנ־ירנדיק אפילו מיטן עלנבויגן דעם טיש, דראָבנינקע, פינקטלעכע היעראָגליפן־מוסטערן.

איך באַנעם, ווען איך באַטראַכט אַזוי דעם פענדזעל, גלויב איך, אַז ס'וועט פאַר מיינע פינגער גענוג זיין אַ יאָר, אַדורכצומאַכן דעם וועג פון דעם האָר־בערשטעלע ביזן אויבערשטן שפיץ פון דעם הענטל.

די פינגער ציטערן מיר. אַנשטאָט מיט דעם שפיץ לייכט צו באַרירן דאָס פּאַפּיר, שמירט מיין פענדזעל אַ געריסענעם שוואַרצן שטריך. די קינדער סאָפּן ביים שרייבן. נאָך דעם ווי איך האָב דעם לערערס אַלע היעראָגליפן אַרומגעצויגן מיט שוואַרץ לייג איך מיינע מאָלערייען אויפן לערערס טיש אַנידער.

מיין ערשטן היעראָגליף מיידט דעם לערערס פענדזעל אויס. נעבן דעם צווייטן צייכנט ער אָן אַ קליינעם קרייז. די עלטערע שילער ציען אויס די העלדזער ווי גענדז און פליסטערן איבערן גאַנצן קלאַס: „אַן איי".

מיט אַן „איי" באַצייכנט דער לערער אַלע גוט געמאָלטע היעראָגליפן. די פּאַרקלעקסטע און אומגעלומפּערטע פאַרשרייבט ער.

ווען די שילער נעמען צוריק פון לערערס טיש זייערע פאַרשידענע פּאַפּיר־בייגעלעך, ווייזן זיי דעם גאַנצן קלאַס אויף די פינגער, וויפל אייער זיי האָבן געקריגן.

אין דער היים באַפאַלן מיך דער פעטער, די באָבע און די מאַמע מיט דער פראַגע: „וויפל אייער האָסטו געקריגן?

אין ערשטן טאָג פון לערנען האָב איך געקריגן פיר אייער.

— אויב דו וועסט פאַר יעדן היעראָגליף קריגן אַן איי — וויצלט ווייך די באָבע — וועל איך דיר פאַר אַ באַלוינונג געבן אַ ריכטיק איי.

איין טאָג קומט נאָך דעם אַנדערן, ווי טעלעגראַף־סלו־

בעס. איך לויף ווי א שנעלער לאָקאָמאָטיוו פון היעראָגליף צו היעראָגליף, פון זייט צו זייט, כ׳יאָג איבער די טעמפּע שילער און קאָנקוריר מיט די פּיקע.

צי יענער צייט, איבעריקס, האָב איך נאָך נישט געהאַט געזען קיין לאָקאָמאָטיוו און גאָרנישט געחוסט וועגן אים. איך זאָג „לאָקאָמאָטיוו״ און „טעלעגראַף־סלופּ״ נאָר צוליב בילדערישקייט.

אין א חודש האָב איך אָנגעיאָגט די שילער, וואָס זיצן שוין א האַלב יאָר אין שול. מיין אַרבעט ווערט מיט יעדן טאָג שווערער. דער לערער מאָלט איצטער היעראָגליפן, איבער־לאָזנדיק צווישן זיי, אונטן און אויבן, פרייע ערטער. אויף די ערטער מוז איך אַריינמאָלן אַנדערע היעראָגליפן אזוי, אז עס זאָל אַרויסקומען א זאַך.

די פעטע פאַרשלאָפענע פּויליאַקעס נעמען אויף מיינע דער־פאָלגן מיט גלייכגילטיקייט. אין דריי יאָר האָבן זיי זיך אויס־געלערנט וויניקער, ווי איך אין דריי חדשים. די שול איז פאַר זיי בלויז א לאַנגיאָריקע לאַנגווייליקייט. ווי נאַרישע הינער פּיקן זיי 20, 30 מאָל אַרום דעם היעראָגליף־קערנדל און קאָנען עס פאָרט נישט איינשלינגען. זייערע אויגן בלאָנדזשען איבער די ווינטלעך און בלייבן שטענדיק קלעפּן אין פענצטער. הינטער וועלכן די רויטע, געלע און אָראַנזשענע פּרוכטן פון לערערס גאָרטן פאַר־שווינדן אין געדיכטן גרינס.

אָבער די פלייסיקע חברים, וועלכע האָבן אַ נישט קלענע־רע אַמביציע פון מיר, יאָגן מיך לייכט איבער.

איך דערמאָן מיך איינעם פון זיי. מיט דעם קען איך נישט קאָנקורירן. ער דאַרף נאָר איינמאָל אַ קוק טון אויף אַ היעראָ־גליף, ער זאָל אים שוין אויף שטענדיק פאַרגעדענקען. ער שפּאַ־צירט מיט א שמייכעלע איבער דעם פאַרפּלאָנטערטן לאַבירינט פון די אותיות, אזוי ווי ס׳וואָלט געווען גאָרנישט.

איצט גייט ער אַרום איבער אונדזער דאָרף און בעטלט. די שול האָט ער נישט געענדיקט. און געשען איז עס אזוי: זיין מוטער, אַן אַלמנה, האָט געריכערט אָפּיום. אויסער אָפּיום

האָט פאַר איר גאָרנישט עקזיסטירט. מיט דעם אָפּיום-רויך זע-נען אַוועק דאָס הויז, דער גאָרטן און איר גאַנצער פאַרמעג.

דאַן האָט מיין שול-חבר געקריגן אַ ירושה נאָך אַ קינדער-לאָזן פעטער. צו דעם פאַרמעג האָט די מוטער קיין שום רעכט נישט געהאַט. כדי אָבער אַריינצובאַקומען דעם פאַרמעג אין אירע הענט, האָט זי צוגעוווינט דעם קליינעם צו רייכערן אָפּיום. פּײַקע נאָך פּײַקע האָט אים אַריינגעצויגן אין אָט דער שעדלע-כער געוווינהייט. ער האָט אויפגעהערט צו לערנען. זיינע אויגן זענען געוואָרן ווי פאַרגאָסן, די כּוחות האָבן אים פאַרלאָזן. אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען אַ מידער און שלעפעריקער, ביינאַכט איז ער ערשט געוואָרן אויפגעלעבט. די אָפּיום-רייכע-רערס זענען ווי די פלעדערמייז — נאַכט פייגל. ער האָט מער נישט געקענט באַהערשן דעם פענדזעל. האָט מען אים אַרויסגע-טריבן פון דער שול. זיינע אויגן פלעגן אויפלייכטן ביים אָנ-בליק פון אַן אָפּיום-פּײַקע, מיט דעם לייכטן רויך פון וועלכער ס'איז פאַרשוונדן דעם פעטערס ירושה. ווען ער האָט שוין אַלץ פאַרלוירן, האָט ער אָנגעהויבן צו גיין איבער די הייזער און אין זיין האַנט האָבן געקלונגען די ערשטע בעטל-גראָשנס. געבעטלט האָט ער אָבער נישט אויף ברויט. ער האָט געדאַרפט געלט פאַר זיין אָפּיום-פּײַקע.

אין די פויזעס שפּאַצירן אַרום די מוסטער-שילער מיט ביכלעך אין די הענט און שלינגען מיט די אויגן די זייטלעך. די פוילע אָבער ווערן רירעוודיקער און פאַרשווינדן אין גאָרטן, דאָרט, וווּ ס'רויטלען זיך די פּרוכטן. דעם לערערס פרוי זעט זיי, אָבער זי מאַכט זיך נישט וויסנדיק. זי איז צו גוט און פריינדלעך, צו ברענגען אויף זיי דערפאַר אַ שטראָף. זי גייט דורכן גאָרטן אַדורך, נישט באַמערקנדיק קיינעם.

די גנבימלעך עסן געשמאַק די פּרוכטן, טרייסלען מיט די צווייגן און ווערן אַלץ פאַרויסענער. איינמאָל האָט דער לערער אַריינגעפירט אַ יינגל, וועלכן מ'האָט געכאַפּט ביים גנבענען פּרוכטן. דער לערער איז בייז. ער ציטערט. ווערטער פאַלן ווי האָגל אויפן קאָפּ פונעם שולדיקן.

— נישט דאָס איז שלעכט, וואָס דו האָסט געגעסן די פּרוכטן — מיין גאָרטן שטייט אָפן פאַר אַלע שילער, וואָס זעענען דאָס ווערט. אָבער ס'איז שענדלעך, וואָס אַזאַ פּוילאַק און גאָרנישט ווי דו, גנבעט מיינע מאַרעלן, אַנשטאָט ביכער צו לייענען! איך פאַרווער אַזעלכע פּויליאַקעס, ווי דו, אָנצורירן מיינע מאַרעלן פּרוכטן!

דער לערער נעמט אַראָפּ די באַמבוס-ווירע, כאַפּט דעם שולדיקן פאַר אַ האַנט און שלאָגט אים איבער דער האַנטפלאַך און איבער די אָרעמס.

דער שילער שרייט און קרעכצט, טופּענדיק מיט די פיס. אָבער זיינע קרעכצן ווערן פאַרהילכט פון מיין געשריי. איך בין איבערגעשראָקן אויף טויט. דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן זע איך עמעצן שמייסן און מיינע נערוון האַלטן דאָס נישט אויס.

אַלע זענען פאַרוווּנדערט: די שילער, דער לערער, אַפילו דער שולדיקער אַליין. דער לערער הערט אויף צו שלאָגן, די שילער קוקן מיך פאַרוווּנדערט אָן.

— וואָס איז געשען?

איך האָב מורא — ענטפער איך.

דער גאַנצער קלאַס שיסט אויס מיט אַ געלעכטער. אַפילו דער געשלאָגענער פּינטלט מיט די פאַרוויינטע אויגן. אַפילו דער שטענדיק ערנסטער לערער שמייכלט. ער דערשטיקט אָבער באַלד זיין שמייכל, קלאַפּט מיט דער ווירע איבערן טיש, נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט און פירט מיך אַריין צו זיין פרוי. ווען איך קום צוריק אין קלאַס אַריין, איז שוין אַלץ אין אָרדענונג. נאָר פון צייט צו צייט הערט זיך נאָך דאָס כליפּען פון באַשטראָפטן. איבער זיין באַפּיר-בייגעלע.

פון זינט דעם מאָל שיקט מיך דער לערער פאַר יעדן שמייסן אַריין צו זיין פרוי. די שטילע גוטע סי-מו גיט מיר צוקערלעך אָדער פערעשקעס, אָדער זי פירט מיך פאַר דער האַנט אַריין אין גאָרטן, וויט פון שול-צימער, אין וועלכן דער באַשטראָפטער יינגל קאָרטשעט זיך און שרייט אין דער זעלבער צייט אונטער די שמיץ פון דער באַמבוס-ווירע.

איינמאָל איז געקומען צו אונדז מיין שוועסטער-קינד, ליאָאָ

גועי-טשאַן. ליאָ איז מיין מוטערס פאַמיליען-נאָמען. ליאָ איז מיט מיר אין איין עלטער און האָט אָנגעהויבן צו גיין אין שול אַריין אין דערזעלבער צייט, ווי איך. מיר זוינען פון דאַן אָן צוזאַמען, לערנען זיך צוזאַמען און האָבן זיך זייער צוגעוווינט איינער צום צווייטן.

גועי-טשאַן איז כיטרע ווי פינף דיפּלאָמאַטן און דערפיני-דעריש ווי עדיסאָן. איך בין פון נאַטור אַ רויקער, מילדער און אַ שטוב-זיצער. מאַכן דעריבער אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק זיין ליבע צו ווייטע און שווערע וואַנדערונגען און זיין שיס-רערל פון באַמבוס-האָלץ. ער שיסט מיט קליינע צעקייעטע פּאַ-פּיר-קייקעלעך. גועי-טשאַנס קעשענעס זענען פול מיט פּאַפּיר-שניצלעך, וועלכע ער קלויבט צונויף אין שול. (אונזער כינעזיש שרייב-פּאַפּיר איז ענלעך צום איראָפּעיִשן לעש-פּאַפּיר. עס זייגט זיך אײַן יעדע פייכקייט).

מען דאַרף נאָר אָפּשניידן אַ דין באַמבוס-רערל, אויסריי-ניקן דעם אינעווייניקסטן קאַנאַל, אין ביידע עקן אַריינשטעקן נאַסע פּאַפּיר-פּראָפּנס און אַ שטופּ טון מיט אַ שטעקעלע. איין פּראָפּן וועט מיט אַ קנאַל אַרויספליען ווי אַ קויל, דער צווייטער ווידער ליגט שוין גרייט צום אַנדערן שאָס.

גועי-טשאַנס שיס-רערל שטעקט אָן ווי שקאַרלאַטינע. נאָך צען טעג איז נישטאָ מער קיין איין שילער אָן אַזאַ שיס-רערל. אין אָנהויב פלעגן מיר שיסן איינער צום אַנדערן אין די פּויזעס אויפן הויף. דערנאָך האָבן מיר אָנגעהויבן שיסן צו זיך אין קלאַס אויף די לעקציעס. שפּעטער האָט זיך דער שול-צימער פאַרוואַנדלט אין אַן עכט אַרטילעריש שיס-פעלד.

איינמאָל האָט אַ קויל געטראָפן דעם לערער. פרעגט ער:

— ווער האָט דאָס געטון?

דער קלאַס שווייגט.

דער לערער נעמט אַראָפּ פון וואַנט די באַמבוס-ווירע, גייט מיט איר אַ קלאַפּ אויפן טיש און דערקלערט, אַז ער וועט אַלע לויט דער ריי אָפּשמײַסן, אויב מיר וועלן דעם שולדיקן נישט אַרויסגעבן.

דאַן האָט זיך אויפגעשטעלט עפּעס אַ פּאַרטעטער און אָנגעהויבן אויף גועי-טשאַנען.

דער לערער האָט אָפּגעציילט 30 שמיץ אויף גועי-טשאַנס לינקער האַנט, געגעבן אים אַ ביכל און געהייסן לייענען.

ליאָ וויל נישט לייענען. ער האַלט, אַז מען קאָן נישט אויף איין לעקציע פאַרייניקן אַזעלכע צוויי ערנסטע זאַכן, ווי שמיץ און לייענען. דער לערער קוקט אים אָן און שווייגט.

ס'איז נישטאָ אין קלאַס נאָך איין יינגל, וועלכן דער לערער זאָל אַזוי אָפט מוסרן ווי גועי-טשאַנען. ליאָ איז אויסערגעוויינטלעך פעיִק. ער כאַפּט אויף מיטן בליק די גאַנצע שול-תורה. ער קען ענטפערן אויף דעם לערערס אַלע פראַגעס. פאַר זיין פאַרשטאַנד, זיינע פעיִקייטן און זיין רירעוודיקייט פילט דער אַלטער צו אים אַ מין איינערזיכטיקע ליבע. נישט איין מאָל זאָגט ער, אויסהענגענדיק צוריק די באַמבוס-ווירע אויף איר אָרט:

— ווען דו, גועי-טשאַן, וואָלסט ענדלעך אויפגעהערט צו שטיפן, וואָלסטו אַ סאַך באַחיזן!

9. דער טאַטע

מיין יינגערער פעטער איז אַ געזונטער וווקסיקער יונגערמאַן. ער איז לערער אין דער אַלגעמיינער פאָלקשול אין סיאַן-שי. די קינדער פאַרגעסן דעם דאָזיקן שטענדיק שמייכלענדיקן ריז.

דער עלטערער פעטער איז אָנגעבלאָזן, בייסיק און נצרי-חעיש. דער יינגערער — שטענדיק גוט געשטימט און פּשוט.

אָבער טיילמאָל פאַרשווינדט דער שמייכל פון יינגערן פעטערס פּנים; ער לויפט ערגעץ אַרויס, קומט צוריק, זעצט זיך נעבן דער מאַמען אין קיך און זיי באַראַטן זיך. צו מיר דערגייען ברעקלעך פון זייער שמועס.

— דער אַלטער טון וויל נישט געבן.

– און דער יונגער?

– דעם יונגן האָבן מיר שוין פאַראיאָרן געוומען.

– דאַן נעמט טשאָן פאַר אַ דריטן. ער מוז דאָך אין 2 יאָר אַרום חתונה מאַכן זיין זון. אָדער חאַניִן, דעם הויקער.

– פאַר וואַנען האָב איך מורא. ער וואַרט נאָר אויף מיין איינלאַדונג, כדי צו פאָדערן פון מיר, איך זאָל צושטיין צו זיין גרופע.

עס פאַלן נעמען, איינער נאָכן אַנדערן. זיי רעכענען אויס אויף די פינגער אַלע אונזערע הונדערטער קרובים אין קרייז. דער פעטער פאַרשווינדט ווידער. ער גייט צוגאַסט, לאַדט איין צו זיך, ביז אין איינעם אַ טאָג קומט ער, אַ פאַר־מאַטערטער, אין קיך אַריין און זאָגט צו דער מאַמען:

– כ'האָב שוין. כ'האָב געפונען אַלע צען. גיב מיר עפעס צו עסן.

דער פריינדלעכער שמייכל באַווייזט זיך ווידער אויף זיין פנים. איך ווייס, וואָס די געהיימנישפולע וויזיטן באַטייטן. דער פעטער קלייבט געלט פאַר מיין טאַטן.

דעם טאַטנס שטודירן אין יאַפּאַן קאָסט 4 – 5 הונדערט דאַיאַן אַ יאָר. די גרעסטע סומע. וועלכע מיר קענען אָנקלייבן פון די איינקונפטן פון אונזער מאַנדאַרינעס וועלדל און פון דעם פעטערס לעדערישע אָפּשפּאָרונגען, איז 100 דאַיאַן אַ יאָר. אויף צו קריגן די רעשט געלט מוז דער פעטער זיך באַמיען וועגן אַ „הלוואה־קייט".

אין אַ „הלוואה־קייט" באַטייליקן זיך צען מאַן, אויסער דעם אָרגאַניזאַטאָר. יעדער פאַרשרייבט זיך, לאָמיר זאָגן, מיט 50 דאַיאַן. אַזוי אַרום קלייבט זיך אָן פינפהונדערט דאַיאַן, וועלכע דער אָרגאַניזאַטאָר דאַרף האָבן. אין אַ יאָר אַרום הייבט זיך אָן דאָס אָפּצאָלן. אַלע, אויסער דעם ערשטן לויט דער ריי, צאָלן ווידער איין פינפהונדערט דאַיאַן, וועלכע עס באַקומט דער ערשטער לויט דער ריי. אויפן דריטן יאָר קריגט די 500 דאַיאַן דער צווייטער לויט דער ריי אאַ"וו. ביז די הלוואה ווערט אין 10 יאָר אָפּגעצאָלט.

די הלוואה וועט נישט געגעבן אומזיסט. די פּראָצענטער זענען גאַנץ הויכע. דער אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער האָט געקריגן די ערשטע 500 דאָלאַר, צאָלט יערלעך נישט 50 נאָר 60 דאָלאַר, דער לעצטער אין דער ריי, וועלכער מוז צום לענגסטן וואַרטן אויף זיינע פינפהונדערט דאָלאַר, באַקומט זיינע פּראָצענטער אַזוי־אַרום, אַז ער צאָלט ווייניקער פון אַנדערע, נעמלעך 45 נישט 50 דאָלאַר אַ יאָר.

די ריי פון אָפּצאָלונגען אין אַזאַ „הלוואה־קייט" ווערט איינגעשטעלט לויט די באַדאַרפענישן פון די איינצלנע באַטייליקטע. אויב עמעצער גרייט זיך, צום ביישפּיל, איבעראיאָר חתונה מאַכן זיין זון, פאַרשרייבט ער זיך אויפן ערשטן אָרט. אַן אַנדערער מוז אין פינף יאָר אַרום רעמאָנטירן זיין הויז — נעמט ער זיך דאָס פערטע אָרט. איינער האָט צופיל איבעריק געלט, פאַרשרייבט ער זיך אויפן לעצטן אָרט.

אויב עמעצער פון די באַטייליקטע אין דער הלוואה־קייט דאַרף דרינגנד האָבן אַ גרעסערע סומע געלט, נאָך איידער ס'קומט אָן זיין ריי, קען ער אָרגאַניזירן אַן אייגענע נייע קייט. דערביי מוז דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ערשטער קייט זיך פאַרשרייבן אויפן ערשטן אָרט פון דער נייער קייט, ווען יענער פאָדערט עס פון אים. ווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַ קייט זאָגט זיך אָפּ אַריינצוטרעטן אין אַ נייער קייט פון איינעם פון זיינע מיטהעלפערס, ווערט ער געהאַלטן פאַר אַ קאַרגן און אַן עגאָיסט און עס געלינגט אים שוין נישט מער צו קריגן אין דעם קרייז כאָטש פינף מענטשן צו אַן אייגענער קייט.

מיר מאַטערן זיך געניג ביים איינשאַפן דאָס נויטיקע געלט פאַרן טאַטן: יעדעס יאָר אָרגאַניזירן מיר אַזאַ הלוואה־קייט, די חובות וואַקסן און מיר צאָלן אונזער יערלעכן אָנטייל פון 100 דאָלאַר, וועלכע מיר שפּאָרן אָפּ פון אונדזער ווירטשאַפט.

פון דער קיך הייבט זיך אויף אַ רויך, דורך די דריי פּיער־לעכער. רייסן זיך אַ פלאַמען. אפילו די באָבע פאַרגעסט

אין מיר. מען גרייט אַ מאָלצייט פאַר די נייע צען קרעדיטאָרן.

איך האַלט שוין פעסט דעם פענדזעל אין האַנט. אין מיין קאָפּ וואַקסט די צאָל היעראָגליפן. נאָך יעדער לעקציע פון שיין־שרייבן ברענג איך אהיים אַ מענגע „אייער". די היעראָגליפן, וואָס איך שרייב, ווערן אַלץ קלענער און קלענער — דאָס באַטייט, אַז איך קאָן זיך שוין אומגיין מיטן פענדזעל.

דער עלטערער פעטער קומט אַריין מיט אַ פריילעכער מינע:

— דער טאַטע קומט אינגיכן צוריק. זעץ זיך און הער.

געפלאָסן, מיט אַ זינגענדיקער שטים, לייענט ער, אין אַ קנאַפּ פאַר מיר פאַרשטענדלעכער שפּראַך, אַלטע געדיכטן פון די צייטן פון דער דינאַסטיע טאַנג. איך קוק אים אויף די ליפּן און באַמי זיך פאַרגעדענקען די פריילעכע און געהויבענע פערזן, וואָס זענען געווידמעט אַ מענטשן, וועלכער קומט נאָך אַ לאַנגער אָפּוועזנהייט צוריק אַהיים.

ביסט אַוועק אַלס יונגערמאַן פון דיין היים

יין קערסט אַן אַלטער צו איר צוריק;

דיין שפּראַך איז די אייגענע הי פרייער,

נאָר די באָרד און די האָר זענען גרויער.

די קינדער דערקענען דיך נישט מער

און פרעגן מיט אַ שמייכל דעם גאַסט:

די הייסט איר?

פון וואַנען קומט איר?

וועמען זוכט איר דאָ?

ביי די לעצטע ווערטער מוז איך שמייכלען. דאָס זענען די זעלבע ווערטער, וועלכע איך זאָג מיט אַ געצוווּנגענעם שמייכל אין די טעג פון ניי־יאָר אין דעם דראַכן־יומטוב, ווען איך פאַרטרעט די מידע מאַמע און שפּיל די ראָל פון באַלעבאָס, ווען — [illegible] — אַ קליין יינגל — נעם אויף ביי דער טיר

פון גאַסטצימער די גרויע, פליכיקע און דיקע באַקאַנטע, וואָס קומען צו אונדז צוגאַסט·

זי הייבט דער גנערטער האר?
פון האַנען באַוויליקט איר צו קומען?
וועמען וילט איר זען?

— מיט די פערזן וועסטו דיין טאַטן באַגעגענען — זאָגט דער פעטער און, אַפּוועגדנדיק זיין בליק, גייט ער אויפגערעגט אַוועק. איך פאַרשטיי נישט גענוי, וואָס קומט איצט מיט דעם פעטער פאָר?

ווען מען דערמאָנט דעם טאַטנס נאָמען, ווערט דער פעטער אָנגעבלאָזן און באַדרויערט, וואָס דער טאַטע האָט פאַרלאָזט דעם גוט געצאָלטן פּאָסטן פון אַ לערער אין זיין שול און איז פון אייגענעם ווילן אַוועק קיין יאַפּאַן.

אויף זיין רייזע האָט דער פעטער אָנטליען ביים מאַן פון זיידנס שוועסטער 70 דאָיאַן און איז ביז שאַנכאַי אָנגעקומען. פון דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל געשריבן צו זיינע אייגענע. ערשט פון דעם בריוו איז דער פעטער דערגאַנגען, וואָהין דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן. ער איז געוואָרן ווייער בייז און האָט געשוווירן, אַז ער וועט דעם טאַטן קיין גראָשן נישט שיקן.

דעריבער מוז טאַקע דער יינגערער פעטער אָרגאַניזירן די הלוואה-קייטן.

מיין עלטערן פעטער, אַ שטאָלצן מיט זיין געלערנטן-טיטל טסיו-טשען, אַ טאָנאַרכיסט און קענער פון דער פּאַרציייטישער ליריק, האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס דער טאַטע האָט פאַרלאָזט דעם וועג פון אַלטן לערנען זיך און איז אַוועקגעפאָרן שטודירן אין „לאַנד פון די באַרבאַרן".

נאָך יעדן אויסגעטרונקענעם קענדל בראָנפן, ציינדט ער זיך אָן און קלאָגט זיך אויפן טאַטן. און איצטער קומט ער פלוצלונג, אַ טאָג פאַרן טאַטנס אַהיימקומען, און לערנט מיך אויס די פערזן צום באַגריסן.

כ׳גיי צו צו דער מאַמעס קאַמאָדע און נעם אַרויס אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ 25-יאָריקן יונגנמאַן מיט אַ רויִקן, שטרענגן פּנים. דער מאַן טראָגט נישט קיין צאָפּ.

דאָס איז דער טאַטע. איך קען אים נאָר פון דעם בילד, וואָס ער האָט צוגעשיקט פון יאַפּאַן.

ביינאַכט כאַפּ איך מיך אויף, עפּעס לאָזט מיך נישט שלאָפן. אין שטוב איז אַ טונקל.

וואָס איז געשען? ס׳ברענט? ס׳איז עמעצער געשטאָרבן? באַנדיטן זענען אונדז באַפאַלן?

אין מיין צימער ברענט זיך אַ לעמפּל. דער מאַמעס בעט איז ליידיק.

די באָבע איז אויך נישטאָ. דער ליאַרעם ווערט אַמאָל גרעסער, אַמאָל קלענער.

איך רוף: באָבע! באָבע! איך האָב מורא. איך שיס שיער נישט אַרויס מיט אַ געוויין.

ס׳קומט אַריין די באָבע און זאָגט מיט אַ פריידיקער שטים:

— שטיי אויף! דיין טאַטע איז געקומען צו פאָרן!

די באָבע וואַרפט מיר איבער צו די הויזן, דאָס כאַלאַטל, די זאָקן און די לאַטשן. איך טו זיי בליצשנעל אָן. די באָבע נעמט מיך פאַר דער האַנט און פירט אין ליסאַן.

דער זאַל איז שוואַרץ פון מענטשן. מיר שטופּן זיך אין דעם געדראַנג אַדורך צום מיטן, וו ס׳איז דאָ מער אָרט. איך פאַרטשעפּע זיך אין אַ צעעפנטן קופערט און דריי שיער נישט אויס דער באָבען אַ האַנט. איך הייב אויף די אויגן און זע פאַר מיר מיין טאַטן אין אַן איירָאָפּעיִשן אָנצוג, מיט קורץ געשוירענע האָר. מיר געפעלט גלייך אַלץ אין אים: אי דער אָנצוג, אי דאָס, וואָס דער טאַטע טראָגט נישט קיין צאָפּ, אי דאָס, וואָס ער קוקט מיך אָן מיט קילע, ערנסטע אויגן און מאַכט נישט צו מיר קיין שריט, קיין מינדסטע באַוועגונג. קעגנאיבער דעם טאַטן שטייעןביידע פעטערס. אַריבער זייערע אַקסלען שטרעקן זיך קעפּ פון די אָנוועזנדיקע. נעבן די

פעטערס שטרעקן זיך עמעצנס הענט אויס און באַטאַפּן די נעט פון טאַטנס מענאַרקע. און אַנדערע האַנט אין אַ צערי־סענעם בלויען אַרבל — קען זײַן, אַ האַנט פון אַ פישער, אָדער אַ טרעגער — באַמיט זיך אָנצוגרירן דעם טאַטנס געראַזירטע באַקן, ציט זיך אָבער צוריק נישט דרייסט.

דער עלטערער פעטער צעשטראַלט זיך מיט אַ ליכטיקן שמייכל:

— גיי צו, שי־כוּאַ!

דאָס מיינט ער מיך און, באַמיענדיק זיך צו באַהאַלטן דעם שמייכל, וואָס גלעטיקט אויס די קנייטשן פון זיין פנים, זאָגט ער צו מיר:

— שי־כוּאַ, צי געדענקסטו דעם פערד, וואָס איך האָב דיך אויסגעלערנט?

אין זאַל צעגייט זיך מיין דין שטימעלע. עס ווערט שטיל.

—

ווי הייסט איר?

פון וואַנען קומט איר?

וועמען זוכט איר דאָ?

איך האָב געענדיקט. אין דער אַרומיקער שטילקייט ווענדט זיך דער פעטער שטאָלץ צו מיין טאַטן:

— נו, יאַ־פון, האָב איך אים נישט גוט אויסגעלערנט, וואָס? דיין זון לייענט שוין געדיכטן פון דער טאַנג־עפּאָכע.

דער טאַטע בויגט זיך אַראָפּ צו מיר, נעמט מיך אָן פאַר דער האַנט און פרעגט האַלב צערטלעך, האַלב איראָניש:

— דו דעקלאַמירסט בלויז די פערזן, אָדער דו פאַרשטייסט זיי טאַקע?

איך מייד נישט אויס זיין קילן נייגיריקן בליק און איך ענטפער, קוים רירנדיק מיט די ליפּן: „איך פאַרשטיי".

— און ווער האָט עס דיר פאַרטייטשט?

איך קוק פאַר זיך און פליסטער:

— אָ... אָ... י... ע... ע.

— רעד דייטלעכער!

— דער פעטער האָט עס מיר פאַרטײַטשט.

דער טאַטע שטעלט מיך אַרויף אויף אַ קופערט. איצט קען איך אַלצדינג זעען.

די מאַסע קען מער נישט שווייגן. שאַטנס טאַנצן אויף די ווענט. עפעס אַ רויע, גראָבע שטים שרייט בײַ אַן אַלגעמײַנעם געלעכטער:

— יאַן גוי־טסי, יאַן גוי־טסי! (אַן עכטער אויסלענדישער טײַוול).

און ער זעט טאַקע אַזוי אויס. דאָס פּנים, די שפּראַך און דער נאָמען זענען אונזערע, אָבער דאָס גאַנצע אויסערלעכע אויסזען איז — באַרבאַריש.

פון מײַן קופערט אַראָפּ זע איך ערשט, סאַראַ מענגע מענטשן ס'האָט זיך אויפגעקליבן בײַ אונז אין שטוב. פון דער נאַכט־טונקלקייט דרינגען אַרײַן אַלץ נײַע מענטשן. עס קומען פאַרשלאָפענע, אויפגערעגטע שכנים, פאַרריכטנדיק אונטערוועגס זייערע קליידער. די מעכטיקע אָרעמס פאַרלייגט איבער די מיט בלאָטע פאַרשמירטע אַרבל פון העמד, שטייען די רודערערס, וועלכע האָבן דעם טאַטן מיטן יאַנגטסע געבראַכט צו פירן, די טרעגערס פון די טסיאַאָס — די פּאַלאַנקינען, אין וועלכע מען פאָרט אויף אונזערע וועגן, שטייען אויף זייערע מעכטיקע פיס און פליסטערן כּמעט געדעמפטע שטימעס. אפילו דער נאַכט־וועכטער, וואָס היט דעם שלאָף פון 5000 סיאַן־שיער אײַנוווינער, קוקט איבער די אַקסלען פון די מענטשן אין צימער אַרײַן, און בײַ זײַן צופוסנס קלינגט שטיל אָפּ זײַן ריזיקער וועכטער־גאָנג.

שיער נישט דערדריקט פון דער ריזיקער מאַסע, וואָס קוקט אים שטוינענדיק אָן, באַטאַפּט אים און שפּאַרט אויף אים פון אַלע זײַטן, טרעט דער טאַטע אָפּ אויף אַ טריט צוריק און זאָגט:

— מײַן הויז איז לײַדער צו קליין און איך קען נישט

אין אים אַלע מיינע ליבע שכנים אויפגעמען. אָבער איך וועל מיר דערלויבן אייך אַ קליינעם פאַרגעניגן צו מאַכן.

ער בייגט זיך אַראָפּ איבער איינעם פון די קופערטן, וויקלט אָפּ אַ פּאַפּיר, שטעלט פאַרשידענע קאַרטאָן-שאַכטלעך ביי דער זייט אַוועק און נעמט אַרויס אַ ניקל-גלאַנציק קעסטל. אונטער א ריזיקער מעטאַלענער בלום דרייט זיך אַ שוואַרצע, גלאַנציקע פּליטע און פון דער טובע צעגייט זיך אַ ציטערדיקע מעלאָדיע פון אַ קאַמף-ליד. די מאַסע שפּאַרט זיך צוריק צו דער טיר. עמעצער האָט אַ געשריי געטון. פּלוצלינג הערט מען אַ געלעכטער.

די מענטשן קומען צוריק. זיי באַהערשן זיך פון דער ערשטער שרעק און שטופן זיך אַרום דעם גראַמאָפאָן ווען דער טאַטע דרייט אָן די קאָרבע און קערט איבער די גלאַנציקע פּליטע, באַטאַפּן זייערע נייגעריקע פינגער די טובע, דעם ניקל, די פּליטע, און באַרירן אפילו די שאַרפע נאָדל, אויף וואָס די טובע ענטפערט מיט אַ הייזעריק הוסטן.

אָבער אין די הינטערשטע רייען שאָקלט מען פייַנטלעך מיט די קעפּ. דער טאַטע הייבט אויף די האַנט און באַרויקט די מענטשן.

– אין דעם קעסטל זיצט נישט קיינער. ס'וואָלט מיר איצט אָנגעקומען צו שווער אייך צו דערקלערן אין קורצע ווערטער, ווי די מאַשין אַרבעט. איך זאָג אייך אָבער פייערלעך צו ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַלץ גענוי צו דערקלערן.

די מאַסע איז אויף אַ ווייַל מוחל דעם גראַמאָפאָן זיין מענטשלעכע שטים און די קלאַנגען פון אָרקעסטער, וועלכע עס גיט פון זיך אַרויס, און ווענדט זיך צו די איבעריקע פּעקלעך.

די שכנים באַרירן מיט די פינגער די לייַוונטענע ווענטלעך פון קופערס. אין סיאַן-שי קען מען נישט קיין לייַוונטענע קופערטן. מענטשן ליגן דאָ זייערע זאַכן אַריין אין הילצערנע אָדער לעדערנע קעסטלעך.

הענט רוקן זיך אונטער דעם קופערט און באַמיען זיך

אויפצוהייבן דעם שווערן קעגנשטאַנד. ער לאָזט זיך נישט רירן פון אָרט. די מענטשן קוקן זיך אָן מיט אַ געפיל פון אומצו־פרידן. זיי ציִען צונויף די ברעמען. פון געמורמל, וואָס טראָגט זיך פון מויל צו מויל, הער איך דאָס שווער־וואָגיקע וואָרט: „גאָלד".

דער טאַטע נעמט אַרויס אַ שליסעלע. דאָס דיקע שלאָס עפנט זיך. דער קופערט צעפאַלט זיך אויף צוויי העלפטן און מיט אַ גערויש פאַלן פון אים אַרויס גלאַנציקע, אַביסל קלעפּיקע פירעקיקע קעגנשטאַנדן — ביכער.

די מענטשן וועגן די ביכער אין די הענט, צמאָקען מיט די ליפּן און הייבן פאַרוואונדערט אויף די ברעמען — ס'אַרא שווערע ביכער! די כינעזישע ביכער זענען לייכט ווי פוכענע קישעלעך. זיי זענען אויך אַנדערש געמאַכט. אַ לאַנג שמאָל פּאַפּיר־בייגעלע ווערט באַדרוקט אויף איין זײַט און דאַן צונויפ־געלייגט ווי אַ האַרמאָניקע. אויף איין זײַט מיטן בוך־רוקן צו־נויפגעקוועטשט.

אָבער די דאָזיקע אויסלענדישע ביכער באַשטייען פון באַזונדערע בלעטלעך, וועלכע זענען פון ביידע זײַטן באַדרוקט. די היעראָגליפן אין די ביכער זעען אויך אַנדערש אויס. די מענטשן דרייען די ביכער אין די הענט, האַלטן זיי מיטן קאָפּ אַראָפּ און לאַכן, ווייל זיי קענען די יאַפּאַנישע ווערטער נישט לייענען:

— אַזאַ באַרבאַרישע שפּראַך! ס'אַרא באַרבאַרישע ווערטער!

דאָס קלאַפּערײַ פון די טריט און דער גערויש פון שטי־מעס הערט נישט אויף, ביז דער גרוילעך־בלויער מאָרגנשײַן דרינגט פירעקיק דורך דער טיר אין זאַל אַריין.

איך שטיי נאָך אַלץ אויף דעם קופערט. אָבער די אויגן קלעפּן מיר זיך צום שלאָף. די מענטשן צעגייען זיך. איך הער נאָך ניטשדייטלעך זייער שאַרן מיט די פיס. איבער מײַן קאָפּ דערהער איך דעם יינגערן פעטערס שטים:

— דער יינגל מוז גיין שלאָפן.

די באָבע נעמט מיך פאַר דער האַנט ין איך גיי מיט
איר אַוועק קוים-קוים די פיס שלעפנדיק.

דאָס, וואָס איז אין קופערט דאָס שווערסטע געווען, האָט
דער טאַטע די געסט נישט געוויזן:

שוואַרצע, יאַפּאַנישע האַנט-גראַנאַטן.

איך קען ביז היינט נישט פאַרשטיין, וו׳ די צאָל-וועכטער
אין שאַנכאַי האָבן דאָס אדורכגעלאָזט.

11. 3647

10. דער פּאָליציי-קאָמענדאַנט

אין יאַפּאַנישן אוניווערזיטעט האָט מיין טאַטע געלערנט אויפֿן יורידישן פֿאַקולטעט. אויף דעם פֿאַקולטעט לערנט מען אויך מיליטערישע וויסנשאַפֿטן. דאָרט בילדן זיך אויך די העכערע פּאָליציי-באַאַמטע. מיין טאַטע האָט אויסגעוויילט די פּאָליציי-אָפּטיילונג.

מיין טאַטע איז געקומען צוריק אַהיים קיין סיאַן-שי אין יאָר 1910 נאָך פֿינף יאָר אָפּוועזנהייט. קורץ פֿאַר דעם, האָט סון יאַטסענס פֿאַרייניקונג פֿון די רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפֿטן — טון-מין-כוּעי —, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1905, באַפֿוילן אירע מיטגלידער, אַריינצוכאַפּן זיך אין אַלע שפּאַרעס פֿון דעם רעגירונג-אַפּאַראַט און באַזעצן אַלע מעגלעכע רעגירונג-פּאָסטנס, באַזונדערס אין מיליטער און פּאָליציי. דאָרטן איז דאָך געווען געווער, און גראָד געווער האָט די רעוואָלוציאָנערן געפֿעלט.

60 לי (30 קמ) פֿון סיאַן-שי ליגט אונדזער קרייז-הויפּט-שטאָט טעיאַן. דער דאַאָין*) פֿון טעיאַן איז באַלד דערגאַנגען, אַז קיין סיאַן-שי איז געקומען פֿון יאַפּאַן אַ געבילדעטער כינעזער, וועלכער איז באַהאַוונט אין פּאָליציי-וועזן.

ער האָט איינגעלאַדן צו זיך דעם טאַטן און אים פֿאָרגעלייגט דעם פּאָסטן פֿון אַ קאָמענדאַנט פֿון דער קרייז-פּאָליציי.

— דאָס איז אַ נייער אַמט — האָט דער כיטרער אַלטער געזאָגט — אין בודזשעט האָב איך דערויף קיין געלט נישט. איך קען אייך נאָר צאָלן דערפֿאַר 8 דאַיאַן אַ חודש.

*) דאַאָין — ווי ביי אונדז וואָיעוואָדע (איבערז.).

— איך פארשטיי — ענטפערט מיין טאטע.

— מען מוז אָרגאניזירן אן אינסטרוקטאָרן־שול — רעדט ווייטער דער דאָזין — און די האלדז־שניידערס אונדזערע אויסלערנען אביסל קולטור.

— איך פארשטיי, — זאָגט מיין טאטע.

— דעמאָלט וועלן מיר נישט דאַרפן זיך שרעקן פאר די אַלערליי אוואַנטוריסטן און ליבהאָבערס פון אויפשטאנדן — פארענדיקט דער ראָש פון טעיאן.

דער טאטע פארלאָזט זיין קאבינעט אלס קאָמענדאנט פון דער קריַיז־פאָליציי.

גלייך ווי ער איז מיט דעם נייעס געקומען אהיים, האָט ער געהייסן די מאמע פארפאקן זיינע זאכן: ער וועט וווינען אין טעיאן און פון צייט צו צייט צופאָרן קיין סיאן־שי.

מיין עלטערער פעטער איז געווען אויסער זיך. פון די אכט העפלעכקייט־געבאָטן האָט ער פארגעסן די צווייטע: „טי״ — די ברודער־ליבע, די פינפטע: „לי״ — די העפלעכקייט און אפילו די זיבעטע „ליאן״ — די אומאייגנוציקייט!

ער פארגעסט זיין גאנצע געלערנטקייט און דעם גאנצן באַרג פערזן פון די אלטע צייטן. ער פאַלט אריין אין צימער צום טאטן און זידלט זיך:

— דו ביסט פון זינען אראָפּ! אכט דאָיאן א חודש! ס׳איז שוין גלייכער די טסיאַאָ צו שלעפן אָדער פיש צו פאנגען! אכט דאָיאן א חודש!... דו האָסט מיט דיין אויסלאנד אנגעמאכט חובות. ביז איבער די אויערן שטעקסטו אין זיי... דו מוזט טראכטן וועגן אָפּצאָלן זיי... שי־כואן וועט מען באלד פון דער שול אָפּשיקן. וויל ער צאָלט נישט קיין שול־געלט! דיין פרוי פארמאטערט זיך צום טויט אָן א דינערין. מיט די פינגער וועט מען אויף דיר אין דער גאנצער געגנט טייטלען! אכט דאָיאן א חודש... און דו נעמסט עס אָן? דו טאָרסט דעם פאָסטן נישט אָננעמען! זאָלן אים נעמען די שווינדלערס, וועלכע קענען פון 8 דאָיאן מאכן 800 א חודש!

דער טאַטע שווייגט און קוקט אומבאַהאָלפֿן אויף דעם אויפֿגערעגטן ברודער.

— פֿאַרוואָס שווייגסטו? — פֿרעגט דער פֿעטער אויפֿגערעגט — בין איך נישט גערעכט? איך, אַלס עלטערער, בין עס דיר מחויב צו זאָגן.

אַ פֿאַרמאַטערטער, זעצט זיך דער פֿעטער אויף אַ שטול, ער קוועטשט מיט די אַקסלען און קנייטשט די ברעמען. דער טאַטע שמייכלט:

— הער שוין אויף! קענסט איר מיר נישט עפּעס קליגערס זאָגן? וואָס פֿאַרשטייט איר דען פֿון דעם?

לויט די גענבאָטן פֿון העפֿלעכקייט, איז מײַן טאַטע זיין עלטערן ברודער.

אַן אויפֿגערעגטער, לויפֿט דער פֿעטער צו דער טיר, הינטער וועלכער די מאַמע פּאַקט דעם טאַטנס זאַכן אין אַ קופֿערט. דער פֿעטער פּאַכעט אויפֿגערעגט מיט די אָרעמס און לויפֿט אַרויס.

דער טאַטע שפּאַרט זיך לײַכט אָן מיט די הענט אויפֿן טיש, שטייט אויף, פֿאַרציט די צוויי טאַשן מיט רעוואָלווערן און טוט אָן די לאַנגע שווערד.

איך טראַכט, אַז איצטער וועט ער צוגיין צו מיר. זינט דער נאַכט פֿון זיין אָנקומען, האָט ער זיך צו מיר נישט צוגערירט. ער קומט טאַקע צו צו מיר און איך באַמי זיך מיט אַלע מיינע קרעפֿטן לײַדנשאַפֿטלעך אָנגעשטרענגט צו טרעפֿן, וואָס די שטענדיק קאַלטע אויגן וועלן מיר באַפֿעלן.

אָבער ס׳איז אַ טעות. ער קוקט נישט אויף מיר. נאָר אַ הויך פֿון אַ ווינטל בארירט די הויט פֿון מיינע באַקן, ווען ער גייט פֿאַרבײַ.

דער ייִנגערער פֿעטער, ריזן־גרויס און באַשיידן, גייט הינטער אים שטיל און גלעט מיר צערטלעך בײַם פֿאַרבײַגיין מיט זיין וואַרעמער האַנט מיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ...

דער טאַטע איז איבערן קאָפּ באַשעפֿטיקט אין טעיאַן, ווו ער אָרגאַניזירט די פּאָליציי־שול. ער גרייט דאָרט הונדערטס

קאנדידאטן אויף פאליציי-קאמיסארן און צווייהונדערט איינפאַכע פאליציאנטן. ביי אונדז איז ער אַ זעלטענער גאַסט.

איין מאָל, זעלטן צוויי מאָל אין חודש, ברענגט אים אַ שיפל פון טעיאַן צו אונדז.

אויף די שטיינער פון הויף קלינגט דעמאָלט אָפּ די מעטאַלענע שייד פון דער שווערד; הינטערן טאַטן שפּאַנען צוויי ביז צום האַלדז פאַרקנעפּלטע פאַליציאַנטן.

דער טאַטע באַגריסט זיך שנעל מיט דער מאַמען און שטייט שוין פאַר דעם שמייכלענדיקן יינגערן פעטער. ווי נאָר דער טאַטע דערהערט די טריט פון עלטערן פעטער, וועלכער קומט אָקאָרשט אָן צו באַגריסן דעם זעלטענעם גאַסט, פליסטערט ער דעם יינגערן אין אויער אריין:

— מען מוז דעם סאָ-פו אָוועקשיקן.

דערנאָך גייט ער אַנטקעגן דעם עלטערן שמייכלענדיקן פעטער. דער פעטער פינטלט שוין איראָניש מיט די אויגן און באַמיט-זיך צו דעקלאַמירן אַ גאָר פיינעם, אַ גאָר גוט צוגעפּאַסטן פערז פון די פאַרצייטישע דיכטער. אָבער דעם טאַטנס ווערטער פאַרטרייבן גיך פון זיין פּנים איראָניע, שמייכל און פערזן.

— לאָ סאָ, איך בעט אייך זייער, אויף דער צייט פון די צוויי-דריי טעג, וואָס איך וועל דאָ זיין, אַריבערצוקלייבן זיך אין אייער שול. אין שטוב איז ענג און איך האָב מיטגעבראַכט מיינע זעלנער. כ'האָב מורא, אַז ס'קען פאַר אייך זיין אַביסל אומבאַקוועם.

צאָרניק קוקט דער עלטערער פעטער אויף דעם יינגערן. דער טאַטע כאַפּט אונטער דעם בליק

— מיט טי-סטיו האָב איך שוין גערעדט. ער וועט אויך אין דער שול שלאָפן.

דער יינגערער פעטער הויבט אויף זיינע אויגן מיט אַן אויסדרוק פון אַנטוישונג, שאָקלט אָבער מיטן קאָפּ אויף יאָ. דער פערזן-ליבהאָבער וויל זיך נאָך נישט אונטערגעבן. אפילו דער צוזאָץ „לאָ" (אַלטער), מיט וועלכן דער טאַטע טיטו-

לירט אים מיט רעספעקט, ווען דעם ייִנגערן ברודער רופט ער פאַמיליאַריש „טסיו“, מאַכט אויף אים קיין אײַנדרוק נישט.

— ס'איז דאָך אומדערהערט! צו וואָס האָסטו איבערהויפּט אָנגענומען דעם פּאָסטן בײַ דער פּאָליציי פאַר די 8 דאָיאַן? דו וואָלסט געקאָנט אַ בעסערן פּאָסטן קריגן און אַ שענער הויז זיך דינגען, איידער די שטײַג דאָ. אפילו פאַרברענגען מיט דיר, ווען דו קומסט, קען מען אויך נישט.

דער טאַטע שמייכלט.

— איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי. מען מוז געדולד האָבן. ס'וועלן קומען אַנדערע צײַטן. מירן האָבן אַ גרויסע וווינונג. דאַן וועט איר, איך דערלויב עס זיך צו האָפן, שטענדיק קענען בײַ מיר וווינען, דאַן וועלן מיר זיך אויך אויסרעדן אויף קלאָר, ווי ס'געהערט צו זײַן.

דער פעטער קוועטשט מיט די אַקסלען, און שאַרט אומצופרידן מיט די לאַטשן, וואָס ער טראָגט אויף זײַנע פון געלײַבנטקייט דין געוואָרענע, פיס.

דערווייל רעדט דער טאַטע מיטן ייִנגערן:

— גיי צו אים שפּעטער צוגאַסט און פאַרנעם אים ביז זון־אונטערגאַנג. דאַן קום צוריק און נעם איבער אָנשטאָט מיר די פירונג פון דער פאַרזאַמלונג און איך וועל דערווייל גיין צו אים. אַנישט קען ער זיך לאַנגווײַלן און אַרײַנכאַפּן זיך אַהער.

אין אַזעלכע טעג האָט די מאַמע קיין מינוט צײַט נישט אַרומצוקוקן זיך אויף מיר, אַפילו דעמאָלט נישט, ווען איך קום אין קיך אַרײַן אָנצוגיסן זיך אַ שעלכל טיי.

אין עס־צימער שמועסט דער טאַטע מיטן ייִנגערן פעטער זייער שטיל.

— איז עמעצער געקומען פון סוּן יאַט־סען?

— יאָ, צוויי.

— ווענען זיי דאָ לאַנג געווען? האָט מען געזאָרגט וועגן זיי? האָט מען זיי געגעבן אַן אָרט צו שלאָפן און עסן?

— יאָ.

— ווען זענען זיי אוועקגעפאָרן?
— שפעט בײַנאַכט.
— סקריפּעט נישט דאָס הינטערשטע טירל?
— ניין, איך האָב עס אויסגעשמירט.

זיי רעדן וועגן די נאַכט־געסט, די געהיימענישפולע, וועלכע קיינער פון אונדז קען נישט. און וועלכע זענען פון ווײַט געקומען, פּאַרזיכטיק אונדזער שוועל איבערגעטרעטן, אויפן טאַטן זיך געפרעגט, איבערגעזעסן אין איינעם פון די אָפּגעלעגענע צימערן פון אונדזער הויז, און בײַנאַכט אין נעפל פאַרשוונדן געוואָרן. ווען גאַנץ סיאָן־שי שלאָפט און נאָר דער נאַכטוועכטער גיט מיט זיין גאַנג צו וויסן איינע פון די פינף שעהן, אויף וועלכע די אַלט־כינעזישע נאַכט איז איינגעטיילט.

די מאַמע באַגלייט די געסט און קערט זיך אום אין שלאָפצימער צוריק. שטיל שטעלט זי דעם לאָמפּ אויפן טיש, כדי מיך נישט אויפצוועקן. דאָן באַמערקט זי, אַז איך שלאָף נישט. זי זעט מיינע אויגן, וואָס קוקן ווי פרעג־צייכנס, בייגט זיך איבער מיר אַריבער און גלעט מיט אירע מידע פינגער מיין קאָלדרע.

— זע, שי־כוּאַ, דערצייל קיינעם נישט, אַז ס׳קומען צו אונדז אומבאַקאַנטע מענטשן.

טעג פאַרגייען.

ס׳איז אָוונט. איך וואַש מיר די פיס, וואָס זענען דורכן טאָג פאַרשטויבט געוואָרן. דורכן פליוסקען פון וואַסער הער איך אַ שטיל פּאַטשן פון לאַטשן און אַ לײַכטן קלאַפּ אין טיר.

— פעטער, — זאָג איך שטיל.

— וואָס? — הער איך דורך דער פאַפּירענער וואַנט פעטערס שטים אַזוי דײַטלעך, ווי ער וואָלט דאָ מיט מיר צימער געווען.

— מען קלאַפּט אין טויער.

דער פעטער לויפט צום טויער. הינטער איס דער טאַטע. נישט אָפּווישנדיק מיינע נאַסע פיס, לויף איך זיי נאָך און קוק דורך אַ שפּאַרע אין טיר.

אַנטקעגן דעם טאַטן שטייט אַ יונגער פּרעמדער מאַן. דער טאַטע קוקט אים אָן און דערקענט אים נישט. אָבער באַלד רופט ער אויס מיט אַן אייַנגעהאַלטענער שטים:

— ליע-או! טשאַנג ליע-או!

אין דער נאַכט באַפ איך מיך אָפּט אויף. אַ גאַנצע נאַכט ברענט ליכט אין טאַטנס צימער, און מען הערט צווי שטימעס סודותדיק פליסטערן.

פּאַרטאָגס איז דער גאַסט אָפּגעפאָרן. ער געזעגנט זיך מיטן טאַטן. זייַנע אויגן זענען פול מיט טרערן, און בייַם טאַטן צוקן אונטער דער הויט די שטאַרקע מוסקולן פון די קינבאַקן.

נאָך דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט אַראָפּגעוואָרפן די דינאַסטיע טסינג, איז טשאַן ליע-או געוואָרן איינער פון די צוויי גובערנאַטאָרן פון סעטשואַן. שפּעטער, ווען די רעוואָלוציע איז באַזיגט געוואָרן, האָט אים דער דיקטאַטאָר יואַן טשי-קאַי דערשאָסן.

איינמאָל אינדערפרי דערהערן מיר אַ טופּען פון פערדישע קאָפּיטעס. דער טאַטע איז געווען אין דער היים. מיר לויפן אַרויס.

איינער פון די געקומענע שפּרינגט אַראָפּ פון פערד און רופט פרייַלעך אויס צו זייַנע באַגלייטערס:

— האָט קיינער פון אייך נישט פאַרגעסן, ווו זיין קוואַר-טיר איז?

— ווער איז דאָס? פליסטערט דער ייִנגערער פעטער, און קוקט שרעקעוודיק הינטערן טאַטנס רוקן אין דער אַרומי-קער פונקקייט.

— סע דין-טשען.

דער טאַטע גייט אַ טריט פאָרויס.

— סע דין-טשען! דייַנע אַלע באַגלייטערס בלייַבן נעכטיקן בייַ מיר. אייַלט אייַך צו! פירט די פערד אין הויף אַרייַן!

מיט אַ טומל און קלאַפּערייַ פון פּאָדקעוועס פאַרשווינדט די גאַנצע געזעלשאַפט, וואָס פאַרשפּרייט אַ ריח פון פערדישן

שווייס און שמוציקע, מידע קערפּערס, אין די ענגע הויפן פון אונדזוער הויז.

די פערד זענען, איבעריקס, באַלד אין אַן אַנדער אָרט אַהעקגעפירט געוואָרן. די מענטשן זענען געבליבן אַליין.

סע דין־טשען איז באַשיידן, ווי דער מאַמעס שילערינס. איך באַוואונדער זיין גרויסע שוואַרצע באָרד, וואָס הענגט אים אַראָפּ צווישן די אויערן און קין, ווי טראָלדן פון אַ גרויסן זיידענעם שאַל.

די געסט האָבן זיך געזעצט אַרום טיש. זיי טוען אויס די שוועריע, אויף קייטלעך הענגענדיקע, רעוואָלווערן, באַטעס־טיקן זיי אויף די אַנלענען פון די שטולן אָדער לייגן זיי נעבן זייערע קואי־טסי.

איך פּליסטער צום יינגערן פעטער:

— סע דין טשען געפעלט מיר.

דער פעטער ענטפערט מיר אויך מיט פּליסטערן. אים געפעלט אויך סע דין־טשען:

— קיינער אין סעטשואַן קען נישט אַזוי גוט מאַכן באַמבעס ווי ער. דער דאַאָין פאַרפאָלגט אים, טרויזנט דאַיאַן איז פאַר זיין קאָפּ באַשטימט.

— מיט דער באָרד צוזאַמען? רייסט זיך מיר שיער נישט אַרויס: אַזוי געפעלט מיר סע דין־טשענס באָרד.

ביים טיש פירט מען אַ וויכטיקן שמועס.

— וווּ נעמט מען ביקסן?

— מאַכט מען זיי אַליין! — זאָגט סע דין־טשען מיט אַ געלעכטער איבערן גאַנצן פּנים; ער שטעקט די האַנט אין טאַש אַריין און וואַרפט אויפן טיש אַן אויסטערלישע זאַך, וועלכע דער טאַטע נעמט זיך באַלד באַטראַכטן.

— דאָס איז אַ שלאָס פון אַ ביקס.

נאָכן מאָלצייט פאַרנעמט זיך דער טאַטע מיט באַזאָרגן דעם נאַכטלעגער פאַר סע דין־טשען און זיינע באַגלייטער. זיי האָבן אויסגעטון זייערע רעקלעך, זיצן אין די העמדער און קראַצן זיך די ברוסט.

— ווו זענען אייערע זאַכן? פרעגט דער פעטער.

דאָס, וואָס מיר האָבן אויף זיך, איז אַלץ; מער האָבן מיר נישט.

דער פעטער איז איבעראַשט.

דער טאַטע רופט צו די מאַמע, זי הערט אויס שטיל דעם טאַטנס אָנווייזונגען:

— ניי פּאָר יעדן אַ העמד. לאָז אויסוואַשן זייער וועש. פינף טעג וועלן זיי דאָ בלייבן. מען מוז געלט פּאָר זיי אויס־קלויבן. האָבן מיר נישט ערגעץ אַ זיידענעם טעפּיך, וועלכן מען זאָל קענען אין לאָמבאַרד פאַרזעצן?

סע דין־טשען אינטערעסירט מיך וואָס ווייטער מער.

ווי איך שטיי נאָר אויף פון שלאָף, לויף איך אין זיין צימער. פאַרוווּנדערט בלייב איך שטיין אין דער טיר. די שיינע שוואַרצע באָרד פאַלט אונטער די באַוועגונגען פון אַ ראַזיר־מעסער אויף דער פאָדלאָגע אַראָפּ.

סע דין־טשען באַגריסט מיך מיט אַ געלעכטער:

— גוט מאָרגן, קליינער שי־כוּאַ פון שטאָט דען!

זיין פּנים זעט אינגאַנצן אַנדערש אויס. די גאַנצע פּאָר־נעמקייט ליגט צוזאַמען מיט דער באָרד אויף דער ערד.

— האָט איר שוין הייגס געפּרישטיקט, געערטער שי־כוּאַ, ערשטגעבוירענער זון פון מיין פריינד דען יאַ־פוּ?

ער לאַכט פון מיר, ווייל איך שטיי שטענדיק פאַר אים שטום און שטייף. אָבער דאָ נעמט ער עפּעס מאַכן, וואָס איך פאַרשטיי שוין אַבסאָלוט גאָרנישט.

ער נעמט פון אַ שאַכטל אַרויס טונקעלע בינטלעך האָר און קלעפּט זיך זיי צו צום פּנים. נאָך דעם עפנט ער זיין דיקע טעקע, וואָס איז פול מיט קליינע ביכעלעך מיט פּריי־לעכע בילדער אויף די הילעס, ער פּרוּווט אויס די קוילן פון זיין רעוואָלווער און עפנט די פענצטער־לאָדן אַזוי, אַז ס'באַ־קומט זיך אַ שמאָלער שפּאַלט, דורך וועלכן עס דרינגט אַר ני

א שטראַל ליכט. אין אים טאַנצן שטויבעלעך. ער זעצט זיך און הויבט אָן צו לייענען, האַלטנדיק די בלעטלעך פון בוך צום ליכט.

איבערפול מיט דער גרויסער צאָל איינדרוקן פון די אומפּאַר־שטענדלעכע זאַכן, רוק איך זיך אַרויס פון צימער. א לוסטיקע שטים רופט מיר נאָך:

— שי־כוא, מאַך צו די טיר. אָבער לײַטיש!

דעם גאַנצן טאָג לויף איך איבערן גאָרטן ארום און טראַכט נאָר וועגן דער באָרד, די האָר־בינטלעך און די צוגע־שפּאַרטע לאָדנס.

עס גייען אַריבער א פּאָר שעה. דער סוד פון דעם פאַרמאַכטן צימער לאָזט מיך נישט רוען. איך עפן פּאַמעלעך אויף די טיר, שטעק ארײַן דעם קאָפּ און באַמי זיך מיט מײַנע פאַרבלענד־טע אויגן צו דערגיין, וואָס עס טוט זיך אין דעם צימער.

סע דין־טשען אַנטדעקט מיך פריער, ווי איך אים.

— וואָס הערט זיך, קליינער שפּיאָן?

איך מאַך מיר האַרץ און זאָג:

— איז אײַך נישט לאַנגווײַליק?

ער לאַכט, שאָקלט מיטן ביכעלע, צים די טעקע פאַר אַ־עק צו זיך און וועגט זי אויף דער האַנט.

— קוק, וויפל ס'איז דאָ פּאַראַן. מײַנסטו אַז ס'קען מיט זיי זײַן לאַנגווײַליק?

ער איז געבליבן לענגער בײַ אונדז וווינען ווי די איבעריקע.

11. די ערשטע שטראָף.

איך לערן שוין אי... מער בײַ וואַן טשען־טון. איך לערן בײַם ייִנגערן פעג...

דער פעטער לערנט אין אַ פאַרלאָזטן טעמפּל. אין איין העלפט וווינט דער גייסטלעכער מיט זײַנע פרידלעכע הילצערנע געטער

אונטער באַלדאַכינען. אין דער אַנדערער — דער פעטער מיט אונדזער ליאַרעמענדיקער חברה, וואָס לייענט הויך אין כאָר. מיר לערנען אויף טעראַסעס, וואָס זענען באַצירט מיט שטיינערנע אָרנאַמענטן. צווישן צוויי מעכטיקע טולפּן־ביימער, וואָס זייערע פירגעטיילטע בלעטער זעען אויס, ווי אומבאַקאַנטע רייזיקע חיות, פירן שטיינערנע טרעפּ צום הויף אַראָפּ.

אָקאָרשט בין איך מיט מיין קוזין טשאַן, דעם זעלבן, וואָס האָט איינגעפירט ביי אונדז די שיס־רערלעך, אַרויף אויף דער טעראַסע.

ס'איז אַ לויטערער, קילער האַרבסט־טאָג. איך ציטער אין מיין געהאַטירטן אויבערראָק. עס גלוסט זיך מיר נישט צו לייענען. היינטיקע נאַכט איז דער טאַטע פון טעיאַן געקומען; אין שטוב גייען אַלע אויף די שפּיץ־פינגער. עס מוז זייער שטיל זיין.

די פיר־טייליקע בלומען גלאַנצן אויף דער זון. זיי פאַלן רויטע און מיט אַ לייכטן גערויש פון די ביימער אַראָפּ. דאָס איז אינטערעסאַנט.

פון איינשניטן אין דער קאָרע פון בוים ריגט אַ פעטער זאַפט. דער זאַפט מאַכט די האָר פון די דאָרפישע פרויען אַזוי שטאַרק גלאַנציק, גלייך זיי וואָלטן געווען געלאַקירט. קאַרגע אַלטע ווייבער, וואָס ווילן נישט אויסגעבן קיין געלט אויף קרעם צו די האָר, שמירן זיך דערמיט איין דעם קאָפּ. דאָס איז אויך אינטערעסאַנט אָנצוקוקן. ווען די שילער חזרן אויסנווייניק מיט מאַטע און גלייכגילטיקע שטימען שטיקער פון פּאָעזיע און פּראָזע, באַטראַכטן מיר די טאַנצנדיקע בלעטער. דאָ פאַלן צוויי אַראָפּ. דאָרט פינף, דאָ איינס און דאָרט אַ גאַנצע מענגע, וואָס מען קען אפילו נישט איבערציילן.

איבערציילן וויפל בלעטער ס'פאַלן אַראָפּ — דאָס איז אויך אַ מין שפּיל, דאָס איז אפילו אינטערעסאַנטער, ווי צו שיסן מיטן באַמבוס־רערל.

— סויליאַקעס!

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פעטער רופט אונדז אַזוי

שוין אָן צום דריטן מאָל. איך האָב קיינמאָל פריִער נישט גע־
זעען, ער זאָל אַמאָל זײַן בייז.

— איך האָב נישט קיין חשק מיט אײַך זיך צו פאַר־
נעמען, מאַרש אַהיים! זאָל דײַן טאַטע (אַ קעלט יאָגט מיר
איבער די ביינער, דעם פעטערס אויגן בלאָנדזשן אומזיכער
איבער דיל) אַליין מיט דיר לערנען! אפשר אינטערעסירט
עס דיך צו וויסן, וואָס ער טראַכט וועגן פּויליאַקעס!

מיר פּאַרען זיך לאַנג ביים אײַנפּאַקן די ביכער אין
רענצל און פאַרלאָזן די טעראַסע מיט לאַנגזאַמע טריט. דער
פעטער שווײַגט.

דער וועג געדויערט לאַנג. טשאַן דערציילט מיר נײַעסן
פון מיין טאַטנס לעבן.

— שוין לאַנג צוריק, ווען ער איז נאָך געווען אַ לערער,
פלעגן זיך אַלע שילער פאַר אים שרעקן, ווי פאַר אַ דראַכן.
ס'איז קלאָר, ער וועט אונדז שלאָגן, ווי ס'געהערט צו זײַן
אָנשלאָגן! מיר מוזן עפּעס אויסטראַכטן, צו באַשיצן אונדזערע
האַנט־פלאַכן פאַר דער פאַסקודנער באַמבוס־ווירע. — איך האָב
אַ פּלאַן: אונטן, ביי דער בריק שטייט אַ געצעלט. עס געהערט
צו אַ מאַן, וואָס איז דאָ אַהערגעקומען מיט אַ מענאַזשעריע.
ער האָט אָבער אַ חיה מיט צוויי הויקערס און אַ פויגל, וואָס
לויפט ווי אַ פערד. לאָמיר אַהין גיין און דאָס אַלץ באַקוקן.
אַזוי וועלן מיר געווינען צייט און קומען אַהיים פּונקט דאַן,
ווען די לעקציעס ענדיקן זיך. דעם טאַטן זאָגן מיר, אַז מיר
זענען ביזן סוף געווען אין שול, און מיר וואַרטן דאַן אָפּ דעם
פעטער אויף דער גאַס און מיר זאָגן אים, אַז מיר זענען שוין
געווען ביים טאַטן. דאָס איז אַלץ.

איך בין אַנטציקט פון טשאַנס געניאַלן אײַנפאַל. ביי
דער בריק, צווישן פישער־נעצן, וואָס זענען אויסגעהאַנגען צום
טריקענען און איבערגעקערטע לאָדקעס, בלאָזט אָן דאָס געצעלט
אויפן ווינט זײַנע זײַדענע באַקן.

מיר גייען אַרײַן, און באַלד איז די שול, דער טאַטע,
דער פעטער, די בלעטער און די שטראָף פאַרגעסן.

אין געצעלט זענען דאָ צוויי מענטשן. איינער פון זיי זעט נישט ספּעציעל אויס און טראָגט אַן איינפאַכן כאַלאַט. דער אַנדערער דערפאַר טראָגט אַ חיים שפּיציק מיצל. און זיין פּנים איז באַמאָלט מיט שוואַרצע און חייסע אָרנאַמענטן, אַזוי אַז עס זעט אויס נישט ווי אַ מענטשלעך פּנים נאָר ווי אַ בראָט־פּאַן.

ביידע פאַרפירן מיט אונדז אַ שמועס. זייערע רייד קלינגען נישט אויפריכטיק, אָבער דערפאַר זענען זיי לאַנג און אויסגעפיינט. מיר הערן זיך צו זיי נישט צו. אונדז אינטערעסירן די חיות.

דאָס ערשטע איז אַ קעמל. עס ווערט געפירט פון אַ יינגל, וועלכער דערגרייכט אים קוים ביז די קני. מיר וווּנדערן זיך, וואָס אַזאַ קליין יינגל קען פירן אַזאַ גרויסע חיה. דער קליינער פאַרמאָגט אַוודאי עפּעס אַ באַזונדערע מאַכט, און עס דערוואַרט אים אַ גרויסע צוקונפט. ווען ער קען שוין אַלס שנעק די אומגעלומפּערטע חיה אַרומפירן ביים נאַז, ווי אים ווילט זיך, וואָס פאַר אַ העלד וועט ער דאָס זיין צו צוואַנציק יאָר!

נאָכן קעמל פירט דער קליינער אַרויס אַ שטרויס און שפּרינגט אויף אים אַרויף. מיר ביידע הייבן אָן צו טרוימען: ווען מיר וואָלטן אַזאַ שטאַרקן פויגל געהאַט! יעדן פרימאָרגן וואָלטן מיר אויף אים אין שול אַריין געריטן.

דער שטרויס פאַרשווינדט הינטער אַ געהיימניספולן פאָרהאַנג.

אַ לאַנגווייליקער דערוואַקסענער פירט אַרויס אויף אַ קלינגענדיקער קייט אַ שרעקלעך באַוואַקסענעם און בייזן בער, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער לאַנגער פיאָלעטער צונג.

דאָס איז גאָרנישט אינטערעסאַנט. אַ סך פעל און אַ סך שמוץ. דער בער געפעלט אונדז נישט.

גיך און גרינג לויפן מיר אַהיים. ערלעך, אָפן און מיט באַגייסטערונג זאָגן מיר אָפּ פאַרן טאַטן דעם ליגן:

— די לעקציעס זענען געענדיקט.

דער טאַטע פרעגט:

— פאַרוואָס אַזוי פרי?

צו דער פראַגע בין איך נישט געווען צוגעגרייט. איך שוויַיג, גלייך איך וואָלט אַנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער. אָבער טשאַן ענטפערט העפלעך:

— דערפאַר אַזוי פרי, וויַיל איר, פעטער, וועגט הײַנט דאָ בײַ אונדז. דער יינגערער פעטער האָט אונדז אָפּגעלאָזט פריער פון אַלע.

— און וויפל האָט איר היינט געלייענט?

— אַזויפיל ווי נעכטן, פעטער.

גלײַך נאָך דעם לויפן מיר אַרויס אויף דער גאַס אָפּצוּוואַרטן דעם יינגערן פעטער, וועלכער קומט טאַקע אָן מיט גרויסע טריט: מיט פריילעכע מינעס לויפן מיר אים אַנטקעגן.

— נו, און ווי? דער טאַטע האָט אײַך אָנגעלערנט?

— יאָ — ענטפערן מיר ביידע צוזאַמען.

— און ס׳האָט ווי געטון?

— ניין.

מיר באַגלייטן דעם פעטער. גלייך ביים אַריינגאַנג אין צימער, ווענדט ער זיך צום טאַטן מיט אַ פראַגע:

— נו, ווי האָבן זיי בײַ אייך געלייענט?

— די האָסט זיי דאָך געלערנט. וואָס פרעגסטו מיך? — פרעגט דער טאַטע צוריק אַ פאַרוואונדערטער.

— זיי זענען הײַנט געווען פויל, דערפאַר האָב איך זיי אײַך אַהיימגעשיקט, איר זאָלט זיי באַשטראָפן — זאָגט דער פעטער אויס אונדזער סוד.

— דער טאַטע ווערט בלאַס.

איך האָב אים נאָר איינמאָל געזען אין אַזאַ שרעקלעכן צושטאַנד. ער איז דעמאָלט גראָד געזעסן פאַרטראַכטערהייט בײַם שרײַב־טיש. ס׳איז אויפן טיש פּלוצלונג אַרויפגעשפרונגען אַ הון, וועלכע האָט זיך פאַר עפּעס דערשראָקן. דער טאַטע איז אויפגעשפרונגען, אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון שײַדל און דערשאָסן די הון אויפן אָרט. בלויז האָט אַ שפּריץ געטון אין אַלע זײַטן און די הון איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד...

דעם טאַטנס הענט כאַפּן אונדז אָן, ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. ער טרייסלט אונדז און שרייט:

— איר פּוסטעפּאַסניקעס, איר ליגנערס! דער אַמעריקאַנער וואַשינגטאָן האָט אַמאָל שטיפנדיק אָפּגעהאַקט זיין טאַטנס געליבט ביימל. ווען דער טאַטע האָט, א צאָרנדיקער, אים געפרעגט, ווער עס האָט דאָס געטון, האָט וואַשינגטאָן געזאָגט דעם אמת, נישט שרעקנדיק זיך פאַר דער שטראָף. פאַרוואָס האָסטו דיין טאַטן אָפּגענאַרט? ווי האָסטו זיך דערוועגט דעם טאַטן אַ ליגן צו זאָגן?

ער נעמט די באַמבוס-ווירע און שלאָגט אונז, לויט דער ריי, איבער דער לינקער האַנט. באַזונדער שטאַרק שלאָגט ער מיך. איך שריי, און דעם טאַטנס אויפגעצרעגט פּנים שווינדלט מיר פאַר די אויגן, פאַרטאָפּלט זיך, ווערט גרעסער און ציטערט, ווייל טייכן טרערן פליסן מיר פון די אויגן.

פיר לאַנגע טעג קען איך מיט מיין געשוואָלענער האַנט גאָרנישט אָננעמען.

און נאָך איצטער, ווען איך צי אויס פאַר זיך און עסן די לינקע האַנט, דערמאָנען זיך מיר וואַשינגטאָן, דאָס פייפן פון דער ווירע און מיין שוועסטערקינדס פּנים.

קורץ נאָך דער געשיכטע, האָט טשאָן אויפגעהערט צו לערנען אין דער שול. ער איז געווען פֿעיִק, אָבער זייער פויל. זיינע עלטערן זענען געווען אָרעם, כמעט בעטלערס. אַנשטאָט דעם פּענדזעל, האָבן זיינע פינגער געמוזט באַלד זיך נעמען צו דעם שטעקעלע, מיט וועלכן מען ציט אַרויס פון קאָכעדיקן וואַסער די שלייערלעך אין די זייד-שפּינערייען.

נאָר אין די פרייע טעג פאַר ניי-יאָר, ווען אַלץ אַרום פלעגט מיט רויטע שפּרוכן באַקלעפּט זיין, פלעגט ער קומען צו מיר צו לויפן און זיך פאַרגראָבן אין ביכער, צו וועלכע עס האָט אים שטענדיק געצויגן.

פון דער זייד-שפּינעריי איז ער אַוועק און געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם אין טשאַן-טסין. אַ סך יאָרן איז ער געווען אַ שיק-ייִנגל; ער האָט געאַרבעט מער ווי 12 שעה

אין טאָג און פאַרדינט נאָר 2 אָדער 3 דאַיאַן א חודש.

אין שול איז ער געווען א רירעוודיקער, העלאַוויניקער און רויטבאַקיקער קונדעס. די קראָם האָט אויסגעלאָשן די רוים-קייט פון זיינע באַקן און געמאַכט אים שטיל ווי א שפּין. זיי-נע אויגן וואָס זענען אַזוי קלאָר געווען, ווי די וואַסערן פון יאַנגטסע, זענען געוואָרן טריב.

מיט א סאַך יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך שוין גע-גרייט צו פאָרן אין אוניווערזיטעט, האָבן צוויי גענעראַלן פאַר-פירט צווישן זיך א קאַמף איבער טשאַן-טסין. צוליב שרעק פאַרן פּאָגראָם, וועלכן ס'וועט אין שטאָט אַדורכפירן דער זי-גער, זענען די קרעמערס אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק בלויז זייערע אָנגעשטעלטע אין די קראָמען. דער זיגער איז אַריין אין שטאָט און פאַרלאַנגט פון די קרעמערס א גרויסן אָפּצאָל. ווער ס'האָט נישט באַצאָלט, איז געוואָרן צעראַבירט. טשאַן האָט באַצאָלט 40 דאַיאַן אָפּצאָל פון זיין באַלעבאָס' קאַסע דעם גענעראַלס מאַנערס.

דערנאָך איז דער גענעראַל אַוועק און דער קרעמער איז צוריקגעקומען. מיט א זידלעריי וואָרפט ער זיך אויפן אָנגע-שטעלטן, פאַרוואָס ער האָט זיך דערוועגט אָן זיין דערלויבעניש אַרויסצוגעבן געלט פון קאַסע; ער האָט אים געשאָלטן און געשלאָגן, אָנגערופן גנב און שווינדלער, געדראָט מיט א גע-ריכט און אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. דער שוואַכער יונג האָט זיך עס גענומען צום האַרצן; ער האָט זיך שטאַרק אויפגע-רעגט, און אויף צומאָרגנס באַקומען א בלוט-שטורץ. אין א חודש אַרום איז ער געשטאָרבן, ווי אן איינזאַמער, דורך מילבן צעפרעסענער, פויגל.

12. דאָס שוועסטערל

דעם פעטערס שול האָט זיך איבערגעטראָגן אין אן אַנ-דערן טעמפּל, אין א גרעסערן, אָבער אויך ווייטערן פון אונדזער הויז. כדי איך זאָל נישט דאַרפן שטענדיק אַזאַ ווייטן וועג פון

הויז אין שול אריין גיין, האָט מיך דער פעטער גענומען צו זיך און פלעגט מיך נאָר שבת שיקן אהיים. דער פעטער האָט אײַנ־געפירט ביי זיך דעם אייראָפּעיִשן שטייגער. אין זײַן שול, וואָס איז געווען אַ מלוכהשע שול, האָבן די קינדער געהאַט איין טאָג אַ פרײַען און נישט ווי אין די פּריוואַטע שולן, ווו די שילער זיצן פון אַיין יומטוב ביזן צווייטן איבער די ביכער. און יומטובים זענען אין כינע אַזוי זעלטן, ווי טײַכן אין דער וויסטע.

הײַנט איז אַ שול־טאָג. מען רופט מיך אַרויס פון קלאַס. אונדזער דינסטמיידל שטייט אין דרויסן. איך שמויס מיך שוין אָן: די מאַמע פילט זיך נישט גוט. דאָס דינסט־מיידל באַוויַזט זיך אין אונדזער שטוב, נאָר ווען די מאַמע פאַרלאָזט איר פּאָסטן.

איך אײַל זיך. אונטערוועגס דערציילט מיר דאָס מיידל עפּעס, וואָס איך האָב נישט דערוואַרט.

— דיין מאַמע האָט דיר אַ שוועסטערל געבוירן.

איך פריי זיך, ווײַל אַליין זיין אין שטוב איז לאַנג־ווייליק.

דאָס מיידל גיט מיך איבער דער באָבען. מיט אַ פײַער־לעכער מינע פירט מיך די באָבע אין דער מאַמעס צימער אריין. די מאַמע ליגט מיט די הענט אויף דער קאָלדרע, בלאַס, מאָגער און שווײַגט.

נעבן איר בעט שטייט אַ קליין קאָמיש בעטעלע. אין ווייסע ווינדעלעך ליגט עפּעס, וואָס באַשטייט בלויז פון קײַקע־לעך און פאַלדן.

— אַ מיידעלע, — זאָגט די באָבע.

איך וויל דאָס שוועסטערל אָנרירן, אָבער די באָבע דערלויבט מיר נישט. אויב אַזוי, באַשליס איך גלייך צו גיין אין קראָם און קויפן איר אַ צוקערל. די באָבע זעצט זיך אויף דער מאַמעס בעט און לאַכט לאַנג, לאַנג מיט איר דינער שטי־מעלע. זי הערט אויף צו לאַכן, קוקט מיך אָן און זאָגט אי־בער: „אַ צוקערל!" און צעלאַכט זיך ווידער. דאָס צוקערל

קאָסט מיך טייער. די באָבע קען שוין איינמאָל חווק מאַכן. איך זאָג צו איר:

— ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז געוואָרן א מיידעלע.

— אָ, ניין, דאָס איז נישט גוט, — ענטפערט זי מיט אַן ערנסטער מינע. ביי אונדז אין סעטשוואַן מוז דאָך די כּלה האָבן א נדן. דאָס איז א יאָך! האָלטן מיר געלעבט אין קיאַנגסו, וואָלט זי טאַקע גוט געמאַכט, ווערנדיק געבוירן א מיידל: דאָרט באַצאָלט מען דער פאַמיליע אויסקויף פאַר דער כּלה.

איך האָב אַן אַנדערע מיינונג, ווי די באָבע. אָבער זי לאַכט שוין ווידער. פאַרשיינלעך איז איר ווידער דאָס צוקערל איינגעפאַלן.

דאָס דינסטמיידל ברענגט פאָרזיכטיק צו טראָגן א טע לער היינער־יויך פאַר דער מאַמען. יעדע קימפעטאָרין אין כינע קריגט א הון צו עסן. הון איז געשמאַק. איך קוק אין טעלער מיט גיריקע אויגן. די מאַמע הייסט מיך זיך זעצן נעבן איר און מיר ביידע ליידיקן באַלד אויס דעם טעלער.

ווען די באָבע נעמט צו דעם ליידיקן טעלער, קוקט זי ווידער מיך אָן און זאָגט ערנסט:

— נישט וואָר, שי־כּוּאַ? ס׳וואָלט געווען גוט, די מאַמע זאָל יעדעס יאָר געבוירן א ברודערל אָדער א שוועסטערל, דעמאָלט וואָלסטו אָפט הין געגעסן.

מיט א חודש שפּעטער האָט אונזער הויז געווימלט מיט קרובים. סאַראַ מענגע מענטשן! די מאַמע לויפט אַרום פאַרשמייעט. זי איז נאָך בלאַס און מאָגער, הגם זי האָט דעם גאַנצן חודש נישט געאַרבעט. זי קומט אַריין אין זאַל מיטן שוועסטערל אויף דער האַנט און אַלע קרובים גייען צו לויט דער ריי און באַקוקן דאָס מיידעלע מיט די גרויסע קיילעכיקע אייגעלעך. איר נאַקעט בייכעלע איז, אויס מורא פאַר פאַרקילונג, אַרומגעוויקלט מיט א רויטן, פלאַנעלן טיכל. מען רעדט וועגן דעם, וועמעס נאָז זי האָט, וועמעס אויגן, פון וועמען זי האָט די ליפּן איבערגענומען און מען ווינטשט צו:

— זאָל זי זיין אַזוי קלוג ווי די מאַמע.

— זאָל זי אויסוואַקסן אַ גוטע באַלעבאָסטע!
— זאָל זי זיין די שענסטע כּלה אין סיאַן-שי!
— זאָל זי אויסוואַקסן אַ ניו-צאַי-טסי!
— ניו-צאַי-טסי באַטייט: אַ באַרימטע שריפטשטעלערין.

דאָס ווינטשט אַזוי דער עלטערער פעטער. איך ווייס: ער אַליין האָט ליב צו שרייבן און דעריבער ווינטשט ער אַלע ניי-געבוירענע יינגלעך, זיי זאָלן ווערן צאַי-טסי — באַרימטע שריפט-שטעלער, און די מיידלעך — ניו-צאַי-טסי.

געענדיקט מיטן פאַרשטעלן דאָס קינד. דאָס מיידעלע וויקלט מען צוריק איין אין די וויקעלעך און מען טראָגט עס ארויס פון צימער. די קרובים דערלאַנגען דער מוטער זייערע מתנות. ס'איז דאָ פאַראַן קערבלעך מיט אייער, קוואָקענדיקע הינער, היטלעך צוקער, אויסגעצייכנטער רייז, וואָס קאָכט זיך לייכט און איז אַזוי דורכזיכטיק און פיין, אַז עס גלוסט זיך אים אָנצוציִען אויף אַ שנירל און טראָגן ווי פּערל. ס'איז דאָ אויך צוקערלעך...

— אָך, צוקערלעך!

די באָבע קוקט אויף אַזאַ מין שאַכטל מיט צוקערלעך, דאַן גיט זי אַ קוק אויף מיר און צעלאַכט זיך ווידער.

די קרובים גייען איבער אין עסצימער.

אויפן טיש ליגן אָנגעגרייט איינדזערע מתנות פאַר זיי: צו צוויי רויטע אייער פאַר יעדן איינעם.

עס פאַרדריסט מיך: מיר האָבן נישט קיין געלט, האָב איך דעריבער נישט-געקענט אויף יעדן איי אָנקלעבן אַ היעראָגליף „גליק", אויסגעשניטן פון גאָלד-פּאַפּיר.

אין אַ יאָר אַרום, צום געבורטס-טאָג פון מיין שוועס-טערל, באַזוכן אונדז ווידער אַ סאַך קרובים. דער טיש אין זאַל איז באַדעקט מיט אַ רויטן טישטעך, אויפן טיש זענען פונאַנ-דערגעלייגט פאַרשידענע זאַכן: אַ נאָדל מיט פאָדעם, אַ טעפּל, אַ טשיינִיק, אַ פענדזעל, אַ שטעמפּל, טוש, אַ מעסער, אַ בוך מיט מייסעלעך, אַ ביינערדיקע שווערד, אַ לערנביכל און אַ שטיק געמוסטערטע זייד. מען ברענגט צום טיש די קליינע,

וועלכע איז גראָד זייער באַשעפטיקט מיטן זייגן א פינגער פון איר אייגן פיסל, און מען ווארט, וועלכע זאַך זי וועט די ערשטע אָנכאַפּן. נעמט זי אַ פּענדזעל — וועט זי זיין אַ דיכטערין; כאַפּט זי דאָס טעפּל — וועט זי זיין אַ באַלעבאָסטע; שלעפּט זי די זייד — וועט זי אויסוואַקסן אַן עלעגאַנטקע; כאַפּט זי זיך צו דער שווערד — וועט זי באַרימט ווערן אַלס העלדין און אָנפירערין פון מיליטער.

כ׳ווייס נישט, וואָס מיין שוועסטערל האָט אויסגעקליבן. אַזוי ווי זי שטודירט איצט אין פּעקינגער אוניווערזיטעט און ווייזט אַרויס גרויס אינטערעס פאַר ליטעראַטור, האָט זי מסתמא דעמאָלט געכאַפּט זיך צום פּענדזעל אָדער צום לייענביכל. אגב, איז זי דאָך אַ שוועסטערקינד פון צוויי לערער. אויפן רויטן טישטעך איז געווען אָנגעלייגט אַזויפיל ביכער, פּאַפּיר און שרייב־געצייג, אַז די נאָדל־פּאָדעם האָבן גאָר קיין שאַנסן נישט געהאַט, אַריינצופאַלן אין די הענטלעך פון דער קליינער שי־קוען.

—

אין יענער צייט שפּילט זי אין אונדזער שטוב די וויכטיקסטע ראָליע און פאַרשטופּט מיך אין הינטערגרונט. מיך האָט עס אָבער ווי ניט געאַרט. איך בין דאָך עלטער פון איר מיט גאַנצע צוויי יאָר.

13. איך בין קראַנק

די שווערסטע וואָכן פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע, ווען מען זאַמלט ביקסן, מיליטערישע אָפּטיילונגען און עס וואַקסן די קאַמף־שטימונגען, גייען אַריבער איבער מיין צעהיצטן קאָפּ, און איך באַמערק זיי כמעט נישט.

איך בין קראַנק. איך וואַרף זיך אין אַ שווערן פיבער צווישן פייכטער היץ און קלעפּיקער קעלט. די גאַנצע צייט זע איך עמעצנס אַ שרעקלעכן פּיסק, וואָס האַסט מיך און וויל מיך איינשלינגען. דער דאָקטאָר פון סיאַן־שי קומט

בסדר צו מיר, טאפט מיר דעם פולס און באקוקט מיין צונג. ער פארשטייט גארניט. די מאמע פארוויקלט מיך אין וואטענע קאלדרעס, דער יינגערער פעטער טראגט מיך אראפ צום טייך. און ווייטער געדענק איך נאר א בעפלאכטענע גויד פון א שיסל, וועלכע דריי רודערערס שטופן מיט מאטערניש איבער די צעבושעוועטע כוואליעס פון יאנגטסע קיין טעיאן.

אכט לאנגע חדשים ליג איך אין א צימער פון מיין טאטנס וווינונג און גיי אויס פון היץ. דורך די היץ־בילדער פון מיין פיבער הער איך אמאל דעם טאטנס האסטיקע טריט אין צווייטן צימער. ער קומט צו מיר נישט אריין. ער אינטערע־סירט זיך נישט מיט אונדז. דאס קוויטשעדיקע שוועסטערל, וואס האצקעט זיך אויף דער מאמעס האנט, איז אים נישט נענ־טער, ווי דאס גילדענע פישל, וואס שווימט ארום אין א גלע־זערנער וואזע. מיט לייב און לעבן איז ער דארט, ווי מען גרייט די רעוואלוציע: ביי די מענטשן מיט מיאוסע, גראבע שטימעס. מענטשן קומען און גייען אוועק, ווי לופט־בלעזלעך אין א קעסל, אין וועלכן ס׳הויבט אן צו קאכן.

דער דאקטאר קומט צו מיר אפט. ער הייסט מיך שוין נישט ווייזן די צונג און טאפט נישט דעם פולס. ער ציט נאר צונויף די ברעמען, ווי ער וואלט געוועזן פארוואונדערט: „סטייטש, ער לעבט נאך ו״ און ער פארשרייבט א רעצעפט. שווידערלעך בי־טערע רפואות גיסן זיך אין מיין שטייף געווארענעם האלדז אריין. און דער פיבער הערט נישט אויף צו פייניקן מיין קער־פער. דאס בעט הייבט זיך אונטער פון דער פאדלאגע, די שויבן פון פענצטער, די גלעזער אויפן טיש הייבן פלוצלונג אן ארומטאנצן ארום מיר. אזוי דרייט זיך דער הימל מיט די שטערן ארום דער אומבאוועגלעכער ערד־קויל.

דאס צימער דרייט זיך אין א ראד. איך רעד פון חעג. נעבן מיר פייניקט זיך די מאמע, שאקלט דאס שוועסטערל און לייגט עס אין וויגל.

נאך אלץ נישט געוועזן דער קריזיס. מיין קראנקייט שלעפט זיך, ווי אן אומגעהייערער זומפ. די זעלטענע מאמענטן

פון פארלייכטערונג קענען נישט קלאָר באשטימען, צי עס איז א קער צום געזונט חערן אָדער נאָר אַן אויסלייטערונג פון א פארפייניקטן געהירן הארט פארן טויט.

אמאָל ווערט מיר גרינגער, דער פיבער לאָזט נאָך, און באלד קומען ווידער נייע היץ און נייע היץ-בילדער.

איך געדענק, ווי טיילמאָל טויכן אויף אין נעפל פון מיין שוואכקייט אין דעם טאגצנדיקן צימער די שפילע נעכט, דער אומדערטרעגלעכער טשאד פון דעם גאפט-לאָמפ און די מאמע, וואָס זיצט מיט אירע שטייף-צענויפגעצויגענע חאָר אי-בערן ווייסן שטערן הארט נעבן דעם לאָמפ און נייט און נייט נאכט-איין נאכט-אויס שטויסן פון ווייסן טוך מיט רויטע אָפצי-כנס און היעראָגליפן.

איך פרעג:

— מאמע, וואָס נייסטו?

די מאמע זיפצט אָפ, הייבט אויף דעם קאָפ און, צונויפ-נעמענדיק די שטיקלעך טוך, ענטפערט זי:

— איך ניי א נייעם אָנצוג פאר דיר, ווען דו וועסט גע-זונט חערן.

איך גלייב נישט. איך פרעג שוין נישט מער. ערשטנס: צו וואָס דארף איך אזויפיל אָנצוגן, און צווייטנס זע איך דאָך אליין: דורכאנאנד קומען מענטשן סיי בייטאָג סיי בינאכט און טראָגן אונטער די אָרעמס ארויס גאנצע פעק מיט מאטעריאלן, וועלכע די מאמע האָט אויפגעניים, און דאָך ווערט דער בארג מיט שטאָף נישט קלענער.

דער זומער ענדיקט זיך. די קראנקייט שווינדט פאמע-לעך. כ'האָב נישט מער קיין רויטע באקן. די קרענק האָט מיך געמאכט דאר און פארוועלקט.

נאָך איצטער קען מען זען די שפורן פון דער קראנ-קייט אין מיין איינגעפאלענער ברוסט, הגם איך בין שוין א דערוואקסענער מאן.

דער גאָלדענער אָקטאָבער קומט אָן אין סעטשואן. די רעוואָלוציע שטייט אויף דער שוועל. זי לאָזט זיך שוין מער

נישט פאַרבאַהאַלטן. זי רייסט זיך אַרויס דאָ אין אַ נישט באַ־טראַכטן וואָרט, דאָרט אין אַ שאָס אָדער אַ שטאָך מיט אַ שטילעט.

דער טאַטע זעט שרעקלעך אויס. קיינער פון אונדז דער־וואַגט זיך נישט צוצוגיין צו אים. ער איז אויסגעמאַטערט. די אויגן זענען איינגעפאַלן, די ליפּן און דער קין פאַרשווינדן אין וואַלד פון דער נישט ראַזירטער באָרד, די האָר זענען צעשויבערט און צעקאָלטנט ווי ביי אַ מאָנאַך.

דער אויפשטאַנד וועט אויסברעכן היינט־מאָרגן, אפשר אין דריי טעג אַרום און אפשר שוין איבערמאָרגן.

דער יינגערער פעטער באַווייזט זיך אין אונדזער הויז: ער איז געקומען צופאָרן מיך צו נעמען אויפן דאָרף. די מאַ־מע וויינט ביטער. איך וויל אויך נישט צוריק אין דאָרף פאָרן, כ׳וויל בלייבן מיט דער מאַמען. דער טאַטע איז בייז און שרייט. ער באַפעלט. איך בין צאַרט און דורכזיכטיק. איך וואַקל מיך אויף מיינע שוואַכע פיס, שיער נישט ווי די באָבע אויף אירע „גאָלדענע ליליעס״. די מאַמע באַשיצט מיך פאַרן טאַטן, גלעט מיך און זאָגט שטיל:

— פאָר צוריק קיין סיאָן־שי, איך וועל אויך באַלד צו דיר קומען.

היינט ווייס איך, אַז זי וואָלט געוואָלט געבליבן מיט מיר: איך בין ערשט קוים, מיט שווערער מי, צוריק געקומען צום לעבן, און זי האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן דאָס לעבן צו פאַרלירן.

די צוגרייטונגען צום אָפּפאָר געדויערן נישט לאַנג. דער מאַמעס פלינקע הענט פאַרפּאַקן אין אַ זאַק מיינע שול־ביכער מיט די בילדער, אַ בלעכן פּודעלע מיט איינגעמאַכטס, מיין גע־ליבטן שאָך און מיין פריינד — אַ הילצערן מענטשעלע.

איך וואַרט אויף דער מאַמען אַ טאָג און צוויי, אָבער זי קומט נישט. אנשטאָט איר איז מיט מיר די באָבע. אָבער איך דערקען זי נישט. ס׳זעט אויס, ווי זי וואָלט אַ גאַנצן טאָג זיך נאָר צוגעהערט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר 60 לי ווייט פון דאַנען, אין טעיאַן. זי לויפט אַרום ווי אויף ספּרענזשינעס און

ביי יעדן קלענסטן גערויש, ביי יעדן קוויטש, קלאפ אדער שריט, רייסט זי זיך אויף א פארציטערטע.

איך הייב אן צו פארשטיין, פארוואס מ'האט מיך אוועקגעפירט פון שטאט, אבער פארוואס קומט נישט די מאמע?

זי איז שוין מער קיינמאל נישט געקומען.

עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז מיין טאטע איז א רעוואלוציאנער. דער קלאנג איז דערגאנגען צום דאַיִן.

— וואס? דער פאליציי־קאמענדאנט — א רעוואלוציאנער?

דער שווער־גלויביקער אלטער קאנטראלירט פארזיכטיק דעם קלאנג.

דעם דאַיִנס ווייב קומט צוגאסט צו מיין מאמען. זי האט א בייגעוודיקע צונג, שארפע אייגלעך און אויערן אויפן ריכטיקן ארט.

מען טרינקט טיי, מען אונטערהאלט זיך, מען פארברענגט.

די מאמע איז גוט געשטימט און פריינדלעך: אך, זי פרייט זיך אזוי צו זען ביי זיך די געערטע פרוי פון איר מאנס שעף. אך, זי איז אזוי גליקלעך צו קענען מיט איר אביסל וועגן אלץ פלוידערן!

צומארגנס גייט די מאמע מיט א קענען־וויזיט צו דעם דאַיִנס פרוי, ווידער טרינקט מען טיי. ווידער קען זי נישט גענוג אויסדריקן אירע געפילן פון אויפריכטיקער פריינדשאפט.

ווי קען די מאמע צוריקפארן אין דארף אריין, ווען ס'גייט אין דעם, אז מען דארף מיט זיסער און קלעפיקער חניפה פארשטאפן דעם דאַיִנס אויגן און אויערן, ווייל אויסט קען זיך באלד א גאס טון דאס קלעפיקע בלוט דורך די אויגן און אויערן פון מיין געקעפטן טאטן, פון איר אליין און פון מיר, וואס זיך אין ווייטן סיאן־שי און ווארט אויף זייער קומען!

מ'האט נישט געטארט שאפן דעם איינדרוק, אז הארט פאר די אנטשיידנדיקע טעג פון אויפשטאנד, האט מען דאס הויז־געזינד ארויסגעשיקט אויפן דארף.

דער דאַיִן איז נישט צופרידן געבליבן מיט זיין ווייבס

פאַרשונג. מען ברענגט דעם טאַטן אַ פּראַקטישע וויזיט־קאַרטע. דער דאָזיקער לאָזט אים אַרײַן אויף אַ באַנקעט.

גײַען צי נישט גײַן? ווער ווייסט, צו מען קען נישט אַמאָל אויף דעם באַנקעט אַראָפּפאַלן אונטערן טיש, פאַרסמט מיט אַ בעכער ווײַן.

אָדער אין מיטן דעם באַנקעט, נאָך די געשמאַקע היי־פיש־ריפּן, פּאַקן דיך פּלוצלונג די הענט פון דאָזיקע דינערס, פירן דיך אויפן הויף אַרויס און גיבן דיך איבער דעם הענ־קער; דער בייזער גרײַז האָט אויסגעטראַכט אַ נײַעם שטייגער פון טויט־שטראָף: מיט אַ גראָבן שטעקן שלאָגט מען דריי שעה דורכאַנאַנד ביז צום טויט.

אָבער נישט גײַן אַהין, הייסט אײַנשטעלן די גאַנצע צו־גרייטונג צום אויפשטאַנד.

דער טאַטע גייט אויפן באַנקעט, אַזוי ווי ס׳פאָדערט די עטיקעט, נישט מיטנעמענדיק מיט זיך קיין איינציקן פון זײַנע לײַט. ביים טיש פירט מען זייער אומשולדיקע שמועסן, דער אינטימער שמועס באַרויקט דעם אַלטן אויף דריי פערטל. דאָך גיט ער אַרויס אַ באַפעל צו האַלטן דעם טאַטן אויפן אויג.

מאָדנע לײַדיקגייערס באַווײַזן זיך פון דעם טאָג אָן פאַרן טאַטנס הויז און פאַרן הויז פון דער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג. עפּעס גײַען גאַסן־הענדלערס, וועלכע מ׳האָט ביז איצט נישט געזען, צעשטעלן זיך מיט זייערע סחורות אויף די אַרומיקע ראָגעס פון די גאַסן. דעריבער פאַראָרדנט דער טאַטע איבער־צוטראָגן אַלץ געהיימע זיצונגען הינטער דער שטאָט. די אַר־בעט ווערט פון איצט אָן זייער באַשווערט.

יעדן פרימאָרגן קומט דער טאַטע אין פּאָליציי־אַמט, פאַר־שליסט הינטער זיך די טירן, הינטער וועלכער עס שטייען פּאָסטנס, און באַפעלט קיינעם נישט אַרײַנצולאָזן. אין אַ האַלבער שעה אַרום פאַרלאָזט אַ שמוציקער, אין טראַנטעס אָנגעטוענער, בער־דיקער פויער דאָס הויז־עפּעס אַ וואַנדערער פון די בערג. ער באַהאַלט דאָס פּנים הינטער אַ ריזיקן שטרויענעם הוט און גייט

מיט וואַקלדיקע טריט אַדורך די פאַרלאַנגווײַלטע שפּיאָנען, אין באַגלייטונג פון אַ פּאָליציאַנט.

פאַרגנגט פירט דער זעלבער פּאָליציאַנט אַריין אין טויער פון דער פּאָליצײ-פאַרוואַלטונג אַ מאָגערן אויבס-הענדלער, וועלכער טראָגט אויף אַן אויסגעבויגענעם שטעקן באַמבוס-קערבלעך מיט פערשקעס און ווייַנטרויבן. מען דערקענט אין אים גלייך, אַז ער האָט נישט קיין דערלויבעניש צו האַנדלען.

און ווידער מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער גייט אַרויס פון טויער פון דער פּאָליצײ-פאַרוואַלטונג, צווישן סאַלוטירנדיקע פּאָליציאַנטן, פון די פיס ביזן קראַגן אין שוואַרצן געקליידט, מיט דער האַנט אויפן הענטל פון דער שווערד, דער טאַטע און לאָזט זיך נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט אַהיים. די געהיימע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, די נייע אָפּטיילן האָט ער געמושטירט, די אָנווייזונגען אַרויסגעגעבן.

דאָס שאַכטל מיט שמינקע, די קינסטלעכע באָרד, דער הוט פון אויבס-הענדלער און די טראַגטעס פון פויער ליגן ווידער אונטערן שלאָס אין צימער פון פּאָליצײ-קאָמענדאַנט.

מאָרגן וואַרט אויף אים ווידער אויפסניי די געפערלעכע שפּיל.

14. די צינג-דינאַסטיע ווערט אַראָפּגעוואָרפן

עס איז 1911 יאָר לויט דער אייראָפּעישער צייט-רעכענונג. דאָס דריטע פון קייזער סיואַנטון לויט דער כינעזישער צייט-רעכענונג. ס'גייט צו נאָוועמבער.

דעם טאַטנס אַ חבר, דער אָרגאַניזאַטאָר פון אויפשטאַנד אין גאָענסטן קרייז, מיט וועלכן מען האָט אָפּגערעדט געגנוי די שעה פון געמיינזאַמען אָנגריף, האָט נישט אויסגעפירט דעם פּלאַן.

ער טרעט אַרויס צוויי טעג פאַרן טערמין, אַרעסטירט דעם דאַאָין פון זיין קרייז און שיקט אויפן צווייטן טאָג אַרויס

זיינע אַפּטייקן צוהילף דעם טאַטן. אָבער שנעלער פון די אַפּטייקן לויפט דאָס נייעס וועגן אויפשטאַנד. דעם טאַטנס אַפּטיילן זענען נאָך נישט גרייט.

אָן טעלעגראַף-דראָטן, גיך ווי מיטן ווינט, דערגייט דאָס שרעקלעכע נייעס צו די אויערן פון דאַאָין. דער דאַאָין באַפעלט דעם באַטאַליאָן-קאָמאַנדיר צו אַרעסטירן דעם טאַטן. אַ גרופּע זעלנער דאַרף אויספירן דעם באַפעל. איינער פון די זעלנער איז אַ מיטגליד פון גאָ-לאַאָ *).

די זעלנער דערשיינען אַלע ווי איינער פאַרן טאַטן און מעלדן:

— קאָמענדאַנט, דער דאַאָין האָט באַפוילן דיך צו אַרעסטירן. מיר דאַרפן קומען צו דיר היינט ביינאַכט און דיך איבערראַשן.

דער טאַטע רופט איילעק צונויף דעם נאָענטסטן אַפּטייל פון גאָ-לאַאָ, די פּאָליציי-שול און די זעלנער-גרופּע, וואָס דאַרף אים אַרעסטירן.

אין דער צייט, ווען לויט דעם דאַאָינס אויסרעכענונג דאַרפן די זעלנער אים כאַפּן, איז דער טאַטע אין בעט נישטאָ: ער פירט גראָד אָן אויפן אַנדערן עק שטאָט מיט אַן אַפּטייל פּאָליציאַנטן און פאַרנעמט דעם דאַאָינס הויז.

דער דאַאָין ווערט אַרעסטירט. אין דער נאַכט איז געפאַלן די מאַנדזשורישע מאַכט אין טעיאַן.

ערשט אינדערפרי האָבן די איינוווינער פון שטאָט פאַרשטאַנען, אַז די רעוואָלוציע האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן. איבערן דאַאָינס פּאַלאַץ און די קאַזאַרמעס פלאַטערט נישט מער די געלע פאָן מיט דעם שוואַרצן דראַכן.

איבער דעם אויפשטענדיקן טעיאַן פלאַטערן אויף הויכע באַמבוס-שטאַנגען די פענער פון דער רעוואָלוציע: ווייס מיט אַ רויטן קרייז אינדערמיט, און וועלכן ס'איז אַריינגענייט אויך

*) גאָ-לאַאָ — געהיימער רעוו. פאַרבאַנד אין כינע (איבערז.).

א רויטער היעראָגליף „כאַן" — דער אַלטער נאָמען פון כינע־זישן פאָלק.

דאָס זענען אַלזאָ די אַנצוגלעך, וועלכע מיין מאַמע האָט פאַר מיר בעת דער קראַנקייט געניייט!

די טויערן פון די נעפּענגענישן זענען געעפנט. אָבער קיין איין רעוואָלוציאָנער איז אין זיי נישטאָ. דער דאָזיקן האָט זיי נישט געלאָזט דערלעבן דעם טאָג פון דער רעוואָלו־ציע. זיי זענען אַלע געקעפּט געוואָרן.

די רעוואָלוציע האָט טאָך טרוקענע הענט. קיינער איז נאָך נישט געקעפּט געוואָרן. אפילו דעם דאָזיקן האָט מען גע־שוינט: ער זיצט אין הויז־אַרעסט.

די שטאָט איז אויפגערודערט. מען רעדט שטיל, מען וואונדערט זיך, מען גלייבט נישט, מען פּליסטערט. באַזונדערש הערט מען שרעקעוודיקע שמועסן אין די קראָמען:

— פאַראַטן דעם קייזער.

— ווען ס'וועט ווייטער אַזוי [illegible] נישט איין קאָפּ אָפּהאַקן.

און די קרעמערס צעלויפן זיך, פאַרשווינדן, ווי וואַסער אין שפּאַרעס.

די אינטעליגענטן מיט די הויכע געלערנטע טיטלען טאַד־לען דעם טאַטן פאַר זיין אָנטייל אין אויפשטאַנד:

— ווי אַזוי קען אַ מאַן מיט אַ געלערנטן־טיטל, אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט, שטעלן זיך אין שפּיץ פון טראַטווע־פּירערס און באַנדיטן און פאַראַטן דעם קייזער!

דער טאַטע הערט זיך צו די אַלע רייד נישט צו, אָדער ער מאַכט זיך נישט הערנדיק. ער איז אַ גאַנצן מעסלעס אויף די פיס און איז פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. ער גיט אַרויס באַ־פעלן צו אַרעסטירן און נעמט איבער דעם דאָזיקנס צווייי באַ־טאַליאָנען מיט לאַנג דערוואַרטן געווער, וואָס האָט ביז איצט אַזוי געפעלט די אויפשטענדיקע.

פון די דערפער קומען יעדן טאָג אָן איינצלנע, גרופּעס און גאַנצע אָפּטיילן פויערים אין זיין הויז אַריין. זיי קומען

מיט צווײ־שפּיציקע ווידלעס, מיט פּיקעס, קרומע שווערדן, אָדער גאָר בלויז מיט מעכטיקע באָקסערישע פויסטן, און פאָדערן וואָפן, קוילן, קוואַרטיר און עסן. ס׳איז נישטאָ קיין איין טעמפּל אין שטאָט, וועלכער זאָל נישט זיין פאַרנומען. אויף די שטייגערנע פּליטעס, פאַר די געמאָלטע הילצערנע געטער זענען צעלייגט סײַערן אָנשטאָט די ווײַרעך־פעסער, און אויף זיי קאָכן די דורכגעפרוירענע מענטשן זיך טיי אין דעם קילן גאָווע מבער־נעפּל.

עס זענען דאָ האָלצהאַקערס פון ווײַטע בערג־דורכגענג, אין קורצע רעקלעך און לאַפּסשעס פון ליקע, מיט העק הינטערן גאַרטל. די פישערס און טראַנספּאָרט־פירערס, וועלכע לעבן פון שוימיקן יאַנגטסע. טראָגן הויזן ביז די קני און גראָבע העמדער אין קאָליר פון טרוקענעם שלײַם. די בלויע רעקלעך פון די פויערים זענען אויסגעבעט מיט אַ גראָבער שיכט וואַטע. אַרבעטלאָזע און בעטלערס שטופּן זיך אַרום פייער מיט ווייסבלויע און שוואַרצע טיכער אַרום די קעפּ אַרומגעבונדן, און זייערע טירערס אונטערשיידן זיך פון־זייערע לייט דורך דעם, וואָס זיי טראָגן זײַדענע טורבאַנען אויף די קעפּ.

אייניקע באַטראַכטן מיט פאַרדראָס די אומגעוויינטלעך גרויסע לעכער אין זייערע הויזן און שניידן אָפּ מיט די קרומע מעסערס שטיקער פון זייערע קאָפּ־טיכער אויף לאַטעס.

איבער אַלע וועגן, וואָס ציִען זיך ווי טייכן פון די בערג אַראָפּ, שטראָמען פון אַלע זייטן אַלץ נייע אָפּטיילן קיין טשיאַן. ס׳דאַכט זיך, אַז די שטאָט וועט מער נישט אויסהאַלטן זייער געדראַנג און וועט פּלאַצן אין אַלע נעט.

די שטאָט האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אין אירע מויערן אַזויפיל פּראָפעסיאָנעלע באַנדיטן פון דער אומגעגנט. און דאָך זענען כמעט נישט פאָרגעקומען קיין רויבערייען...

נאָך דער ערשטער וואָך קומט דער ערשטער קלאַפּ.

דעם טאַטנס פּאַרטיי־חבר, וועלכער האָט אים מיט אַ קורצער צייט צוריק אַרויסגעשיקט מיליטערישע הילף פון שכנישן קרייז, האָט מיט זיינע אָפּטיילן אָנגעקירט די קרייז־שטאָט ליאַנ־

שאַן, וווּ ס'האָט געהערשט אַ דאַאָין אַ כינעזער, אָבער אַ געט-רייער אונטערטאַן פון די מאַנדזשורן.

דער דאַאָין פון ליאַן-שאַן איז אַ דורכגעטריבענער פוקס. ער באַגריסט די אין שטאָט אָריינמאַרשירנדיקע אָפּטיילן פון אונדזער חבר:

— איך גיי אויך מיט דער רעוואָלוציע — ער פאַרנייגט זיך טויזנט מאָל און שמייכלט זיסלעך. — דערלויבט מיר אייך איבערצוגעבן מיין גאַרניזאָן. אויב איר וועט אים פאַריניקן מיט אייערע זעלנער, וועט איר קענען מיט מער דערפאָלג פירן דעם אָנגריף.

אונדזער חבר האָט אים געגלייבט. דער דאַאָין איז גע-בליבן אויף דער פריי. דער חבר איז אַוועק שלאָפן אין אַ גאַסטהויז. סינצער זענען די נאַכטעמבער-נעכט אין ליאַן-שאַן. די לאַנגע מאַרשן פון דער רעוואָלוציע האָבן אונדזער חבר און זיין חאַך שלעפעריק געמאַכט. אַרום האַלבער נאַכט רייסט זיך דער דאַאָין מיט זיינע זעלנער אַריין אין דעם שלאָפצימער. איידער דער חבר האָט באַוויזן זיך אויפצוכאַפּן, האָבן אים די ברייטע שווערדן צעשניטן, און דאָס בעט איז פאַרפלייצט גע-וואָרן מיט זיין בלוט.

דעם טאַטן אַליין איז איצט פיל שווערער... ער גיט איבער די מאַכט איבער דער שטאָט זיין חבר, דעם רעוואָלוצ-יאָנער לי, און איילט אַליין אין שפּיץ פון אַן אָפּטייל פון זיינע פּאָליציאַנטן קיין ליאַן-שאַן. אין איין חודש אַרום פאַר-וואַנדלען זיך דאָס פאַרעטערישע ליאַן-שאַן און נאָך צוויי אַנ-דערע קרייזן, וועלכע זענען געטריי געבליבן דעם קייסער, אין רעוואָלוציאָנערע קרייזן. דאָס מיליטער פון דאַאָין, דעם מערדער פון זיין קאַמפּס-חבר, פאַריניקט דער טאַטע מיט זיינע אייגענע פּאָלקן. דער טאַטע באַפעלט אים צו פירן אויפן קבר פון דעם דערמאָרדעטן חבר און אים דאָרט אָפּהאַקן דעם קאָפּ.

פאַר די דערפאָלגרייכע קאַמפן באַשטימט די צענטראַלע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג פאַרן טאַטן אַ פּרעמיע פון 1000 דאַיאַן.

דעם טאַטנס שליחים ברענגען מיך אויפן דריטן טאָג נאָכן אויסברוך פון אויפשטאַנד אין שטאָט אַרײַן. איך פאָר אַליין. די באָבע האָט זיך אָפּגעזאָגט מיטצופאָרן. זי גלייבט נישט אין דערפאָלג פון אויפשטאַנד. זי איז זייער נערוועז, זי קען זיך נישט באַהערשן, זי שמייכלט נישט מער. אָדער זי זיצט שפּעט-לאַנג ווי פאַרשטיינערט און קוקט פאַר זיך אומבאַהאָלפן, ווי זי וואָלט געוואָלט מיט אירע בליקן דורכבויערן די הילצערנע וואַנט; אָדער זי בלאָנדזשעט איבערן צימער, אין וועלכן ס'איז אויסער איר קיינער נישטאָ, און זי הייבט אָן מיט עמעצן צו שמועסן.

איך לויף אַרײַן אין צימער און פרעג:

— מיט וועמען רעדסטו, באָבע?

– איך? רעד? סאַראַ אומזין?

זי זעט דערבײַ אויס, ווי מען וואָלט זי מיט אַן עמער קאַלטן וואַסער פון טיפסטן שלאָף אויפגעוועקט.

איך פאַרליר זיך צווישן די מענטשן, וואָס האַלטן אין איין אַרײַן- און אַרויסגיין אין אונדזער הויז. זיי לאָזן מיך נישט צו זיך קומען, זיי ברענגען מיך אַרויס פון גלײַכגע... די גאַנצע שטאָט איז אויפגערודערט. אויף די גאַסן איז אַ געפּילדער, מען ליאַרעמט, מען לויפט, זידלט זיך, מען האַנדלט פאַרזיכטיק און מען שאַרפט געווער.

אומעטום שנײַדט מען צעפּ. מײַן קליינער צאָפּ, וועלכן די מאַמע און די באָבע פלעגן אַזוי זאָרגעוודיק אָפּהיטן, פאַלט אויך אונטערן שער. איך באַוויין אים נישט. זאָל ער זיך פאַלן אויף דער פאָדלאָגע. אַ צאָפּ אויף אַ כינעזערס נאַקן איז ווי אַן אויפשריפט אויפן שטערן: „מאַנדזשורישער שקלאַף".

אויף די מויערן פון די הײַזער שײַנען ווײַסע פּירעקיקע פּלאַקאַטן: „יעדן, וואָס וועט זיך אַליין אין פאַרלויף פון 10 טעג נישט אָפּשנײַדן דעם צאָפּ, וועט מען דעם צאָפּ אָפּשנײַדן אויף דער רעכענונג פון דער רעגירונג".

בײַ די ראָגאַטקעס פון טעיאַן, דאָרט וווּ די דאָרפישע וועגן שנײַדן אַדורך די מויערן און גייען איבער אין שטאָטי-

שע גאָסן, שטייען זעלנער מיט ביקסן און מיט שערן. נעבן די זעלנער וואַקסן אויס אויף דער ערד הייכע הויפנס פון צעפּ־ פּאָר די טויערן הערט מען געוואַלדן פון די אָפּגעשוירענע רייזנדע, וועלכע זידלען די רעוואָלוציע, האַלטנדיק זיך פאַר די נאַקעטע נאַקנס. זיי שעמען זיך מער מיט זייערע אָפּגע־ שוירענע צעפּ, ווי ווען מען זאָל זיי האָבן אַראָפּגעצויגן די הויזן. אָנגעזעענע לייט פּראָטעסטירן.

– דאָס הייסט דאָך געוואַלט! די לאָפּעס פון אַ שמוציקן טופּעי, וועלכער האָט זיך נאָך געכטן ווי אַ באַנדיט איבער די וועגן אַרומגעשלעפּט, דערוועגן זיך אָנצורירן אונדזערע איידעלע צעפּ. דער צאָפּ איז נישט קיין סימבאָל פון שקלאַפֿעריי, דער צאָפּ איז אַ צייכן פון געטריישאַפט צום קייזער, צו די אבות, צו די אַלטע געזעצן און דער אַלטער וויסנשאַפט. זיי הייבן אָן מיט די צעפּ און זיי וועלן ענדיקן מיט דעם, אַז מען וועט די מזבחות פון די שטיבער אַרויסוואַרפן און די בעסטע מענטשן פון זייער אייגנטום פאַרטרייבן, ווי קרעציקע הינט!

אויך די פּויערים רעגן זיך אויף:

– איז דאָס געהערט געוואָרן?... הונדערטער יאָרן לעבן מיר מיט צעפּ. זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן צעפּ געטראָגן... מען וועט אונדז אין דאָרף אויסלאַכן, ווי הינט אָן וויידלען...

בלויז די קוליס זענען צופרידן פון דעם אומויסטן האָר־ שערן. זיי לייגן גערן אונטער די זעלנערישע שערן זייערע פאַרשוויצטע, שטינקענדיקע, פאַרלייזטע צעפּ, וואָס הענגען זיי אַראָפּ פון די געגאָלטע בראָנזענע קעפּ. גוט אַזוי! ס׳וועט זיין ווייניקער אַרבעט מיט דעם וואַשן און די לייז. זיי וואָלטן די צעפּ נאָך פריער אָפּגעשניטן, ווען דאָס מאַנדזשורישע געזעץ וואָלט עס נישט געווען פאַרבאָטן.

אייניקע באַהאַלטן זייער צאָפּ, אײַנוויקלענדיק אים זאָר־ געוודיק ווי אַ פלאָדן הינטער דער ווײַדענער יאַרמלקע, ווען זיי פאָרן אַדורך די טונקעלע טויערן. אָבער די זעלנער פאַרשטייען זיך אויף דעם. זיי נעמען אָן די יאַרמלקע פאַר דעם פּאָמפּאָן, הייבן זי אונטער, ווי אַ דעקל פון אַ טשייניק און פון אינטערן

היסעלע רוקט זיך אַרויס דער צאָפּ, וואָס ווערט לוסטיק באַ־גריסט פון די קליגגען פון דער שער.

די האָר־הענדלערס זענען הייסע אָנהענגער פון דער רעוואָלוציע. קיינמאָל האָט נאָך כינע נישט צוגעשטעלט אַזויפיל ביליקע מענטשלעכע האָר.

15. נאָך איין מאָל באַשטראָפט

איצט איז שוין קלאָר: די רעוואָלוציע האָט געזיגט. הגם נאָך נישט אַלע דאַאָיִנס האָבן זיך שוין אונטערגעגעבן, קומען דאָך אָן פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג אין האַנקאָו גוטע ידיעות.

שכנים און קרובים ברענגען דעם טאַטן מתנות. ער זאָגט זיך העפלעך אָפּ זיי אָנצונעמען און שיקט אַוועק צוריק צוהיים די איבעראַשטע שליחים מיט זייער־ע באַגלייטערס. די קוליס, וועלכע טראָגן שווערע זעק, פעק און קאַסטנס אויף זייערע אַקסל־שטאַנגען.

די שכנים און קרובים האַלטן דעם טאַטן פאַר אַ באַנ־דיט. זיי זענען איבערצייגט, אַז אינגיכן וועט ער הייסן זיינע צוויי־פיסיקע היות, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די סעטשואַנער בערג, צעראַבירן די שטאָט. זיי חאַרטן דערשטוינטע, ווען חעט שוין דער דען יאַ־בו, דער מאַן וואָס האָט געקריגן אַזאַ גרויסע מאַכט, אָנהויבן אויסצונוצן פאַר זיין אייגענעם נוצן די דורכגעפירטע איבערקערעניש. און אפשר איז זיין אָפּזאָג נאָר אַן אָנצוהערעניש: שיקט מער.

און ווידער קומען אין אונדזער הויז קוליס, באַלאָדן מיט שווערע באַלן שטאָף, רוישנדיקן זיידנס, מיט קוישן גיידערנע פרוכטן און שווערע שטאַבעס זילבער. הינטער זיי טומלען זיך אויפגערעגטע די געשאַנק־געבערס, פאַרנייגן זיך, שמייכלען, האַלטן שיינע רעדעס, און זייערע איבערגעשראָקענע און כיט־רע אויגן פאָרשן אומרויִק דעם טאַטנס געזיכט, צי ס׳וועט זיי געלינגען אים אונטערצוקויפן.

דעם טאַטנס פּנים איז רויִק, ווי ער וואָלט געטראָגן א מאַסקע. ער דערקלערט די שכנים און קרובים, אַז די שפּייז-פּראָדוקטן וועט ער אָננעמען, ווייל זיינע זעלנער פעלט אויס שפּייז און דאָס אויבס, וואָס זיי באַזיצן פון פריער, הייבט שוין אָן צו פוילן און קען אינגאַנצן קאַליע ווערן. אָבער ער בעט זיי, זיי זאָלן די שטאָפן און דאָס געלט צוריק צו-נעמען. די רעוואָלוציע דאַרף איצטער מער קיין געלט נישט. ער באַדויערט נאָר, וואָס דאָס געלט האָט אים קיינער נישט געבראַכט דעמאָלט, ווען מען האָט עס געדאַרפט האָבן אויף צוצוגרייטן דעם אויפשטאַנד אָדער צום ווייניקסטן נאָך צוריק מיט צוויי חדשים.

איך דריי זיך אַרום צווישן די באַמבוס-קערבלעך, פון וועלכע עס קוקן אַרויס מאַנדאַרינעס און צווישן די גרויסע קאַסטנס, וואָס שמעקן מיט באַרנעס. איך הער דעם טאַטנס שטים, וואָס זאָגט אָן דער מאַמען:

— הייס אַראָפּטראָגן די פּרוכטן אין שפּייכלער און שיקן די זעלנער צו נײַ-יאָר אין די קאַזאַרמעס.

און נײַ-יאָר איז שוין נאָענט. נישט דער כינעזישער נײַ-יאָר. דער כינעזישער נײַ-יאָר פאַלט יעדעס יאָר אויס אין אַן אַנדערן טאָג, ווײַל אין כינע רעכענען זיך די חדשים לויט דער לבנה. א חודש האָלט 28—29 טעג און דרײַ יאָר דורכ-אַנאַנד איז דאָ 12 חדשים. און אויפן פערטן יאָר — 13. ניין, דער טאַטע מיינט דאָ דעם נײַ-יאָר לויט דער אייראָפּעיִשער צייט-רעכענונג. דער דאָזיקער נײַ-יאָר ווערט ביי אונדז צום ערשטן מאָל געפּײַערט. אײַנגעפירט אים האָט ערשט די רעוואָ-לוציע.

מיט אײַליקע טריט, נישט קוקנדיק אויף מיר, גייט דער טאַטע פאַרביי. איך באַהאַלט מײַן פּנים פאַר זײַן בליק, ווי איך וואָלט זיך געפילט פאַר אים אין עפּעס שולדיק.

די מאַמע איז אין צווייטן צימער פאַרנומען מיט די געסט. ס'איז געקומען אַזויפיל געסט, עפּעס ווי עס וואָלט געווען אין אונדזער הויז אַ חתונה אָדער אַ לוויה. און פאַר יעדן דאַרף

מען האָבן אַ גלעזל טיי, אַ פריינדלעכן שמייכל, אַ פּאָר מי־נוט פון אַ ליבלעכן שמועס. איין מינוט קומט צו צו דער אַנדערער, עס ווערן פון זיי גאַנצע טעג, און פון די טעג ווערן לאַנגע וואָכן.

די צייט, ווען דער טאַטע פלעגט פאַרדינען 8 דאָלאַר, איז שוין לאַנג אַריבער. זיין געהאַלט באַטרעפט איצט 200 דאָלאַר. די מאַמע מוז שוין · נישט מער זיך קאַליע מאַכן די אויגן אין רויך פון קיך, זי האָט אַ דינערין.

ווי אַ קליינער בלאַסער שאָטן, נאָר־וואָס פון דער שווע־רער קראַנקייט אויפגעשטאַנען, גיי איך מיר איבערן הויז אַרום און פאַרבייַ די שפּייַכלערס. איך זע ווי די זעלנער — איך שרעק מיך פאַר זיי, זיי זענען גראָבע און שמוציקע — כאַפּן אַרויס דורך די שפּאַרעס פון די באַמבוס־קערבלעך מאַנדאַרי־נעס אָדער צעברעכן מיט העק די קאַסטנס און עסן די זאַפּ־טיקע באַרנעס, וואָס פאַרפלעקן די שטיינער פון אונדזער הויף. איך קוק זיך צו צו זיי און עס פאַרדריסט מיך נישט אַזויפיל, וויפל איך בין זיי מקנא: דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרבאָטן צו עסן אויבס אונטער דער דראָונג, אַז איך קען שטאַרבן אָדער ווידער אַריינפאַלן אין אַ שווערער קרענק.

ניי־יאָר. מען טראָגט די אויבס אין די קאַזאַרמעס. דער טאַטע באַזוכט די קאַזאַרמע; ער בלייבט שטיין פאַר די צעי־בראָכענע קאַסטנס און האַלב־אויסגעליידיקטע קערב און פרעגט מיט צאָרן די טרעגערס, וואָס לאָדן אויס די וואָגנס אין קאַ־זאַרמע־הויף:

— ווער האָט דאָ געריהרט די פּרוכטן?

די טרעגערס ענטפערן, אַז זיי האָבן די קאַסטנס באַקו־מען אין אַזאַ צושטאַנד פון די שפּייכלערס.

דער טאַטע קומט אַהיים אַ בייזער און אָנגעכמורעטער.

— ווער האָט גענומען די פּרוכטן?

די מאַמע קוועטשט מיט די אַקסלען.

דער טאַטע פרעגט צאָרנדיק די דינערן (איך האָב נישט

איין מאָל געזען, ווי זי פּלעגט פאַרבײַגייענדיק זיך נעמען מאַנדאַרינעס פון די צעלעכערטע קערבן:

— ווער האָט גענומען די פּרוכטן?

די דינערין איז נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן דעם יאַפּוס צאָרן.

זי ווײַזט אויף דעם איינציקן מענטשן, וועלכער האָט די פּרוכטן נישט אָנגערירט — אויף מיר.

מײַנע שטאַמלדיקע פאַרענטפערונגען ווערן פאַרזונקען אין ים פון דעם טאַטנס פאָרווורפן:

— דער דאָקטאָר האָט דיר פאַרבאָטן צו עסן אויבס. דו האָסט נישט געפאָלגט דעם דאָקטאָר. האָסטו שוין אָבער יאָ גענומען, דאַרפסטו אויך קענען דאָס מודה זײַן. דו האָסט עס געטון בסוד, דו ביסט אַ ליגנער און אַ גנב.

די מאַמע נעמט זיך אָן פאַר מיר:

— דאָ פעלן דאָך גאַנצע טאָנעס. ס'איז דאָך קלאָר, אַז אַ קליין קינד קען נישט אַזוי מענגע פּרוכט אויפעסן.

דער צעבײזערטער טאַטע רוקט אָפּ די מאַמע מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט, וואָס דערלאָזט נישט קיין קעגנשטעלן זיך:

— איך זאָג דאָך נישט, אַז ער האָט דאָס אַלץ אויפגעגעסן. כ'זאָג נאָר, אַז מײַן זון האָט זיך באַטייליקט אין גנבענען פּרוכטן, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר דער אַרמיי. ווי קענסטו זיך אײַנשטעלן פאַר אַ גנב?

דער מאַמעס שטיל אײַנשטעלן זיך פאַר מיר, רײַסט אויף אין דעם טאַטן מיט דער קראַפט פון אַ שוואַרצער יאַפּאַנישער באָמבע. מײַן שטאַמלען ווערט דערדריקט און צעבראָכט זיך אין זײַן צאָרן.

צום צווייטן מאָל אין מײַן לעבן פײַפט דער באַמבוסשטעקן דורך דער לופט און פאַלט אַראָפּ אויף מײַן האַנט און רוקן.

פאַר די דערוואַקסענע גנבים אין פּרעסערס מוז איך לײַדן. דער פאַרדראָס מאַכט גרעסער מײַן ווייטיק.

עמעצנס אַ האַנט כאַפּט מיך אָן און ציט מיך אַוועק פון פּייפּנדיקן באַמבוס-שטעקן. איך זע נישט דעם טאַטן. אַ פרויען-פיגור פאַרשטעלט אים פאַר מיר. דער טאַטע וואַרפט דעם שטעקן אין ווינקל און שווייגט; זיין פנים איז אומבאַוועגלעך ווי אַ מאַסקע פון גיפּס. מיין אויסלייזערין איז מיין עלטערע מומע. זי איז אָקאָרשט געקומען צופאָרן און איז גראָד אין מאָמענט פון שמייסן אריין אין צימער. אויף אַ גאַסט, אויף אַן עלטערער שוועסטער דערוועגט זיך נישט דער טאַטע אויפצוהייבן די האַנט אָדער די שטים.

אין דריי ווערטער דערציילט ער דער מומען דעם פאַרלויף פון דעם געשעעניש. די מומע פאַלט אָן אויפן טאַטן:

— אָנשטאָט צו שלאָגן דאָס קינד, האָסטו בעדאַרפט פריער אויפקלערן אין וויניקסטנס אויספרעגן די זעלנער. װאָס שטייען פאַר דיין הויז אויף דער וואַך.

און נישט וואַרטנדיק אויפן טאַטנס ענטפער, איבעראַשט זי די זעלנער מיט אַ פראַגע:

— ווייסט איר נישט אַמאָל, ווער ס'האָט גענומען די פרוכטן?

די זעלנער שלאָגן זיך מיט דער דעה, אָבער... ערשטנס, זענען זיי „ברידער" פון פאַריין „גאָ-ליאַאָ", צווייטנס, רעדט מיט זיי די שוועסטער פון אָנפירער, דריטנס האָבן זיי געהערט מיין געוויין און וויסן, פאַרוואָס דער טאַטע האָט מיך געשלאָגן.

— יאָ, מיר האָבן גענומען פרוכטן און אַנדערע זעלנער אויך — זאָגן זיי אָפן.

דער טאַטע דרייט זיך שווייגנדיק אויס אויפן אָפּצאַס און גייט אַוועק. ער גלייבט נישט קיינעם: נישט מיר, נישט דער מאַמען, נישט דער מומען, נישט די זעלנער. ער איז איבערצייגט, אַז איך בין אַ גנב. און דאָס איז פאַר אים גענוג.

די דינערין איז פון הויז פאַרשוווּנדן. ווען די מאַמע האָט זי גענומען אויפן פאַרהער, איז זי אַנטלאָפן. אַ צייכנס — האָט זי געטראַכט — וועט מיך די באַלעבאָסטע אַרויסטרייבן, ווען זי וועט דערגיין דעם אמת.

עס גייען אַריבער עטלעכע טעג, די דינערן איז נישטאָ·
די מאַמע שיקט מענטשן זי אויסצוזוכן. זי קומט צו אונדז אין
הויז, ווי זי וואָלט געקומען צום געריכט. אויף דער פראַגע,
פאַרוואָס זי איז אַנטלאָפן, דערציילט די צעשראָקענע און צי·
טערנדיקע מיידל אַלץ: זי האָט זיך אַזוי געשראָקן פאַרן
טאַטן, זי האָט טאַקע געגעסן די פרוכט. און די שולד אַרויפ·
געלייגט אויף מיר. די מאַמע גיט איר איר לוין און פרעגט:

— ווילסטו ווייטער בײַ אונדז דינען?

זי האָט בײַ אונדז געאַרבעט ביז דער מאַמעס טויט און
זי איז בײַם בעט פון דער קראַנקער מאַמען געווען די געטרײַ·
עסטע און ליבעפולסטע קראַנקן־שוועסטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניי־יאָר איז אַריבער. אין אונדזער שטאָטישן הויז האָט
זיך איינגעשטילט דער יומטובדיקער טומל. די מאַמע איז אין
דאָרף בײַ דער קראַנקער באָבען.

מיט דער אַלטער האַלט עס שמאָל. זי עסט שוין גאָרנישט.
איר גאַנץ עסן אין טאָג באַשטייט פון א ביסעלע מילך פון
סאָיאַ־אַרבעס. דער דאָקטאָר איז שטאַרק פאַרזאָרגט.

— אויף עלטער איז נישטאָ קיין מיטל. זי איז דאָך שוין
אַלט זיבעציק יאָר.

די באָבע ליגט אין בעט און מאַכט מיט די ליפּן. מיט
מי פאַרשטייט מען, וואָס זי ווי־ל.

— כ'וויל זען שי־כואַן.

אָבער זי האַקט באַלד אָפּ.

— מע דאַרף נישט, זאָל ער נישט קומען, כ'וויל נישט, ער
זאָל זען מײַנע אויסלעשנדיקע אויגן. ער וועט נאָר וויינען.

ווען זי איז געשטאָרבן, איז מיט איר געווען נאָר מײַן
מאַמע, אַליין שוין שטערבלעך קראַנק.

מ'האָט זי באַלד באַגראָבן שטיל און רויִק.

נאָענט פון דעם טסיאַ־טשען — דעם דאָרף, וואָס טראָגט
דעם נאָמען פון אונדזער שטאַם — ליגט א בערגל. דאָרט באַ·
גראָבט מען די מיטגלידער פון אונדזער פאַמיליע. אָבער קינ·

דער און קינדערלאָזע דענס ווערן דאָרט נישט געלייגט. די באָבע איז נישט געווען דעם טאַטנס אמתע מאַמע, און דער־צו האָט זי אַליין נישט געהאַט קיין קינדער. מען האָט זי דעריבער באַגראָבן אויפן אַלגעמיינעם גוטן אָרט. דער פּענג־שוּעי פון אונדזער דאָרף האָט צווישן די צאָלרייכע קברים פון די פאַרשידענע דענס אָנגעוויזן דאָס אָרט, וווּ מען דאַרף אַוועק־לייגן איר קערפּער, וועלכעס וועט זיך שוין מער נישט וואַק־לען אויף אירע „גאָלדענע ליליעס".

אונדזערע סעטשואַנער קברים זענען זייער טיפע. זיי האַקן אַדורך די ליימיקע אויבערשטע שיכט און דערגייען ביז צום פעלזיקן גרונט. נישט אַזוי ווי אין קיאַנגסו אָדער טשע־קיאַנג, די פּראָווינצן, וואָס ליגן ביים אויסגוס פון יאַנגטסע, וווּ דאָס גרונט־וואַסער שווענקט אונטער די קברים און מען שטעלט דאָ דעריבער פּשוט אַוועק די טרומנע אויף דער ערד און מען שיט אָן איבער איר אַ בערגל ערד.

די באָבע ליגט שוין אין גרוב.

דער טאַטע גייט אַרויס אין אַ נייעם שלאַכט, און פאַר זיין אָפּפאָר שיקט ער אונדז צוריק אָפּ פון דער שטאָט אין דעם שטילן דערפל סיאַן־שי.

16. די מאַמע שטאַרבט.

„קיוי־קיו־יאַנג!" אַזוי שרייט באַנאַכט אין די סעטשואַנער גערטנער אַ פויגל מיט אַ רויטן ברוסטל, וועלכן מען רופט טו־טיו־ען.

ער שרייט יאָמערלעך און ווייטיקדיק און אַזוי לאַנג ביז — ווי מענטשן זאָגן — ער פאַרגיסט זיך מיט בלוט; צו־מאָרגנס געפינט מען אים מיט אַ פאַרבלוטיקטן שנעבעלע אונ־טער אַ בוים.

אין די אַלטע כינעזישע ביכער געפינט מען לעגענדעס וועגן דעם, פון וואַנען דער פויגל האָט זיך גענומען.

א רייכער פירשט איז ארויס אין קריג קעגן ווייטן סעט־שואן. ער שפרינגט ארויף אויפן פערד און רייט א פריילע־כער אין שפיץ פון זיינע זעלנער. א געטרייער אונטערטאן לויפט הינטער דעם פירשט נאך און בעט אים, ער זאל נישט גיין אויף סעטשואן: אין דעם ווילדן לאנד וואַרט אויף אים דער טויט.

דער פירשט איז דערהארגעט געוואָרן. זיין געטרייער דינער ווארפט זיך אויף דער ערד און וויינט. ער וויינט זיך אויס די אויגן און שטאַרבט און ווערט פארוואנדלט אין א פויגל. און דער דאָזיקער פויגל רופט דאָס טאקע ביינאכט דעם נאָמען פון פירשט: סו־סון־ואן!

און אנדערע ווידער לעגענדע דערציילט:

נישט דער דינער באוויינט דאָס אין די בערג־דורכגענג פון ווייטן לאנד זיין געהאַרגעטן פירשט. דאָס וויינט נאָך אים זיין כלה, וועלכע טרויערט נאָך אים. מיט א רירנדיקער שטים רופט זי אין דער פונקעלער אויסגעשטערנטער נאַכט: „בו־צו־קואַי" — קער זיך אים, קער זיך אום!

אויף די לאָנקעס פון סעטשואן בליט א רויטע בלום. זי הייסט: טו־טיו־ען־כוא. דאָס איז דאָס בלוט פון שטאַרבנדיקן פויגל טו־טיו־ען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א בלימל — דער־ציילט א לעגענדע.

איך גלייב נישט אין לעגענדעס. אָבער ווען איך הער ביינאַכט דעם געשריי: קווי־קווי־יאַנג!.. דאַכט זיך מיר, אז איך הער מיין מאַמעס אַלץ מער און מער שוואַך ווערנדיקע שטים. זי שפייט מיט בלוט און א שטילע בענקשאַפט נאָכן טאַטן, וואָס איז ווייט צווישן געפערלעכע קאַמפן, פאַרצערט זי — און איך און מיין שוועסטערל זעגן נאָך צו קליין.

איצט בין איך אַלט 26 יאָר. כ'בין שוין אַליין א טאַטע איך האָב געליענט א סאַך ביכער אין א סאַך שפראַכן. אָבער איך מוז מיך צוליגן, אז מיינע אויגן זאָלן נישט אויסרינען מיט מיינע טרערן, ווען איך טראַכט וועגן איר, מיין אָרעם

פייגעלע, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דעם בלוטיקן טויט אויף די ברעגעס פון גרינעם יאַנגטסע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

זי פאַרנעמט זיך מיט דעם שוועסטערל, נעמט אויף טאָג־אויס, טאָג־איין אַ מענגע געסט און גרייט צו דעם יינגערן פעטער צו זיין חתונה. אין די פרימאָרגנס הוסט זיך שוידערלעך, ווענדט זיך אָפּ פון מיר, קאָרטשעט זיך פליצלונג צונויף, און דער הוסט גייט איבער. דאָס בלוט קומט אין איר האַלדז אַריין. און זי וואַרט, ביז עס וועט פאַרגליווערט ווערן און פאַרשטאָפּן די לעכער אין אירע לונגען.

דורך דער קיך־טיר, איבער וועלכער עס קרייזלט זיך אַ וואָלקנדל רויך, גייט זי אַרויס אין מאַנדארינע־וועלדל. ס׳דאַרפן באַלד אָנקומען סוחרים, וואָס וועלן אָפּקויפן די פרוכטן אויפן בוים.

אויב עס זעט זיך פּאָר אַ שלעכטע געראָטעניש, צאָלט מען איין דאָלאַר פאַר אַ בוים, אויב אַ גוטע — אַנדערטהאַלבן דאָלאַר. אונטער די נידעריקע ביימלעך קריכט אַ מאַן, באַקוקט די בלעטער, צווייגן און וואָרצלען און זוכט דעם שוואַרצן שוואָם אָדער די רויטע בלוט־לויז. מיט אַ דערפאַרענעם אויג דערזעט ער אין די פאַלדן פון דער קאָרע די פון זשוקעס געמאַכטע עפענונגען, שטעקט אַריין אַ לאַנגע נאָדל און שטעכט אַדורך דעם זשוק, דערנאָך שניידט ער אויס מיט אַ קרומען מעסער די ווערמיקע אָנשווילעכץ.

די דינערין רופט די מאַמע אַריין אין שטוב. די שדכנטע איז געקומען.

מיט געמאָסטענע טריט און שמייכלענדיק קומט אַריין די שדכנטע. זי טראָגט גאָלדענע אויערינגלעך. קיין איינציקע האָר שטאַרט איר נישט אַרויס פון דער גלאַטיק פאַרקעמטער פריזור. מען זאָגט דאָך אין די דרום־געגנטן: די פריזור פון אַ פרוי דאַרף זיין אַזוי גלאַטיק, אַז אַ פליג, וואָס זעצט זיך אויף איר, זאָל זיך אַראָפּגליטשן. איר פּנים איז איינגעריבן מיט הייסן פעטס. אין האַנט האַלט זי אַ טיכעלע, וואָס זי

טראָגט אַלע ווײַלע צו צום נאָז, אַמאָל מאַכט זי אַ פּויזע און שטעקט אַרײַן דאָס טיכעלע אין ברייטן אַרבל, שיער נישט אונטערן אָרעם.

הינטער דער שדכנטע גייט אַ מאַן. ער איז צוריקגעהאַלטן ווי אַ שליח. דאָס איז דער שדכנטעס מאַן.

דער ייִנגערער פּעטער האָט שפּעט חתונה. ער איז שוין אַלט 30 יאָר. ווי לאַנג ער האָט געקענט, האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון דער חתונה מיטן אויסרייד, אַז ער איז אַן אָרעמאַן. אָבער איצטער קען ער שוין מער מיט דעם אויסרייד נישט אָפּקומען. אויסער דעם מאַנדאַרינע-וועלדל האָבן מיר 200 דאַיאַן געהאַלט פון טאַטן און 1000 דאַיאַן פון דער פּרעמיע, וועלכע זענען נאָך נישט גערירט.

טאָג-אויס, טאָג-אײַן קומען אַדורכפאָרנדיקע קרובים צו צו אונדז צוגאַסט און פרעגן נײַגיריק:

— נו, ווי האַלט עס דאָרט?

ספּעציעל שטייען זיי צו מיט די פראַגעס צום עלטערן פּעטער:

— מיר האָבן געהערט, אַז אייער געערטער ברודער וויל חתונה האָבן מיט דער און דער מיידל פון סיאַן-שי. טוט אונדז די געפעליקייט, באַפרידיקט אונדזער צודרינגלעכע נײַגיריקייט און זאָגט אונדז, צי איר גיט אייער קלוגע צושטימונג צו דעם שידוך?

דער עלטערער פּעטער לויפט אַרום אַ בייזער און אַ שיכורער. קיין זאַך געפעלט אים נישט: נישט די רעוואָלוציע, נישט דעם טאַטנס קאַמפּן, נישט דער מאַמעס געזונט-צושטאַנד, און איבערהויפּט נישט דאָס וואָס ער, אַ טסיו-שען — אַ געלערנטער פון אַ פּראָווינציעלן ראַנג — איז אַ ברודער פון משוגענעם רעוואָלוציאָנער דען יאַ-פּו.

ער גלאָצט מיט די אויגן אויף די קרובים און ענטפערט בייז:

— אָבער איך בעט אײַך זייער, ס'איז דאָך בײַ אונדז רעוואָלוציע! וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָ אַן עלטערער ברודער?

וואָס גייט מיך אָן מיין ברודער דען טי־פּוס חתונה ?

אין אונדזער זאָל שטופּן זיך און שטויסן הענדלערס. שניט־הענדלערס צעלייגן אויף דער פּאָדלאָגע זייערע פּעק זיידנס, שניידערינס הענגען אויף זיך אָן קאָלירטע קליידער, גאָלד־שמידן נעמען אַרויס פון די קעסטלעך שאַכטעלעך און פּאַר־בלענדן דער מאַמעס אויגן מיטן גלאַנץ פון די גאָלדענע רינג־לעך און אויערינגלעך, זילבערנע האָר־קליאַמרעס, וואָס זעען אויס ווי אַרבעס־שויטן, און שפּילקעס אויסגעזעצטע מיט איי־דעלע שטיינער. מען דאַרף דאָך אויסקלויבן געשאַנקען פאַר דער כלה.

ס'קומען מענטשן, סוחרים, זעצן זיך, טרינקען טיי. רופן אָן צאָלן, רעדן וועגן וועטער, וועגן די שכנים, וועגן די נייעסן פון טעיאַן און רופן ווידער אָן צאָלן. דאָס דינגט די מאַמע אויף די טעג פון דער חתונה אַ הויז, ווייל אונדזערס איז צו קליין.

אין דער קיך און די שפּייז־קאַמערלעך קען מען נישט אַריינקומען. סע שטייען דאָרט פעסער מיט גרינע זומער־קרויט, דורכזיכטיקע שטיקער פון גלאָז־ענלעכן סעטשואַנער זאַלץ וואַרטן, מען זאָל מיט זיי איינרייבן די שטיקער חזיר־פעטס. ס'איז נישטאָ קיין בעסער זאַלץ פון דעם סעטשואַנער. אונדזער ערד איז רייך מיט זאַלץ. פאַראַן הייזער, וואָס האָבן אייגענע זאַלץ־ברונעמס: לאַנגע, שמאָלע רערן ווערן אַדורכגעפירט דורך די גראָבע שיכטן קאַלך אין דער ערד ביז צו די שיכטן זאַלץ. די רערן זענען אויסגעפילט מיט וואַסער, אין וועלכן די זאַלץ צעגייט; די דורכזיכטיקע צעלאָזונג ווערט אויסגעשעפּט מיט עמערס. פאַראַן הייפן אויף די בערג־שיפּועים, ווו ס'רייסט זיך אַרויס פון די פעלדזן־שפּאַלטן הייסער גאַז. מיט באַמבוס־רערן פירט מען דעם גאַז אַריין אין די קיכן און מ'באַנוצט אים צום קאָכן. די שכנים קענען נוצן דעם גאַז פאַר אַ באַזונדערן אָפּצאָל.

די חתונה קומט פאָר אין זומער, ווען די טעג זענען הייסע און קלאָרע. אַרום די טישן איז פול מיט געסט. דאָס יונגע פּאָר דערלאַנגט די געסט וויין. די געסט דאַנקען און האַלטן

קורצע רעדעס מיט באַגריסונגען. די מאַמע שטעלט זיך אויף — דער ליאַרעם באַרויִקט זיך. זי ווענדט זיך צום פעטער און זיין חייב:

— כ'וועל שוין אפשר נישט לאַנג נאָך לעבן. ווען איך וועל שוין מער אויף דער וועלט נישט זיין, פאַרגעסט זיך, איך בעט אייך, מיט מיינע קינדער, ווי מיט אייערע אייגענע.

אַן אומצופרידענער געמורמל פון די געסט רייסט איבער דער מאַמעס רייד. די געסט פּראָטעסטירן.

— היינט איז אַ רויטער טאָג. היינט איז אַ טאָג פון פרייד. היינט טאָר מען אַזוי נישט רעדן.

די געסט שרייען צו דער מאַמען:

אַ סאַך גליק זאָלט איר האָבן און אייער ווייטערדיקן לעבן. בע-נין טשאַן-שאָו! — הונדערט יאָר! אַ לאַנג לעבן!

די מאַמע שמייכלט בלאַס און צעטראָגן, און זעצט זיך צוריק אויף איר אָרט. זי לייגט איר האַנט אויף מיין אַקסל. זי זאָגט צו מיר שטיל, די געסט זאָלן נישט הערן:

— דערמאָנסטו זיך, שי-כוּא, ווען נאָך מען שרייבט אָן בע-נין טשאַן-שאָו? אויף טרומנעס, וועלכע מען ברענגט אין געשאַנק, שרייבט מען אָן די ווערטער.

כ'האָב נאָך נישט געזען קיין טרומנע, וואָס מען ברענגט אין געשאַנק, און כ'ווייס נישט, וואָס מען שרייבט אויף איר אָן. אָבער איך געדענק, אַז אויף מיין באַגריסונג: „טסיך-חען" פלעגן די דערוואַקסענע ענטפערן „בע-נין טשאַן-שאָו".

דער עלטערער פעטער זיצט אומצופרידן און אָנגעכמורעט. ס'איז ערשט אַ האַלב יאָר אַוועק נאָך דער באַבעס טויט און שוין פּראַוועט מען אין שטוב אַ חתונה. ווו זענען אַהינ-געקומען די אַמאָליקע שטרענגע טרויער-פאַרשריפטן? די דאָזיקע רעוואָלוציע האָט צוניכטס געמאַכט אַלע אַלטע מנהגים. צי האָט ער אַליין נישט געבערענגט אַלע זיינע עקזאַמענס אַלס קרבן פאַר אָט די פאַרשריפטן פון שטרענגן טרויער?

די חתונה איז געענדיקט. די טישן זענען צוריק צע-שטעלט אין די צימערן. די שכנים האָט מען אָפּגעגעבן די

אויסגעבאָרגטע געשיר, די געדונגענע קוכערס האָבן פאַרלאָזט די קיך. יעדן טאָג קומט צו דער מאַמען דער דאָקטאָר. ער האַלט אין איין טענהן: רו, רו, רו! נישט אַרבעטן.

אָבער דעם יינגערן פעטערס יונגע פרוי קען גאָרנישט טון, און די שטילע פיס פון מיין שוויַיגנדיקער מאַמען לויפן כרעפּ-אַרויף, כרעפּ-אַראָפּ איבער אונדזער הויף. און אירע פּראַקטישע הענט באַמיִען זיך צוריק אין אָרדענונג צו ברענגען אונדזער קאַסע, וואָס האָט שטאַרק געליטן צוליב דער חתונה, אַזוי געשיקט און אומבאַמערקט פאַר אַנדערע, ווי זיי האָבן דאָס געטון אין יענע טעג, ווען דער טאַטע איז נאָך געווען אין יאַפּאַן.

צום האַרבסט-יומטוב קומט דעם טאַטנס שוועסטער צו אונדז צוגאַנגט. דאָס איז די זעלבע מומע, וועלכע האָט מיך אָפּגעראַטעוועט פון דער שטראָף פאַר די פּרוכטן, וועלכע די זעלנער האָבן אויפגעגעסן.

דער מומען געפעלט נישט מיין מאַמעס אויסזען. צו שטאַרק איז דאָס פּנים איינגעפאַלן.

אַביסל פייערלעך און אַביסל גערירט זאָגט די מאַמע צו דער מומען:

— כ'ווייס, וואָס מיך דערוואַרט. פאַרנעם זיך מיט שי-כואַן און שי-קוען. טי-פוס פרוי האָט נישט קיין צייט פאַר זיי. זי וועט אַליין אינגיכן האָבן קינדער. דיר איז עס לייכטער. דיינע קינדער זענען שוין דערוואַקסענע. נעם דאָס געלט, איך האָב עס אָפּגעלייגט גראָשנווייז. לאָד איין צוואַנציק פון דיינע באַקאַנטע צו שאַפן אַ קייט פון קעגנזייטיקער הילף און טראָג אַריין דאָס געלט אויף דיין טייל. שי-כואַ זאָל דערפון יעדן חודש באַקומען אַביסל טאַשן-געלט. ווער ווייסט, ווי עס וועט אים גיין אין לעבן? טאָמער קומט דער טאַטע מער נישט צוריק און דאָס גאַנצע הויז-געזינד וועט דאַרפן ליידן נויט? אָדער דער טאַטע קען גאָר אַריינברענגען אין שטוב אַ שטיפמוטער און זי וועט מיט די קינדער נישט קענען אויסקומען. ער איז דאָך נאָך אַ קליינער. ער איז דאָך קוים ניין יאָר אַלט.

א פאַרזאָרגטע, נעמט די מומע דאָס געלט, און לאַנג זיצן ביידע פרויען ביינאַנד אין דעם טונקל ווערנדיקן צימער און שמועסן וועגן לעבעדיקע און טויטע.

די מאַמע ווערט מיט יעדן טאָג שוואַכער. מיט יעדן טאָג הערט עס איר שווערער אויפצישטיין פון בעט און איבער די צימערן אַרומצוגיין. זי מוז זיך אָפּט אָנהאַלטן אין די ווענט. עס כאַפּן זי אָן אַזעלכע ווייטיקן, אַז זי קרימט זיך איינגאַנצן אויס.

זי שטייט שוין מער נישט אויף פון בעט. איר שטערן און די באַקן זענען פייער־רויט. טיילמאָל זע איך טראָפּנס שווייס אויף איר שטערן. — זי איז נישט גערן, ווען איך קום אַריין אין איר צימער, זי האָט מורא, איך זאָל זיך נישט אָנשטעקן. די דינערין טרעט נישט אָפּ פון איר בעט; ס'איז די זעלבע מיידל, צוליב וועלכער דער טאַטע האָט מיך אַמאָל געשלאָגן. זי טראָגט צו דער מאַמען די שעלעכלעך, ווישט איר אָפּ דעם שווייס פון פּנים, וואַשט די האַנטעכער מיט די פלעקן פון בלוט און טראָגט אַרויס פון דער מאַמעס צימער די טעלערס מיט נישט אָנגערירטער זופּ.

אויסער דער דינערין איז מיט דער מאַמען דער דאָקטאָר. דער יינגערער פעטער האָט אים געבעטן, ער זאָל ביי אונדז בלייבן וווינען. נאָך אַ חודש פאַרלאָזט אונדז דער דאָקטאָר. ער זאָגט:

— די לאַגע איז האָפענונגלאָז. איך בין דאָ איבעריק. כ'וועל באַזוכן די קראַנקע פון צייט צו צייט.

איך האָב ביז איצט געוווינט ביים יינגערן פעטער אין דער שול. איצט ברענגט מען מיך צוריק אַהיים, איך זאָל זיין נענטער צו דער מאַמען, כּדי זי זאָל נישט שטאַרבן אין מיין אָפּוועזנהייט.

אַזוי גייט אַריבער נאָך איין לאַנגער חודש.

אינדערפרי גייט אַרויס דער דאָקטאָר פון דער מאַמעס צימער און זאָגט:

— עס איז איר אַ סך בעסער.

מען שיקט מיך אין שול אריין. עס גייען פאַרביי דריי שעה —דריי לעקציעס. דער פּראָוואלטער רופט מיך.

— וואָס איז געשען?

— מען האָט געשיקט נאָך דיר. לויף אַהיים.

אינדרויסן שטייט אַן אומבאַקאַנטער קולי. מיר לויפן איבער די גאַסן פון סיאַן־שי. איך קען קוים איבערכאַפּן דעם אָטעם. די דורכגייערס קוקן מיר נאָך. פון די געציילטע ווערטער פון דעם מיר נאָכלויפנדיקן פרעמדן מאַן ווייס איך שוין, אַז די מאַמע שטאַרבט. יכ׳פיל שוין נישט מער די פיס. די לופט פייפט מיר אַרום די אויערן, דאָס האַרץ קלאַפּט און דער אָטעם פאַרהאַלט זיך ביר. איך שרעק זיך: וועל איך נאָך באַווייזן?

איך לויף. מיינע פיס קלאַפּן איבער די שטיינער פון די גאַסן. מיט די געדאַנקען בין איך אין אונדזער שטוב. כ׳זע פאַר מיר דער מאַמעס צימער, ז׳אָס בעט, די ליכטיקע פענצטער, דער מאַמעס אויסגעדאַרטע געשטאַלט, די צייטיקע פרובן ביים צוקאָפּנס פון בעט, און איר בלויע האַנט, וואָס טראָגט צו מיט מי די זאַפּטיקע באַרנע צום מויל, ווי דאָס וואָלט נישט קיין באַרנע געווען, נאָר אַ שווער געוויכט. די מאַמע זייגט גיריק דעם זאַפּט פון דער באַרנע, אין האַלדז איז איר טרוקן, עס פייניקט זי אַן אומג[illegible]זילטער דורשט. דאָס איז געווען פאַראַכטאָגן. די מאַמע שמייכ[illegible]ט צו מיר פריינדלעך און ליכטיק און רעדט צו מיר שטיל, שטילער ווי שטענדיק. כ׳האָב זי נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזוי שטיל רעדן.

— לערן זיך פלייסיק, שי־כואַ. פאָלג דעם פעטער און די מומע, שעלט נישט און שלאָג זיך נישט.

איך פאַל אַריין מיט שטורעם אין דער הויז־טיר און צעקלאַפּ זיך דעם אַקסל. איך דערזע דעם פעטערס פנים מיט רויטע אויגן. די מומע פאַרשטעלט דאָס פנים מיט אַ טיכעלע און וויינט נעבן פענצטער.

איך האָב פאַרשפּעטיקט.

די מאַמע ליגט אויף אַ לאַנגער הילצערנער נאַרע. זיר

פנים איז פֿאַרדעקט מיט אַ פּאַפּיר, וואָס איז אויסגעווייקט אין ספּירט. אַזוי פֿאַרדעקט מען בײַ אונדז די פּנימער פֿון מענטשן, וואָס שטאַרבן פֿון שוינדזוכט. דאָס פֿאָלק גלייבט, אַז פֿון זייערע גאָזלעכער פּליִען אַרויס אינזעקטן, וואָס צעטראָגן די אָנשטעקנדיקע קראַנקייט.

איך וויל אונטערהייבן דאָס פּאַפּיר. ווי דערוועגן זיי זיך דער מאַמעס פּנים פֿאַר מיר צו פֿאַרדעקן? דער פֿעטער פֿאַלט אָן אויף מיר:

— וואָס טוסטו? מען טאָר נישט!

דאָס דרײַ־יאָריקע שוועסטערל שטייט נעבן דער נאַרע, בלאָזט זיך אָן און ציט מיך פֿאַרן אַרבל:

— פֿע, ווי שעמסטו זיך נישט! שטער נישט דער מאַמען! זי שלאָפֿט!

17. די לוויה

איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער קראָם. מען קען דאָ פֿאַרבלאָנדזשען. איך שטיי און זע זיך אין מײַן גאַנצער געשטאַלט אין אַ טונקעלן שפּיגל — אין דעם וועטל פֿון אַ טרומנע, וואָס איז ווי אַ פּאַרטעפּיאַן באַצויגן מיט אַ גלאַנציקן שוואַרצן לאַקיר. דאָ קריגט מען די אין גאַנץ כינע באַרימטע סעטשואַנער טרומנעס. וועלכע ווערן געמאַכט פֿון די טײַערע הונדערט־יאָריקעביימער פֿון אונדזערע בערג.

דאָס שוואַרצע לאַקירטע האָלץ איז נאָר אַן אויבערשטער צודעק.

אין דער אויסערלעכער טרומנע שטעלט מען אַרײַן אַ דינע אינעווייניקסטע. עס הערט זיך פֿון איר אַ זיסלעכער ריח פֿון קאַנדל־האָלץ. די אינעווייניקסטע טרומנע ווערט נישט געמאָלט, כּדי דער צעפֿאַלנדיקער גוף זאָל זיך אָננעמען מיט דעם פֿיינעם אַראָמאַט פֿון טײַערן האָלץ.

איך דריי זיך אַרום צווישן די אָנגעשטעלטע טרומנעס,

קליינע און גרויסע, טײַערע און איינפאכע צו 40 דאיאן, וואס באשטייען בלויז פון עטלעכע צונויפגעקלאפטע דינע ברעטלעך.

דער פעטער רעדט מיטן טרומנעס-הענדלער. איך הער דעם פרײַז: הונדערט דאיאן. פיר טרעגער הייבן אויף א שווארצע לאקירט-גלאנציקע טרומנע אויף די אקסלען.

זי איז שוין פון לאנג גרייט. דער פעטער האט זי באשטעלט אין יענעם טאג, ווען דער דאקטאר האט פארלוירן יעדע האפענונג צו ראטעווען די מאמע און פארלאזט אונדזער הויז.

אונדזער הויז איז פול מיט שכנים און קרובים. פון װאנען האבן זיי זיך גענומען אין אזא גרויסער צאל? א גאנצע נאכט הערן אין הויז נישט אויף דער ליארעבּ, דאס שארן מיט די לאפעטן און די צוגרייטונגען. איך הער א פליסקען פון וואסער: מען וואשט דער מאמעס לײַכן, פון דער קראנקייט אויסגעצערטן, גוף. פרויען טוען אן דער מאמען א נײַ קלייד און רעדן צווישן זיך שטיל. ס'איז נישט דער ערשטער טויטער, וועלכן זיי שטאטן אויס צו זיין לעצטער רייזע.

— ווי די צײַטן ענדערן זיך. ווען ס'איז געשטארבן די ערשטע באבע, האט מען זי אנגעטון, לויטן ראנג פונעם זיידן, אין א מאנדארין-מאנטל און א היטל מיט א קײַקעלע פון צווייטן מאנדארין-ראנג.

אויפן דעק פון דער טרומנע לייגט מען אוועק א וואטענע, מיט זײַד אנגעצויגענע, קאלדרע, און צוקאפנס א קישעלע, אויסגעשטאפט מיט פוך פון די גרעזער אויף די ארומיקע פעלדער.

העפלעך זיפצנדיק פעדעמט אײַן איינע פון די פרויען א נאדל און נייט צונויף דאס קלייד אויף דער מאמעס טויטן גוף. דאס קלייד איז בסוד אויפגענייט געווארן נאך, ווען די מאמע האט געלעבט. עס האט נישט קיין קנעפ. עס ווערט צוגענייט איין מאל אויף שטענדיק.

די דינערין טוט אן דער מאמען אויף די פיס פאנטאפל, וואס זענען נישט צום גיין געמאכט, און גלעט מיט די פינגער

צערטלעך אירע חייכע טוכענע זוילן.

מען לייגט די מאַמע אַרײַן אין טיפן קאַסטן פון דער טרומנע און מען ציט אויס אירע הענט לענגויס די זײַטן. אַ דין טוך פאַרדעקט זי ביז צום קין.

אָן אַ באַזונדערער דערלויבעניש קען מען אין ליטאַ אַריינשטעלן נאָר דעם טויטן גוף פון דעם ראָש פון דעם הויז. כדי אַריינצוטראָגן די מאַמע אין ליטאַן, מוז מען פריער קריגן די דערלויבעניש פון דעם ייִדנס גרײַז-גרויען ברודער און פון דעם עלטערן פעטער.

דער תפילה-זאַל איז צעטיילט מיט אַ חײַסן פאַרהאַנג. ער טיילט אָפּ פון דער טיר דעם מזבח. פאַרן פאַרהאַנג שטייט אַ יומטובדיק געגרייטער טיש. עס שטייען אויף אים אַ גרויסע פאַרצעלײַענע חאַנע, אין וועלכער ס׳ברענען װײַרעך-שטעקעלעך, און צוויי בראָנזענע װײַרעך-געפעסן, אין וועלכע ס׳ברענען זיך אויף טלייענדיקע קוילן שפענדלעך סאַנדל-האָלץ. וועלכע דאַרפן מיט זייער זיסלעכן רויך פאַרווייען דעם גײַסט פון געשטאָרבע-נעם. נעבן די װײַרעך-געפעסן ברענען צוויי יאָרצײַט-ליכט. הינ-טער זיי האָט געזאָלט שטיין דער מאַמעס בילד, אָבער עס איז נישטאָ. די מאַמע האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט פאָ-טאָגראַפירן.

— ערשטנס — פלעגט זי זאָגן — זענען איצט שווערע צייטן, עס איז אַ רעוואָלוציע, און ס׳איז געפערלעך צו האַלטן פאָרטרעטן אין הויז. אויב דאָס גליק וועט אונדז פאַרלאָזן, קען מען נאָך אונדז לויט די בילדער אויסזוכן. און צווייטנס: ווען איך וועל שטאַרבן, וועלן מיינע קינדער צוגיין צו מיין בילד און וויינען. און איך וויל נישט, זיי זאָלן וויינען.

אָנשטאָט דעם פאָרטרעט שטייט אויפן טיש דאָס „ליום-פאַי" — דאָס ברעט פון דער נשמה — אַ גרויסער טאָוול, אויף וועלכן ס׳איז פון אויבן אַראָפּ אָנגעשריבן:

מאַמע

די געליבטע

די געזעגנלעכע

דען (נאָמען פון מאַן)
ליאָ (מיידלשער נאָמען)
האָרינטע
טראָן פון דער נשמה.

רעכטס פון דער ריי איז פאַרצייכנט דאָס יאָר, דער חודש און טאָג פון איר טויט און לינקס, גאָר אונטן. שטייען מיט קליינע אותיות אָנגעשריבן די נעמען פון מיר און מיין שוועסטער.

א גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט און ווידער א טאָג און ווידער א נאכט גייען מענטשן פאַרביי. שאַרן אָפּ דעם פאָרהאַנג, גייען צו צום טיש, שטעקן אַריין ווייַרעך-שטעקעלעך אין אַש און לייגן אַנידער נעבן טיש זייערע געשאַנקען: חי פערל אויף א פאָדעם אויפגעצויגענע, גאַנצע קייטן פון 10-לאַן מטבעות, אויסגעשניטענע פון גאָלד- און זילבער-פּאַפּיר. טויטע שענקט מען נאָכגעמאַכטע געלטער. מען ברענגט זיי אויך פּראַכטפולע קליידער פון פּאַפּיר, א פּאַפּירענעם מאָדעל פון א מעבער די גרייס פון דעם הויז, פּאַפּירענע פערד, וועגעלעך און טסיאַאָס אויף דינע באַמבוס-שטאַנגען.

די בינטלעך נאָכגעמאַכטע געלטער ווערן פאַרברענט מיט א געלן פייער — דער אָבערגלויבערישער קרוב שיקט מיט מיט דער מוטער אויף יענער וועלט אַביסל געלט, זי זאָל האָבן דאָרט מיט וואָס אויסצולעבן. אונדזער הויז איז פאַרפּראָפּט מיט מענטשן, און זייערע איינגעהאַלטענע רייד, מיט וועלכע זיי דריקן אויס זייער טרויער, פאַרפולן אונדזערע אויערן. פון ווייַטע דערפער קומען צו דער לוויה די פאַרשידנסטע דענס, דעם טאַטנס קרובים און אָן א שיעור ליאָס, דער מאַמעס קרובים, וועלכע האָבן זי צומאָל ביים לעבן אַפילו נישט אָנגעזען.

דער וווייל וואַנדערט דער יינגערער פעטער איבער די אַרומיקע היגלען: ער איז זיך אַליין א פענג-שוי. ער זוכט פאַר דער מאַמען א טרוקן בלומענדיק אָרט, פון וואַנען מען זעט גוט די ווייַטע בערג, די שיינע וואָלקנס און דעם גרויסן יאַנגטסע. דאָס פאָלק גלייבט, אַז מען מוז אַזאַ אָרט אויסזוכן, מיט וועלכן דער טויטער זאָל זיין צופרידן. אַמאָל קען טרעפן,

אז נאָך אַ סאַך יאָרן זאָל קומען דער פּעגג-שוּעי און אויפ־ווייזן, אַז דאָס אָרט איז שלעכט אויסגעקליבן געוואָרן, אַז די נשמה פּײַניקט זיך, און מען מוז די ביינער איבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט.

חײַם, די פֿאַרב פֿון טרויער, פֿאַרהילט די טעג, ווען מיר געזעגענען זיך מיט דער מאַמען. די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג האָט אײַנגעפֿירט שוואַרץ אַלס טרויער-פֿאַרב, אָבער דער חילן פֿון די קרובים איז שטאַרקער. איך טראָג אַ חײַס כאַלאַט, פֿון זײַנע שלעכט אויסגעענדיקטע נעט און פֿאַלדן הענגען אַראָפּ ווײַסע צוויטן. אויך דער פֿעטער, די מומע, דאָס שוועסטערל און אַלע, וואָס וווינען אין דעם הויז, טראָגן אַזעלכע ווײַסע כאַלאַטן.

49 טעג טאָרן מיר נישט עסן נישט קיין פֿלייש. נישט קיין פֿעטס, נישט קיין מילך, נישט קיין אייער.

עטלעכע צוזרינגלעכע אין כמעט מיר אומבאַקאַנטע דענס און ליאַאָס פֿירן מיך אַרײַן אין צימער, וווּ די מאַמע ליגט, שטעלן מיך אַוועק נעבן טיש און שטעקן מיר אין האַנט אַרײַן אַ בוך, אַ בודיסטישן סידור. איך זע, ווי דער פֿעטער במורעט זיך. שאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין און וויל זיך צו מיר אַדורכ־שטופּן. אָבער אַ וואַנט פֿון קרובים האָט מיך פֿעסט אַרומגע־רינגלט. אין די דאָזיקע טעג זענען זיי און נישט דער פֿעטער די הערשערס אין דעם הויז.

— לייען, כואַ סאָ-ע! — זאָגן זיי צו מיר מיט אַ פֿײַער־לעכער שטים. לייען! דו קענסט דאָך לייענען. דו ווייסט דאָך אונדז נישט גיטן צו דינגען אַ מאָנאַך, ער זאָל אונדז פֿאָרלייענען.

— לייען, כּוּאַ-טסיו — זאָגן נאָך די דינערין און די קוליס, אָנרופֿנדיק מיך מיט מײַן היימישן נאָמען.

טרערן זאַמלען זיך אין מײַנע אויגנווינקלען, די היעראָ־גליפֿן טאָפּלען זיך און פֿאַרדרייפֿאַכן. סאיז שווער צו לייענען, ווען מען מוז בײַ יעדן וואָרט וויינען. אָבער איך געוווין מיך דאָך צו און איך לייען די מיר אומבאַקאַנטע און אומפֿאַר־שטענדלעכע זאַצן. די זאַצן קריצן זיך אײַן אין זכרון און

צום סוף זאָג איך זיי שוין, נישט פאַרקוקנדיק צומאָל אין בוך.

...די גוטע מענטשן װעלן גליקלעך זיין, אָבער אומענדילעך אומגליק דערװאַרט די שלעכטע...

סאַראַ אומזין שטייט דאָס אין דעם בוך!

אָט ליגט די מאַמע. איז זי נישט געװען גוט, גערעכט און שטיל? און פונדעסטװעגן — צי קען מען איר לעבן אָנרוטן גליקלעך?

איך לייען די טרייסט־תּפֿילות, אָבער איך גלייב נישט די װערטער, און ביטערע טרערן גיסן זיך מיר פֿון די אויגן.

די מאַמע ליגט נישט לאַנג אין הויז, נאָר איין װאָך. לענגער קען מען שוין נישט, דאָס געלט לאָזט זיך אויס, פֿון אַלע זייטן קומען אַלץ נייע און נייע געסט, מען מוז זיי אויפֿנעמען און געבן צו עסן. זיי צינדן אָן די װיירעך־שטעקעלעך, ליכט און װוילשמעקנדיקע האָלץ־שפּענדלעך. נאָר אַ טייל פֿון זיי ברענגט די זאַכן מיט זיך.

אין טאָג װאָס פֿאַר דער לוויה דערהערן זיך נייע טענער אין אונדזער הויז. דאָס איז דער טרויער־אָרקעסטער. ער קרעכצט אויף צװיי־מעטערדיקע פֿלייטן, קװיטשעט מיט מעטאַלענע כראָמפּייטן, דונערט אין פּאַס־ענלעכע פּויקן, קופּערנע גאָנגען און יאָמערנדיקע גלאָקן. אין דעם דאָזיקן אָרקעסטער געפֿינען זיך מאָנאַכן פֿון אַלערליי רעליגיעס. דער בודיסט גראַגערט מיט זיין טומלדיקן גראַגער האַנט ביי האַנט מיט דעם דאַאָ, װעלכער קריגט אַרויס פֿון זיין פֿילרערלדיקן פֿלייט יאָמערלעכע מעלאָדיעס. מ׳זינגט מעלאַנכאָלישע בודיסטישע פּסאַלמען, װעלכע גייען פֿון צייט צו צייט איבער אין אַ געיאָמער. אונטער די קלאַנגען פֿון דער דאָזיקער מוזיק װילט זיך דעם קאָפּ צעשמעטערן אין דעם גיעזערנעם לאַק פֿון דער מאַמעס טרומנע. מיטאַמאָל רייסט זיך איבער דאָס זינגען, עס דונערן נאָך די פּויקן און קלינגען די צימבלען, און באַנייס הייבט אָן דער כאָר פֿון מאָנאַכן זיינע פּיינלעכע מעלאָדיעס.

ס׳טאָגט. כ׳הער פֿאַרן טויער גראָבע, זיך קריגנדיקע שטימעס. איך גיי אַרויס. אויפֿן טויער הענגט אַ טרויעריקע

אויפשריפט: „מען נעמט קיינעם נישט אויף, און מען באַגלייט
נישט קיינעם". דאָס הייסט, אַז די געסט דאַרפֿן זיך נישט באַליי-
דיקן אויף די באַלעבאַטים. אויב מען זעט זיי אין די טעג פֿון
טרויער אַרויסווייזן ווייניקער העפֿלעכקייט, ווי דער צערעמאָ-
ניאַל פֿאַרלאַנגט געוויינטלעך.

פֿאַרן טויער קריגן זיך די באַגראָבערס. זיי האָבן אָנגע-
שפּאַרט אין דער וואַנט זייערע קון, די טרומנע-שטאַנגען פֿון
באַמבוס-רער. זיי טראָגן נישט קיין יומטובדיקע קליידער אי-
בער זייערע בראַנטעס: אויפֿנייען פֿאַר זיי אַ יומטוב-אָנצוג,
וואָלט פֿאַר אונדז געווען צו טייער.

אונדזער דינערין דערלאַנגט זיי ווײַסע האַנטעכער. מיט
די האַנטעכער וויקלען זיי זיך די גאָלע קעפּ אַרום, ווי צ. ענ-
דיק זיך דערבײַ. די האַנטעכער זענען זייער איינציקע טרויער-
קליידונג. זיי נעמען זיך זיי צו, ווי אַ געשאַנק.

מיר קניִען אַנידער נעבן דער מאַמעס טרומנע. ס׳איז
סויפּ-שטיל. ס׳גלאַנצן די שוואַרצע ווענטלעך פֿון דער טרומנע.
איצט לייגט מען אַרויף דאָס דעקל. עס ווערט פּעסט אַרויפֿ-
געדריקט ווי אַ פּראָפּן. מען לייגט אונטער אַ שטיקל ווייכן
טוך און מען קלאַפּט פֿאָרזיכטיק מיט אַ האַמער, כּדי נישט
צו שעדיקן דעם לאַקיר פֿון דעקל. מען וויקלט אַרום אַ ווײַסן
זיידענעם באַנד, וואָס ווערט עטלעכע מאָל איבערגעצויגן מיט
לאַקיר, וואָס שמעקט מיט ספּירט.

וואָלט די מאַמע געוואַרט, עמעצער זאָל זי נאָך אָנקוקן,
וואָלט מען דאָס דעקל נישט צוגעפּעסטיקט נאָך, נאָר מען
וואָלט עס לײַכט אַרויפֿגעלייגט. מען וואָלט עס געקענט צו
יעדער צייט נאָך אַמאָל אונטערהייבן. וואָלט מען געדאַרפֿט
נאָך לאַנג וואַרטן, וואָלט מען די האַלב פֿאַרמאַכטע טרומנע
פֿאַרשיט מיט אַ טרוקענעם בערגל זאַמד, וואָרעם דער זאַמד
זאַפּט אײַן זיך אַרײַן דעם שלעכטן ריח פֿון צעפֿאַלנדיקן קער-
פּער. וואָלטן מיר געווען זייער רײַך, וואָלט מען געקענט די טרומ-
נע פֿאַרגיסן מיט קוועקזילבער און אַזוי אַרום לענגער אויפֿ-
האַלטן דעם קערפּער. אָבער מיר האָבן נישט אויף וועמען צו

חאַרטן, דער טאַטע איז ווייט, אין טשענדו. ער ווייסט נישט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן. ער ווייסט נאָר, אַז זי מוז שטאַרבן, אָבער זײַן אַרבעט איז וויכטיקער: ער קעמפט פאַר דער רעוואָלוציע.

אויף שטריק טראָגט מען אַרויס די טרומנעס פון הויז. די באַמבוס־שטאַנגען בייגן זיך אונטער דער לאַסט, און די אַקסלען פון די טרעגער אונטער די שטאַנגען. ביז צום קבר איז געגנוג ווייט — 10 לי.

פונעם פאָדערשטן טרויער־שטאַנג ציט זיך אין אַ האַלב־קרייז אַ ווייסער באַנד. אין שפּיץ גיי איך, דער עלטסטער זון פון דער געשטאָרבענער, האַלטנדיק מיט ביידע הענט דעם דאָזיקן באַנד. די איבעריקע קרובים גייען הינטער מיר, צו, האַלטנדיק זיך פאַר דעם ווייסן באַנד.

מיר זענען אויס ווי עפּעס אַ ווײַסער געשפּאַן, וואָס פירט דער מאַמעס קערפּער, און די טרעגערס זענען נאָר די פּאַמע־לעך זיך דרייענדיקע רעדער פון דעם זיך וויגנדיקן טרויער־וואָגן. אַלע קרובים באַגלייטן די טרומנע צום קבר.

מיר זענען אַרויף אויפן היגל. נעכטן בײַנאַכט האָבן די גרעבערס אויסגעגראָבן אַ גרוב אונטער דער אויפזיכט פון ייִנ־גערן פעטער. טיף איז ער צוויי מאָל אַזויפיל ווי דעם פעטערס וווקס, אַזוי אַז די אַרבעטער קענען קוים אַרויסוואַרפן די לעצטע לאָפּעטעס ערד אויף דער אויבערפלאַך.

— אַפילו ווען מען, וועט דאָ אַמאָל דורכלייגן אַ באַן־וועג, וועט מען זיך צום קבר נישט צוקריגן — זאָגט דער פּע־טער, מעסטנדיק מיטן אויג די טיף פון גרוב.

פון די טרעגערס פּלייצעס פאַלט פּאַמעלעך אַראָפּ די טרומנע אויף די בערגלעך זאַמד, וואָס זענען אָנגעשיט פאַרן קבר.

די טרעגערס רוען אָפּ. זיי ווישן די שטערנס מיט די ווײַסע האַנטעכער. זייערע טראַנטעס זענען דורכגעזאַפּט מיט שווייס. די קרובים שווײַגן.

עס צעשאַלט זיך אַ פויק, און שניידט אַדורך די לופט ווי אַ שאָס. דערנאָך דערהערט זיך אַ מעטאַלישער יאָמער פון אַ טרומייט און אַ געשריי פון עפּעס אַ סרוי. די שטריק פון

די טרעגערס קרעכצן אונטער דער טרומנע. קרעכצנדיק אין אַרויסגעבנדיק שטילע באַפעלן, לאָזן די טרעגערס אַראָפּ און גרוב דאָס שוואַרץ לאַקירטע פּאַרזעעניש.

מען פאַרשיט גיך דעם גרוב. עס וואַקסט אויס אַ בערגל, די הויך פון פעטער. דער פעטער בייגט זיך אַראָפּ אויפן בערגל פרישן זאַמד און פאַרזעצט פאַרוועלקטע ווײַסע בלומען, אין אויפן טאַמע שפּיץ שטעקט ער אַרײַן אַ טונקל-גרינעם ציפּריס-צווײַגל.

דער אָרקעסטער ווערט אַנטשוויגן. עס קלינגען איצטער טעלערס. פון דער, פון פריִער נישט ווײַט פון קבר צוגעגרייטער קיך הייבט זיך אַ רויך און מענטשן לויפן גיך. דערלאַנגענדיק די געסט שיסעלעך מיט רײַז, געבראָטן פלייש און גרינסן, די דינערין, באַלאָדן מיט פאַרענדיקע טעלערס, שטעקט מיר אין האַנט אַרײַן איינעם. איך רוק אים העפלעך אונטער מײַן שכן. איך טאָר נישט עסן קיין פלייש.

דערשלאָגן און פאַרמאַטערט, פאַרטויבט פון די פויקן און דעם געיאָמער, גייען מיר אַהיים. די קרובים גייען צעוואָרפן, זיי רעדן וועגן געשעפטן, באַטראַכטן די פאַרזייען און באַראַטן זיך וועגן די פרייזן פון די מאַנדאַרינעס אין דעם יאָר.

אין דער היים איז אַ פייער און אַ רויך. אויף די שטיינער פון הויף האָט מען צעלייגט אַ פײַער, אויף וועלכן מען פאַרברענט די קליידער, אין וועלכע די מאַמע איז געשטאָרבן. אויך די געשענקטע פאַפירענע פאַנטאָפל, קליידער, וועגעלעך און דאָס מעטער-גרויסע הײַזל ווערן פאַרצערט פון די פײַער-צונגען. ביז איבערן דאַך הייבן זיך אויף ברעקלעך גרויען רויך און פאַלן נישט מער אַראָפּ אויף דער ערד. די געסט צעפאָרן זיך. דער פעטער באַגלייט יעדן ביזן טויער און פאַרנייגט זיך צום געזעגענען. דעם פעטערס ווײַב צוזאַמען מיט דער דינערין נעמען אַראָפּ דעם ווײַסן פאָרהאַנג פון ליטאַן און שטעלן צוריק דעם טיש און די ווײַרעך-געפעסן אויף די ערטער. דאָס הויז איז אויסגעליידיקט און פרעמד. דער פעטער לייגט אַוועק זײַן גרויסע האַנט אויף מײַן אַקסל און זאָגט:

— אין צוויי וואָכן אַרום, שי-כואַ, וועסטו פאָרן קיין טעיאַן. וועסט זיך דאָרט לערנען אין גימנאַזיע.

18. די גימנאַזיע.

איך פאָר קײן גימנאַזיום עקזאַמען.

אין דער גאַנצער גימנאַזיע איז נישטאָ נאָך איין שילער, וואָס זאָל זײַן אַזוי קליין און יונג ווי איך. אויפן הויף הערט מען אַ ליאַרעם פון די פערצן־יאָריקע און אַ סקריפען פון טריט פון די ערנסטע זיבעצן־יאָריקע שילער, ביי וועלכע ס׳וואַקסן שוין וואָנסעס. אַ קלונג פון אַ גלעקל. דער הויף ווערט אויסגעליידיקט אַז, אין די צימערן שטעלט זיך אײַן אַ געשפּאַנטע עקזאַמען־שטימונג.

די עקזאַמענס זענען שטרענגע. אין יעדן קלאַס זיצן צוויי אינספּעקטאָרן. ווי זעלנער אויף דער וואַך, ווײַסן זיי זיך אויף פון אָרט בײַם קלענסטן געמורמל אָדער פאַרבאָטענעם גערויש פון פּאַפּיר. ס׳איז גענוג פאַרטראַכטערהייט אויסצודרייען דעם קאָפּ, און שוין שטעלט זיך אַן אינספּעקטאָר ווי אַן אומדורכדרינגלעכע וואַנט צווישן דעם שילערס אויער און דעם אָרט, פון וואַנען ס׳קען ווערן אונטערגעזאָגט.

דעם ערשטן טאָג געדויערט דער עקזאַמען פון אַכט אינדערפרי ביז פינף פאַרנאַכט. מיטאָג עסן מיר אין קלאַס. מיר האָבן אַנדערטהאַלבן שעה צײַט אויף צו קענען עסן צוויי פּאַשטעטן און אַ טעלער לאָקשן, אויף פּאַמעלעכדיק קײַען און פויל פאַרדייען. אַנדערטהאַלבן שעה נאָכאַנאַנד הערט מען איבער די עקזאַמיניר־טישלעך נאָר אַ שמאַטשקען, שלינגען און גרעפּצן. מער נישט. שמועסן בײַם מיטאָג איז פאַרבאָטן.

פון אינדערפרי אָן שטייט דער אינספּעקטאָר נעבן מיר. דרײַ לאַנגע שעהן שטייט ער אויף איין אָרט, אַרויסשטעלנדיק

מיט ווערדע דעם בויך, די הענט פארלייגט אויפן רוקן, און
חיגט זיך לייכט אויף זײַנע זײַדענע שקארפעטן. איך שרײַב
אָן אויפזאץ, און כ׳האָס דעם אינספּעקטאָרס ראָק, אויף וועלכן
כ׳קען שוין יעדן פלעק. מיט 800 יאָר צוריק האָט סונג דון־
פאָ, דער באַרימטער דיכטער פון די צייטן פון די געלערנטע
קיסאָרים פון דער סונג־דינאַסטיע, אָנגעשריבן זײַן ערשטן שול־
אויפזאץ אויף דער טעמע: „זײַ מילד בײַם באַלוינען, אָבער
פּאָרזיכטיק ביים באַשטראָפן״.

מען האָט פאַר אונז איבערגעלייגט די אַרבעט און גע־
הייסן אונדז אָנשרייבן אונדזער מיינונג וועגן איר.

די לערערס קוקן אָן אינטערעס אויף די פּאַרטיקע אַר־
בעטן, וועלכע ווערן אַוועקגעלייגט אויף זייער טיש. איך ווייס,
אַז מײַן אַרבעט איז אָנגעשריבן גוט און ס׳איז נישטאָ אין
איר קיין איין זאַץ, וועלכן כ׳זאָל האָבן אויסגעלערנט אויף
אויסנווייניק.

נאָך דער שריפטלעכער אַרבעט קומט דער עקזאַמען פון
רעכענען, נאָך דעם פון כינעס געאָגראַפיע און געשיכטע. פון
וואַנען פליסן אַרויס וועלכע טייכן, ווו ליגן וועלכע
בערג און וועלכע אַרצן געפינט מען אין זיי?

צומאָרגנס איז דער עקזאַמען פון נאַטור. דער לערער
פרעגט, ווו און ווען וואַקסט רײַז? אין באַמבוס? און צוקער־
ראָר? און טיי?

די עקזאַמענס האָבן זיך געענדיקט. איך האָב אויסגע־
האַלטן. איך בין אַ גימנאַזיסט.

מיר זענען דרײַ הונדערט שילער. מיר לעבן צוזאַמען
אין אינטערנאַט, און צווישן 5 און 6 גייען מיר יעדן טאָג
שפּאַצירן צום ברעג פון יאַנגטסע. מיר באַטראַכטן די שיפ־
לעך, וואָס טאַנצן אויף די כוואַליעס. מיר שמועסן און קוקן
אויף דער פּאַנאָראַמע פון טעיאַן, וואָס הייבט זיך אויף די
פעלזיקע שיפּועים פון קעגנײַבערדיקן ברעג.

ס׳איז דאָ דאָ אַזויפיל מענטשן אַרום מיר, אַז מיר

שווינדלט אַזש פֿאַר די אויגן. פֿון אינדערפֿרי ביזן אָוונט ליאַרעמט מען דאָ, אַז מען קען טויב ווערן.

נאָר אויף דער צײַט פֿון די לעקציעס רײַסט זיך איבער דאָס לויפֿן, דאָס איבערשרייען זיך. דאָס ליאַרעמען און די יאָגעניש. ספּעציעל גרויס איז דער ליאַרעם בײַם מיטאָג, עס דאַכט זיך, אַז אָט וועלן די מויערן אײַנפֿאַלן.

אין דער פֿאָלקשול פֿלעגט זײַן שטיל בײַם עסן. טייל קינדער פֿלעגט מען ברענגען עסן אין טעפּעלעך פֿון דער היים, אַנדערע פֿלעגן זיך קויפֿן עסן אין די גאַסן־גאָרקיכן. יעדער פֿלעגט אַוועקגיין אין אַ ווינקל און דאָרט איפּעסן זײַן פּאָרציע.

דאָ פֿאַלן מיר אַרײַן אין עסצימער דריי הונדערט יאַטן מיטאַמאָל. פֿון דרײַ הונדערט קעלן רײַסט זיך אַרויס אַ לאַכן, אַ רופֿן. זעקס הונדערט פֿיס שאַרן אונטער די טישן. בײַ יעדן פֿון די קוואַדראַטע טישלעך זיצן 8 שילער, צו 2 פֿון יעדער זײַט. אומרויִק פּײַקלט מען מיט די קוואַי־טסיס אין טיש. די אויסגעהונגערטע יונגען גלייכן אויס די שפּיצן פֿון די פֿלעקע־לעך, צוגרייטנדיק זיך צום כאַפּן דאָס עסן מיט די צווענגעלעך.

קוליס דערלאַנגען צו יעדן טיש פֿיר שיסלען געקאָכטע גרינסן און צוויי וואַזעס מיט דאַמפּנדיקער זופּ. מיר האָבן גע־וואַלדיקע אַפּעטיטן. מיר רימען זיך איינער פֿאַרן צווייטן מיט די העכערע פּאַסטעקלעך אויף די טירן, וואָס באַצייכענען אונדזער וווקס.

מיט פֿיר כאַפּן פֿון די עס־שטעקעלעך ווערן די שיסלען ליידיק. די קוואַי־טסי שלאָגן זיך אָן אין די פּאָרצעלײַענע ווענטלעך. מיט פּאָרצעלײַענע לעפֿעלעך טרינקען מיר פֿלינק אויס די יויך.

אײַנגעבויגן אונטער דער לאַסט, טראָגן די קוליס אַרײַן דאָס לעצטע געריכט — צוויי ריזיקע צעבערס מיט רײַז, פֿון וועלכע יעדער אַנטהאַלט 150 פּאָרציעס. דער הילצערנער צע־בער ווערט געשטעלט אויף אַ באַנק און אַרום אים ווערט אַן אומבאַשרייבלעכער געדראַנג.

מחנותחײַז רײַסט מען זיך אויף פון די ערטער און מ׳לויפט צו אַנצוכאַפּן אַ װאָס גרעסערע פּאָרציע.

איך בין אַ קלײנער. דער ראַנד פון צעבער דערלאַנגט מיר ביז צו דער נאָז. איך גראַבל לאַנג מיט דער האַנט אין צע־בער, ניט װעגנדיק גאָרניט, ביז איך פאַנג דאָרט אַרויס אַ גרעסערע פּאָרציע. דער רײַז איז אַ שלעכטער, ניט צעקאָכט, האַרט, ניט װײַס, געל. דאָס איז צוגעלעגערטער רײַז. געװיס קויפט אים דער קוכער ביליק, מיט דעם רײַז פאַרדאַרבן מיר זיך אָפּט די מאַגנס. די גרינסן טויגן אויך ניט: דער ריח פון קעלער און פון שימל פאַרשװינדט ניט אפילו נאָכן קאָכן. די בלעטער פון קרויט זענען געל װי קאַנאַרעקעס: בײַ אונדז אין דאָרף פיטערט מען מיט אַזעלכע בלעטער די חזירים, און מען װאָלט זיך ניט דערװעגט זײ פאַרצולײגן אַ מענטשן צו עסן.

מיר קײַען מיט עקל דעם האַרטן רײַז אין זידלען דעם קוכער.

דער גאַנצער עסזאַל פירט מיטן קוכער אַ שטענדיקע מלחמה. מיר װײסן, אַז ער פאַרדינט אויפן עסן אַ סאַך געלט. אָבער מען קען אים ניט אָפּזאָגן: ער איז דעם שול־דירעק־טאָרס אַ פרײַנט. מיר פירן שרעקלעכע קאַמפן מיטן קוכער צוליב דעם רײַז. ניט אָפּרעדנדיק זיך פריער, נאָר לויט אַ װונק, אַ באַדײַטונג־פולן הוסטן, נעמען מיר פלוצלונג נאָר עס־לעכע ביסן פון רײַז און לאָזן די רעשט אין די צעבערס, אי־בער נאַכט װערט דער רײַז זויער. אָבער דער קוכער דער־לאַנגט אים אונדז צומאָרגנס װידער. דעמאָלט הייבט זיך אויף אַ געמורמל, װאָס גײט איבער אין אַ שטורעם:

— אַװעק מיט דעם פאַרשימלטן רײַז! פרישן רײַז גיט אונדז!

דער קוכער װאַרט אין קיך, ביז מיר װעלן אויפהערן. אָבער מיר הערן ניט אויף, דעמאָלט הײסט ער אַרויסטראָגן די שטינקענדיקע צעבערס און געבן אונדז פרישן רײַז. מיר עסן װידער ניט און דער רײַז װערט װידער זויער.

דער קוכער וויל נאָך מער פאַרדינען און שטעלט פאַר אונדז אַנידער נאָר האַלב-פולע צעבערס. אַ סיגנאַל צעגייט זיך איבערן זאַל:

— עסן אַ סאַך!

די ערשטע רייען אַרום די צעבערס נעמען אַלץ אַרויס און די איבעריקע יאָגן מיט ליידיקע שיסעלעך ליאַרעמען:

— רייז! רייז! רייז! צו קנאַפּ רייז!

דער קוכער ווערט בייז. ער הייסט אַריינברענגען פרישן רייז און שווייגט. ער קריגט פון אונדז געצאָלט פאַר די מי-טאָגן פאַר אַ האַלב יאָר פאַרויס. ער איז דעריבער שטאַרקער פון אונדז. אָבער איין מאָל האָט זיך אַזאַ געשיכטע געענדיקט מיט אַ סקאַנדאַל, און איך בין געווען דער העלד פון דעם סקאַנדאַל.

דאָס איז אַזוי געווען.

די יינגלעך שטופּן מיך אַרויס און איך קען נישט צו-קומען אָנצושעפּן מיין פּאָרציע רייז. איך גיי אַרום די יינגלעך, קלעטער אַרויף אויף אַ באַנק, בייג מיך אַריבער איבער דעם צעבער, פאַרליר די גלייכגעוויכט און קער אויס דעם צעבער מיט דעם גאַנצן רייז.

דער קוכער קומט צולויפן פון קיך. ער דערזעט, אַז דער סאַמע קלענסטער איז דאָ שולדיק, ער קען, הייסט עס, אויסלאָדן זיין גאַנצן צאָרן, נישט שרעקנדיק זיך פאַר דעם, וואָס ס'וועט שפּעטער זיין. זיין זידלען פאַרשטאָפּט מיר די אויערן. ער שרייט אַזוי, אַז ער רייסט זיך אונטער די שטים:

— אַרויס פון דאַנען! דו ביסט שוין איינמאָל אַ פייגעלע! אַרויסטרייבן איז נאָך צו ווייניק. דו ביסט משוגע? דו האָסט אומישנע אויסגעקערט דעם רייז!

מיינע חברים ווערן אַנטשוויגן און שפּאַרן אָן אויפן קו-כער. ער זידלט זיך מיט ברען, ווי אַן אַקטיאָר, און אַלע אַרום שווייגן. איינער פון די שילער, אַ גרויסער און ברייטפּלייציקער יונג, טרעט צו נאָענט צום קוכער, קוקט מיט מיטלייד אויף זיין פון זידלען צעקרימטן מויל, פאַרמעסט זיך און דערלאַנגט

אים אַ פײַערדיקן פּאַטש אין זיין פּעטן, פון צאָרן און דעם קיך-פייער צערויטלטן פנים.

ווי מען וואָלט אַ הונט אַ שמיץ געטון. דאָס זידלען גייט איבער אין אַן אומזיניק געהײַל. איצטער זידלט ער שוין אונדז אַלע. מיר זענען פאַרברעכער און באַנדיטן. מיר טוען אָן דער שול חרפות און באַליידיקן אים, אַן ערלעכן אַרבעטער. דריי הונדערט ייִנגלעך לויפן צוריק צו די טישן. דריי הינ-דערטס עס-טעלערס פליען אין דער לופט. דער געבראַזג פון די צעבראָכענע טעלערס אַליאַרמירט דעם אינספּעקטאָר. ער קומט אַזוי איַליק צו לויפן, אַז די נעט פון זיין כאַלאַט פלאַצן שיער נישט.

ס'הייבט זיך אָן אַן אויספאָרשונג. די צעבראָכענע שיס-לען, דער אויסגעקערטער רײַז און די שפּורן אויפן קוכערס פנים באַווייזן, אַז ס'איז דאָ געשען אַ פאַרברעכן.

דעם קוכער איז נישט באַקוועם צו דערציילן, אַז איך בין דער שולדיקער. איך בין צו קליין. מיך קען מען העכסטנס אויסזידלען און פאַרטיק. ער וואַנדערט מיט זיינע ביידע אויגן איבער די שילער, וואָס שטייען ווי אַ מויער, און זוכט זיך אויס צוויי פון זיי: דעם, וואָס האָט אים געשלאָגן, און נאָך איינעם, און רופט אויס, טײַטלענדיק אויף זיי מיט די פינגער:

— זיי האָבן די שיסלען צעבראָכן!

— דאָס איז געווען אַן אָפענער ליגן, וואָרן אין דעם ברעכן האָבן זיך אַלע באַטייליקט.

איך טרעט אַרויס אין דער מיט און שטעל מיך פאַרן צאָרנדיקן און דערשטוינטן אינספּעקטאָר:

— איך בין דער אייגנטלעכער שולדיקער. איך האָב דעם צעבער אומגעוואָרפן. די, אויף וועלכע דער קוכער ווײַזט אָן, זענען גאָרנישט שולדיק!

אין דעם זעלבן טאָג באַווײַזן זיך אויף דעם שוואַרצן מעלדונגען-ברעט, וואָס הענגט אין קאָרידאָר, דרײַ געדיכט פאַרשריבענע קוואַדראַט-בלעטלעך. זיי באַציִען זיך אויף מיר און די צוויי חברים, אויף וועלכע דער קוכער האָט אָנגעוויזן.

אויף אַלע דריי איז אָנגעשריבן „דאַ־האָ" — גרויסע פאַרשוואַלדי־קונג. דריַי „דאַ־האָס" איז גענוג, מ׳זאָל פון שול ווערן אַרויסגעוואָרפן.

די זומער־טעג ווערן הייסער און הייסער. דער דראַכן־יומטוב איז שוין נאָענט. מען באַפרייט אונדז אויף דריַי טעג. איך אײַל זיך קיין סיאַן־שו. די שול האָט מיך געמאַכט טעמפּ און איך בענק נאָך מײַן פעטער, מײַן מומען און מײַנע פרײַנד צווישן טעיאַן און סיאַן־שי פאַרקערן טעגלעך דריַי שיפּ־לעך. איינע אַ גרויסע מיט צען רודערס און צוויי קליינע. איך זעץ מיך אַרײַן אין דער גרויסער.

ס׳איז קיל אין דעם מאָרגנגרוי. די זון איז נאָך באַהאַלטן הינטער די בערג. סע סקריפּען די רודערס אין די הענט פון די אָפּגעבערענטע רודערערס. זייער הויט גלאַנצט פון שווייס. איך באַגריס זיך פרײַנדלעך מיט זיי, איך קען זיי אַלע. וויפל מאָל האָט מיך שוין דאָס גרויסע שיפל געפירט פון טעיאַן קיין סיאַן־שי און צוריק! כ׳קען אויך דעם באַלעבאָס פון שיפל. ער זיצט אין אַ לייכטער בלויער קורטקע בײַם עק און האַלט פעסט אין האַנט דעם שטייער־רודער. זײַן געהילף, דער אויפזעער, גייט אַרום צווישן די בענק און שמייכלט צו מיר פריילעך, אַז מען זעט זײַנע ציין אַרויס. זײַן אָרט איז פאָרנט פונעם שיפל, פונוואַנען מען קען בעסער זען די געפערלעכע וואַסער־קעסלען, וואָס ווערן פאַרשטעלט דורך די הויכע כוואַליעס.

דאָרט, וווּ די פעלזן פון די ברעגעס פאַרשמעלן דעם טײַך, וואַרפט אונדז דער שטראָם אויף צוריק. דאָס שיפל שלאָגט צו צום ברעג. די רודערערס שפּרינגען אַרויס און פליוסקען מיט די באָרוועסע פיס אין וואַסער, סקריפּען מיט די זוילן איבערן זאַמד, נאָך דעם פאַרלייגן זיי אויף זיך די גרויסע שטריק און ציִען אַרויס דאָס שיפל.

כי־כאַ, כאי־כע! כי־כאַ, כאי־כע! — זינגען די רודע־רערס אַ ריטמיש געזאַנג און ווערטער צום טאַקט פון זייע־

רע טריט און זייער שווערן אָטעם. זיי באַרירן די ערד מיט די הענט, שיער נישט ענלעך צו פּירפּיסיקע באַשעפעניש, רייסן אַרויס בינטלעך געדיכטן גראָז און קליינע צווייגלעך פון די קוסטעס, וואָס וואַקסן ביים ברעג. זיי פלעכטן זיך געדיכטע קרענץ, וואָס זעען אויס ווי פייגל־נעסטן, און טוען זיי זיך אָן אויף די קעפּ, כדי זיך צו באַשיצן פאַר די שטראַלן פון דער זומערדיקער זון, וואָס הייבט זיך אָן העכער איבערן הימל.

אַמאָל פעלט די רודערערס אויס כוח צו שלעפּן דאָס שיפל. זיי בלייבן אָפּטער שטיין, זיך אויסצורוען. דעמאָלט גייען אַרויס דער באַלעבאָס און זיין געהילף און זיי זאָגן אומישנע הויך:

– נו, לאָמיר פּרוּוון מיט געמיינזאַמע כוחות.

די פּאַסאַזשירן פאַרשטייען די אָנצוהערעניש. זיי שטייען אַרויס, נעמען אָן די שטריק, און שניירנדיק מיטן שפּיץ די כוואַליעס און לאָזנדיק הינטער זיך די בלעזלדיקע וואַסער־קעסלען, קריכט דאָס ליידיקע שיפל פאַמעלעך הינטער זיין צו־פוס גייענדיקער באַלאָדונג.

די געפערלעכע ערטער איז מען שוין אַריבער. און ווי־דער סקריפּען און פליוסקען די רודערס. די רודערערס זינ־גען אַ ליד. די ווערטער, וועלכע זיי זינגען, געפינט מען נישט אין קיין שום ווערטערבוך. דאָס איז די איינפאַכע שפּראַך פון די פּויערים, וועלכע איך. דער געלערנטער, פאַרשטיי נישט, די שפּראַך פון די קוליס, וואָס קענען נישט קיין היעראָגליפן. צווישן צען זייערע ווערטער פאַרשטיי איך קוים איינס, אַזוי אַנדערש זענען זיי פון אונדזערע. איך הער זיך צו און ס׳ווערט מיר אומעטיק. ווי גערן וואָלט איך מיט זיי די לידער געזונ־גען. אַ שאָד, וואָס מען לערנט אונדז אין שול נישט די שפּראַך, אויף וועלכער ס׳רעדן די קוליס. איך בין ביין אויף דער שול, דעם געזאַנג־לערער און דעם זינגען, פאַר וועלכן כ׳האָב אַמאָל געהאַט אַ גרויסן אינטערעס.

דער לערער איז געווען אַ שלעכטער לערער. אין מיטן דער שענסטער מעלאָדיע האָט ער געקענט זיך דערלויבן אונדז

צו זידלען מיט די געמיינסטע ווערטער, מאַכן חוזק פון די שילער, אַזוי אַז דאָס זינגען פלעגט אַריבערגיין אין אַ שטיל פּישטשען און אײַנגאַנצן אָפּהאַקן. די שילער פלעגן וואָס אַמאָל חייניקער קומען אויף זײַנע לעקציעס. מען האָט אים אָנגע־הויבן צו באָיקאָטירן. איך בין פון אים אַוועק דער לעצטער.
די חברים פלעגן מיר פאָרוואַרפן:

— פאַרוואָס הערסטו נאָך אויס, שי־כיא, די זידלערײַען פון דעם מאה־טאנג?

מאה־טאנג איז אַ שפּיל, ענלעך צו דאָמינאָ. עס האָט דרײַערליי שטיינער: באַמבוס, היעראָגליפן און קרייזן. די קרייזן הייסן אויף כינעזיש „טון".

דעם לערערס פּנים איז געשטופּלט. די שפּורן פון פּאָקן ציִען זיך אויף זײַן פּנים אין רייען, ווי די קרייזן אויף די מאה־טאנג־שטיינער. מיר האָבן אים געגעבן אַ צונעמעניש „פּאַ־טון": אַכט קרייזן. מער געשטופּלט איז נאָך דער לערער פון גימנאַסטיק. רופט מען אים „טיו־טון" — נײַן קרייזן.

אַלץ העכער שטײַגט דאָס אומפאַרשטענדלעכע ליד פון די רודערערס. צוזאַמען דערמיט שטײַגט אויך מײַן צאָרן אויף דעם לערער.

די זון ברייט. דער באַלעבאָס און זײַן געהילף שלעפּן אַרויס פון אונטער זייערע געזעסן שטרויענע היט, גרויסע ווי וואַש־שיסלען, און פאַרבינדן זייערע בענדלעך אונטער די קי־נען. דאָס זענען גישט קיין היט, נאָר כמעט שירעמס אָן הענטלעך, וואָס זענען אָנגעבונדן צום קאָפּ.

מיטאָג־צײַט קומען מיר אָן צום פעלזיקן האַפן פון סיאַנ־שי. די רודערערס בינדן צו די פּלטן בײַם ברעג. איך שפּרינג איבער דעם ראַנד פונעם שיפל און לויף באַרג־אַרויף.

19. דער דראַכן־יומטוב

אַן אַלטע לעגענדע דערציילט: דער באַרימטער פּאַרצייטיקער דיכטער קיו־יועַן איז דורכן קייסער פֿאַרשיקט געוואָרן טײַך־אַרויף מיטן יאַנגטסע. ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם קלאַפּ און זיך גענומען דאָס לעבן. ער האָט זיך אין טאָג פֿון יומטוב פֿון דראַכן, דעם וואַסער־הערשערס, דערטרונקען אין טײַך. פֿון יענער צייט אָן ברענגט מען אין טאָג פֿון דראַכן, דעם 15־טן פֿון כינעזישן מאַי, קיו־יועַנען רייז צום עסן. אין דעם טאָג שטייען אין אַלע דערפֿער, אויף אַלע שייד־וועגן וואַנדערנדיקע הענדלערס. דער געקאָכטער רײַז איז אײַנגעפּרעסט אין דרײַעקן, פּאַרפּאַקט אין באַמבוס־בלעטער. אין יעדן הויז ווערן צוגעגרייט אַזעלכע רײַז־קרעפּלעך. מען האַלט זיי אויף אַ קילן אָרט און מען עסט זיי אין דעם טאָג ווי ליאָדעס, באַזונדערש עסן די קינדער זיי גערן.

אַזעלכע קרעפּלעך וואַרפֿט מען אויך אַרײַן אין יאַנגטסע. מען שפּײַזט מיט זיי קיו־יועַנען.

אַמאָל — דערציילט מען — פֿלעגט מען אין טײַך אַרײַנוואַרפֿן איינפֿאַך געקאָכטן רײַז, אָבער די פֿיש פֿלעגן אים אויסכאַפּן און ער איז נישט אָנגעקומען צו קיו־יועַנען. דעריבער שיקט מען איצטער דעם רײַז אויפֿן גרונט פֿון טײַך אין גרינע פּאַרפּאַקונגען.

פֿריִער פֿלעגן נאָך די באַוווינערס פֿון די יאַנגטסע־ברעגעס נוצן דרײַעקיקע קרעפּלעך מיט רײַז. איצטער זענען די קרעפּלעך פֿאַרשפּרייט אין גאַנץ כינע. אָבער נאָר בײַם יאַנגטסע איז געבליבן דער מנהג, צו וואַרפֿן זיי אין וואַסער אַרײַן.

אין טאָג פֿון יומטוב גיי איך צוגאַסט צו מײַנע קרובים.

אויף מײַן אָרעם הענגט אַ קערבל, פֿול מיט גרינע קרעפּלעך, וועלכע מײַן מומע האָט צוגעגרייט. איך באַגריס פֿײַערלעך דעם קרוב און גיב אים אַ קרעפּל.

אויף דער גאַס טרעף איך יינגלעך אין מײַן עלטער. זיי טוען דאָס זעלבע.

גיין מיט יומטובדיקע וויזיטן איז אָנגענומען נאָר פאַר ייִנגלעך. היינטער מײַנע חברים גייען דינערינס מיט קערבלעך. בײַ אונדז איז קיין דינערין נישטאָ. דעם פעטערס חתונה און דער מאַמעס לוויה האָבן אַלע אָפּשפּאָרונגען פאַרשלונגען. דער ריבּפּער מוז איך גלייכצײַטיק זײַן דער גאַסט און דער דינער.

עס גייען אויך קליינע ייִנגלעך. זיי גייען אַרײַן אין הויז, נעמען אַראָפּ דאָס היטל, און פאַרנייגן זיך. די דינערין נעמט אַרויס אַ קרעפּל און שענקט דעם באַלעבאָס, זאָגנדיק:

— דאָס איז אַ יומטוב־געשאַנק פאַר אײַך פון מײַנע באַלעבאַטים.

אויף מײַן יעדן געשאַנק ענטפערן די קרובים אויך מיט געשאַנקען. דער דראַכן־יומטוב איז דער יומטוב פון ייִנגלעך. דער דראַכן איז אַ סימבאָל פון אַ מאַן. דאָס וואַסער — פון פּרוכפּעדיקייט. אַלץ, וואָס מען שענקט אין דעם טאָג, האָט עפּעס אַ שײַכות צום וואַסער. דאָס זענען שפּילצייג, הויפּט־זאַכלעך פיגורן פון פיש, שילדקרעטן און זשאַבעס. די פיגורלעך זענען געמאַכט פון קופּערנע קליינגעלט — טשיאַנס, וואָס ווערן אויפגעצויגן אויף אַ פאָדעם.

אָבער דאָס זענען געשאַנקען פאַר גאָר קליינע ייִנגלעך.

איך בין אַ גימנאַזיסט. מיר שענקט מען שול־זאַכן: טוש, פּענדזלעס, פּאַפּיר און העפטן.

איך טראָג אַ נייעם גימנאַזיע־מונדיר. כ׳גיי ווירדיק און קוק מיט שפּאָט אויף די קליינוואַרג, וואָס „שמעקן נאָך מיט דער מאַמעס מילך".

אין די דאָזיקע טעג גרייטן צו די עלטערע טעכטער פּאַר זייערע ברידערלעך האַריקע מאַלפּעלעך, אויסגעשטאָפּטע מיט וואַטע. די ברידער ווידער שענקען זיי צוריק מיט אַ דאַנק פּעכערס אָדער זײַדענע טיכלעך. אַ גאַנצן טאָג געדויערט דאָס טיילן זיך מיט די אָנגעהויפטע געשאַנקען. אַ גאַנצן טאָג שפּילט מען זיך מיט פּעכערס, פּרעש און מאַלפּעס און מען שרײַבט געדיכטן מיט די געשענקטע טושן.

פון וויזיט צו וויזיט. פון חבר צו חבר. ס׳איז נישטאָ

קיין צייט זיך אריינצוכאפן אין שטוב. די מאמעס שאָקלען מיט די קעפ קוקנדיק אויף אונדז, די שוין באַלד דערוואַקסע־נע גימנאַזיסטן אין לײַוונטענע הויזן און רעקלעך אָנשטאָט די כאַלאַטלעך, און זאָגן:

— איר זענט בײַ אונדז זעלטענע געסט געוואָרן, גאָר ווי די אויסגעבענע טעכטער.

נאָך מיטאָג הערשט בײַם ברעג פון יאַנגטסע, בײַם האַפן, אַ פײַערלעכע שטימונג.

רייכע פאַמיליעס זעצן זיך אויס אין אַ גרויסער צאָל אין די געדעקטע שיפלעך. זיי נעמען מיט זיך קערבלעך מיט עסן. די מאַמעשיס און מומעשיס קוישען אין שרײַען. באַלאַנסירנ־דיק מיט די אָרעמס און פּאַררוקנדיק אונטער די בענק די שאַכטלען און די קאָלדרעס. מען פאָרט אויף מאַיוחקע.

איך שטוף מיך אַדורך דורך דער מענגע אויסגעפּוצטע יינגלעך, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם טייל האַפן, ווו די באַר־קעס, בריט־פלייציקע מאַטראָסן גרייטן צו אַ לאַנג שמאָל שיפל צום וועט־געיעג. אויף זײַן שפּיץ טראָגט דאָס שיפל אַ ריזיקן פאַרכטפולן דראַכן־קאָפּ, מיט אַ צונג ווי אַ פראָפּן־ציער. אַ מענטש שטייט אָנגעשפּאַרט אין דעם דראַכן־קאָפּ. ער וועט בעת דעם געיעג געבן מיט דער האַנט אָנווייזונגען דעם שטײַער־מאַן, וועלכער קען צוליב די אַלערליי פאַרפּוצונגען גאָרנישט זען, וואָס ס׳טוט זיך פאַר אים. פון הינטן פון שיפל פלאַטערט אַ בלויע פאָן.

אױפן גאַנצן ברעג ליגן אַזעלכע שיפלעך. זיי האָבן געלע, רויטע, מאַלינענע און בלויע פענער. אויף איינעם דערקען איך די מאַטראָסן פון יענעם שיפל, וואָס האָט מיך געבראַנגט פון טעיאַן.

דאָס איז דאָס שיפל פון מאַטראָסן־פאַריין.

און דאָס מיט דער בלויער פאָן געהערט צום פאַריין פון איבערפירערס.

די רודערערס קוקן פון אַ זײַט צו זייערע קעגנערס. וויצן פליען אַהין און צוריק.

א ברייטע שאַליופּע פּאַרט אַרויס אויפן מיטן טײַך. אַ מאַן מיט ברילן אויף דער נאָז, אין אַ בלויען כאַלאַט, שטעלט זיך אויף אין איר און וואַרפט אַרײַן עפּעס אַ ראָזע זאַך אין טײַך. דאָס איז אַ ראָזע גאַנדז, וועלכער מען האָט אונטערגע־שניטן די פליגל, זי זאָל נישט קענען אַוועקפליִען. די געווע־טערס דאַרפן זי כאַפּן. מיט ליאַרעם לאָזן זיך די שיפלעך אַרויס אויפן וואַסער. עס בייגן זיך די רודערס, אָנשלאָגנדיק ריטמיש אין די כוואַליעס.

אָט ווערט איין שיפל מיטגעריסן פון שטראָם און טונקט זיך אונטער מיט דעם דראַכן־קאָפּ אונטערן וואַסער. ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו שרעקן. די רודערערס שווימען בעסער פון פיש. נאָך אַ קורצער ווײַל טויכן זיי אויף פון וואַסער פּאַרי־שעמטע און קוקן זיך צו פון ברעג אַראָפּ צו די שפילן.

אָט זענען ווידער צוויי שיפלעך צו נאָענט צוגעקומען צוזאַמען. די רודערס באַרירן זיך. האַלץ ברעכט זיך. און שוין הייבט אָן איין שיפל מיט אַן אַדורכגעהאַקטער זײַט זיך צו דרייען ווי אַ שטעקן, וואָס איז געבליבן געוואָרן אין קאָפּ דורך אַ וואָרעם.

די כוואַליעס פּאַרטראָגן די גאַנדז. פּאָכענדיק מיט די אונטערגעשניטענע פליגל, שפּרינגט זי איבער די רודערס און הענט. די שיפלעך יאָגן זיך נאָך איר, ווי אַ פּאָקע נאָך אַ פיש. די מענגע שיפלעך אויפן מיטן טײַך זעט אויס ווי אַ פײַ־ער־לאַגער אויף אַ געלן וועג. די פענער פלאַטערן ווי בונטע פלאַמען. אויפן ברעג דונערן אַפּלאָדיסמענטן און אויסגעשרייען:

— כאָאָ! כאָאָ! גוט אַזוי! בראַוואָ!

די יאָמערלעך שרײַענדיקע גאַנדז איז שוין אין די הענט פון די זיגערס. זיי וועלן זי מיט אַפּעטיט אויפעסן אינאַחוט. באַגלייט פון געשריי פון דער מאַסע ביים ברעג, שלאָגט צו דאָס זיגערישע שיפל מיט דער בלויער פאָן און דעם דראַכן־קאָפּ צום ברעג.

ווידער שווימט אַרויס אויפן מיטן טײַך די ברייטע שאַ־ליופּע פון דעם שפיל־ריכטער. דאָס מאָל וואַרפט ער אַרויס אויפן וואַסער אַ טונקל רויטן, שטאַרק אָנגעבלאָזענעם חזיר־

פענכער. דער פענכער טאַנצט אונטער אויף די שטראָמענדיקע כוואַליעס און ווידער יאָגן זיך נאָך אים די שיפלעך מיט לייכ-טע באַוועגונגען פון די רודערס.

די געזונטע, פון פרייד שטראַלנדיקע, זיגערס באַקומען פון ריכטער פרייזן: געלט אָדער שטיקער רויטע גלאַנציקע זייד.

די באַזיגטע שטייען אין גרופּעס אויפן ברעג, רעדן צווישן זיך שטיל, מאַכן פאַרווורפן די רודערערס, זידלען עמעצן, נע-מען נישט אָן עמעצנס פאַרענטפערונגען און וואַרפן זיך ווידער אין שטראָמענדיקן וואַסער אין געיעג נאָך אַ נייעם פּריז. אומ-באַמערקט פאַלט צו דער גרוי-בלויער אָוונט. די שיפלעך, די געשטאַלטן, די ביימער און דער אַנדערער ברעג פאַרשווינדן אין דער טונקלקייט.

פויל באַוועגנדיק מיט די רודערס, קומען די רייכע לייט צוריק פון זייערע שפּאַצירן. אויף די ראַנדן פון די שיפלעך באַווייזן זיך ברענענדיקע קאָלערדיקע לאַמפּיאָנען, אויפגעהאָנגע-נע אויף דינע באַמבוס-שטעקלעך, און באַלד צעגלאַנצט זיך דער טייך מיט רויטע און אָראַנזשענע איידלשטיינער. נעבן מיר שטייט דער דאָרפישער „פענג-שועי״. שוין דריי שעה נאָכאַנאַנד קוקט ער אויפן וואַסער. ער לאַכט די גאַנצע צייט און סע דאַכט זיך, אַז זיינע ליפּן זענען עפּעס ווי צונויפגעוואַקסן מיט די אויערן. מיט די לאַנגע נעגל קראַצט ער זיך די באָרד און זאָגט אַ צופרידענער, נישט ווענדנדיק זיך אייגנטלעך צו קיינעם נישט:

— היינט האָבן די געיעגן גוט פאַרטריבן די פּרעסערישע פיש. דער גאַנצער רייז וועט אָנקומען צו קיו-יוענען.

20. די יערלעכע עקזאַמענס

די דריי טעג פון דראַכן-יומטוב פאַרגייען ווי דריי אויגנבליקן.

די מומע גרייט מיך צו צו דער צוריק-רייזע אין דער גימנאַזיע. דער פעטער איז גוט און פריינדלעך, אָבער איך

פיל, אַז נישט אַלץ איז ביי אים אין אָרדענונג. כ'וויל אים פרעגן, וואָס ס'הערט זיך מיטן טאַטן, אָבער איך פרעג נישט. וואָלט ער געהאַט עפּעס נייעס פון טאַטן, וואָלט ער מיר דעם ערשטן דאָס זיכער געזאָגט.

ציטערנדיק פון קעלט און גענעצנדיק גייט אַ גרופּע נישט־אויסגעשלאָפענע שילער באַרג־אַראָפּ צום ברעג. אַן גרויסן חשק פאָרן זיי אַלע צוריק פון לוסטיקן דאָרף אין דער אומפריינד־לעכער גימנאַזיע, צו די ליאַרעמענדיקע קאָרידאָרן, די שטילע טריט פון די אויפזעערס און דעמפּיקן ריח פון די ריינ־צעבערס. לייכט טראָגט אונדז דאָס שיפל שטראָם־אַראָפּ. דער טאָל פון סיאַן־שי פאַרשווינדט הינטער אַן אויסבייג פון טייך. אָט איז שוין דאָס דאָרף, וואָס ליגט אויפן מיטן וועג. אַ קליין שיפל קומט אונדז אַנטקעגן. אַ שטריק פליט צו אונדז אַריבער. נישט פאַרהאַלטנדיק זיך, ציען מיר צו דאָס שיפל צו אונדז צו, דערלאַנגען אַריבער אונדזער קופערנע קליינגעלט און קריגן פון דאָרט דערפאַר פרוכטן, קאַלטע קיכלעך מיט איינגעמאַכטס און גלעזער מיט האָניק־וואַסער.

דעם 1־טן יוני ענדיקט זיך דאָס שול־יאָר און ס'הייבן זיך אָן די עקזאַמענס. די קלאַסן הילכן פון אומאויפהערלעכן קנעלן. די פּויליאַקעס ווערן מיטאַמאָל פלייסיק און רייסן נישט אָפּ די נעזער פון די ביכער. פאַרשטאָפּן זיך מיט די פינגער די אויערן, שאָקלען זיך און לערנען אויף אויסנווייניק די נע־מען, ווערטער און כּללים.

די פלייסיקע האָבן איצט גרינגער, זיי האָבן שוין אַ גאַנץ יאָר געקנעלט, זיי טראָגן זיך אָפּ אין איילעניש פון די קלאַסן, ווייל די פּויליאַקעס באַפאַלן זיי ווי די היישעריקן:

— ווי אַזוי איז דאָס? וויי מיר! העלף מיר דאָס לייזן!

אייניקע גוטע שילער פון די העכערע קלאַסן מאַכן ביי דעם עקזאַמען־פיבער גוטע געשעפטן. זיי הערן אויס די שוואַ־כערע, די אומאויפמערקזאַמע אָדער די מיט אַ שוואַכן זכּרון און קריגן דערפאַר העפטן, פּאַפּיר, געלט און גוטע מיטאָגן אין אַ רעסטאָראַן.

צוליב דעם, וואָס ביי די עקזאַמענס וועלן אַלע שילער פון די פיר קלאַסן ווערן אַזוי פונאַנדערגעזעצט, אַז זיי זאָלן נישט קענען אָפּשרייבן איינער פון אַנדערן. שטייען די קאָמבינאַטאָרן אַרום מיט ברען. זיי שניידן אויס לאַנגע שמאָלע פּאַסן פּאַפּיר, ווי טעלעגראַם-סטענגעס און באַשרייבן זיי פון אויבן אַראָפּ מיט קליינע גישטיקע היעראָגליפן. טאָג און נאַכט אַרבעטן זיי אַרום דעם געשמאַק, אָן פאַרגרעסערונג-גלעזער, שיער נישט ווי די פלייסיקע שניצערס פון העלפאַנט-ביין, קנייטשן איין די פּאַפּירלעך ווי האַרמאָניקעס, שטעקן זיי אַריין צווישן די פינגער און שטודירן נאָך די שווערע טעכניק פון אַראָפּלייענען פון די פּאַפּירלעך. מען דאַרף זיך נאָר וווּנדערן, וואָס, נאָך אַזויפיל מאָל איבערשרייבן און איבערלייענען, האָבן זיי זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעלערנט די תורה אויף אויסנווייניק.

אייניקע שרייבן אָן אויף די טישן, האָפנדיק, אַז מען וועט זיי אַוועקזעצן גראָד ביי די טישן. אַנדערע ווידער טאַטוירן זייערע האַנט-פלאַכן מיט פאָרמולעס און כללים און גייען אַזוי אַרום מיט נישט געוואַשענע-הענט און צעשפּרייטע פינגער, כדי נישט אָפּצומעקן חלילה די גאַנצע חכמה זייערע.

צום ערגסטן איז, ווען די יונגען הייבן אָן ביי די עקזאַמענס זיך אויפצורעגן און צו שוויצן. דעמאָלט פאַרוואַנדלען זיך די אַזוי קונסט-פול באַמאָלטע האַנט-פלאַכן אין בילדער פון געקרייזלטע כמאַרעס.

דער אינספּעקטאָר לויפט אַרום אויף זיינע שטילע זוילן, גיט אַכטונג, פאַרצייכנט זיך אין זיכרון די חברה-לייט, און רייבט זיך באַצייטנס די הענט, מיט וועלכע ער וועט מאָרגן אַרויספירן פאַרן קאָלנער די אַלע באַוויצערס פון די צעטעלעך און אויסטאַטוירטע האַנט-פלאַכן.

מיר אַלע האַסן דעם אינספּעקטאָר, אפשר נאָך מער ווי דעם קוכער. מיר האַסן אים באַזונדערש דערפאַר, וואָס פאַר די נייע שילער איז ער אַן אמתער טורמע-וועכטער. די איבערגעשראָקענע קליינע יינגלעך הערן פון אים גראָבע זידל-ווערטער. דערפאַר אָבער שטופּט ער זיך אַריין מיט אַ זיסלעכן

שמייכעלע, מיט ווייכע אונטערטעניקע זשעסטן צווישן דער ליאַרעמדיקער חבֿרה עלטערע שילער.

מיר זאָגן:

— דער אינספּעקטאָר איז אַ פוקס. מיט די עלטערע פירט ער זיך אויף, ווי ער וואָלט געהאַט צו טון מיט לייבן, מיט די יינגערע, ווי זיי וואָלטן געווען האָזן.

איך געהער צו די, וואָס האָסן אים צומייסטן, ווײַל לויט מיין גרויס און מײַן פיזישער אַנטוויקלונג בין איך פאַר דעם אינספּעקטאָר נאָר אַ העזעלע.

ער איז אַ טעמפּער און אומגעדולדיקער מענטש, אָבער ער איז דעם דירעקטאָרס אַ קרובֿ, דעריבער פילט ער זיך זיכער אויף דעם פּאָסטן.

די עקזאַמענס צעטרייסלען די נערוון פון די אויפגערעגטע שילער. זיי זיצן איבער זייערע בויגנס און זעען גאָרנישט און הערן גאָרנישט. דער אינספּעקטאָר גנבֿעט זיך שטיל אונטער, שלעפּט אַרויס די האַרמאָניקעס מיט די צוגעגרייטע אָפּשריפטן און צערײַסט מיט אַ שטילן געוויש אויף פּיצלעך די רעזולטאַטן פון פילטאָגיקער אַרבעט.

די באַזיצערס פון די האַרמאָניקעס ווערן בלאַס, און פאַרלאָזן דעם צימער, שטיקנדיק אין זיך די טרערן, וואָס רײַסן זיך זיי פון די אויגן. זייער גורל איז שוין באַשלאָסן. זיי מוזן בלײַבן נאָך אַ יאָר אין דעם קלאַס. נאָך די עקזאַמענס קומען די חבֿרים זיי טרייסטן. זיי מאַכן זיך האַרץ און ענטפערן מיט גלייכגילטיקע שטימעס: — איבערבלייבן? אויך מיר אַן אומגליק! ס'איז גאָרנישט קיין אומגליק.

מאָרגן איז דער לעצטער עקזאַמען. די גאַנצע גימנאַזיע איז פאַרפלייצט מיט אַ כוואַליע פון באַזונדערש גרויסער אויפרעגונג. אויפגערעגטע פּנימער, געהיימנישפולע גרופּעס, שטילע געמורמלען און אַ קלינגען פון געזאַמלטע געלטער.

פײַערלעך, ווי געווינטלעך, גייען מיר אַלע דורך דער טיר אַרויס צום אָנהויב-שפּאַציר פון 5 ביז 6. אָבער קוים האָבן מיר פאַרלאָזט די געבײַדע, צעלויפן מיר זיך באַלד אין

אַלע זײַטן פון דער וועלט. אײניקע לויפן גיך אין שטאָט אַרײַן, כדי צו באַווײַזן נאָך צו דער צײַט צוריקצוקומען, אַנדערע לויפן צו די בײמער פון די נאָענטע דערפער. גרופּעסווײַז קו־מען מיר צוריק, צוזאַמענדיק אײנער דעם אַנדערן. מ׳ר גײען איבערן מיטן וועג, די הענט אין די טאַשן, מיט מיאוס אָפּ־שטײענדיקע פאַלדן פון די כאַלאַטלעך.

אין די שלאָפצימערן הערט מען אַ קלינגען פון גלעז־זערנע געשיר און אַ קוים פילבאַרן ריח פון רײַז־ווײַן און שטאַרקן בראָנפן. מיר האַלטן עס אַלץ באַהאַלטן ביז בײַנאַכט, אָפּקערנדיק זיך פון דעם אַלעם, ווי נאָר מיר דערהערן דעם אינספּעקטאָרס שטילע טריט. אָבער הײַנט און מאָרגן קוקן די אינספּעקטאָרן דורך די פינגער. אַזוי וויל דאָס געזעץ פון דער שול. די דאָזיקע נאַכט געהערן צו די, וועלכע זענען גליקלעך איבערגעקומען די עקזאַמענס.

אונזער אינטערנאַט געפינט זיך אין צוגעבײַ פון דער קוואַדראַטישער גימנאַזיע. די צימערן און צימערלעך — יעדעס מיט דרײַ אָדער צען בעטן — גײען אַרויס מיט זײערע פענצטער און טירן אויף אַ גרויסן גאַנעק. צווישן די זײַלן פון גאַנעק קען מען זען דאָס וואַסער פון יאַנגטסע.

געוויינטלעך דערוועגן מיר זיך נישט צו פאַרשליסן די טירן אויף בײַנאַכט, אַזוי אַז דער דורכשלײַכנדיקער אינספּעקטאָר קען שטענדיק פלוצלונג אַרײַנפאַלן אין צימער.

אויף זײַנע נאַכט־שפּאַצירן ציט ער אַראָפּ די קאָלדרעס פון די ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך איבערגעדעקט ביז איבערן קאָפּ, און לײַכט בײַ אַ בלאַס לעמפּעלע ביליקע מײַסע־ביכלעך, וועלכע זײ האָבן זיך אײַנגעהאַנדלט אויפן טײַאַנער מאַרק. ער הערט אונטער יעדן קלענסטן גערויש און כאַפּט באַלד, צי ס׳איז נישט אַמאָל אַ גערויש פון קאָרטן, קלאַפּן פון דאָמינאָ, אָדער קלינגען פון קלײַנגעלט.

אָבער מיר האָבן זיך אויסגעלערנט באַצײַטנס צו דער־שנאַפּן, ווען ער דערנענטערט זיך. געוויינטלעך קען ער הערן נאָר אַ גלײַכמאָסיק רויִק כראָפּען פון די בעזער, וואָס שטעקן

אַרויס איבער די קאָלדרעס. אָבער ווי גאָר זיינע טריט פאַר־שווינדן הינטערן אויסבייג פון דעם גאַנעק, פליִען אַראָפּ די קאָלדרעס און אַרום דעם טריבן נאַכט־לעמפּל פאַרזאַמלט זיך אַ קרײַז שפּילער אין געלט. די שפּיל איז ענלעך צו אײַער שפּיל אין „קאָפּ און שלאַק". אויף אַזאַ קליינעם קופּערנעם טסיאַן — פאַר צײַן טסיאַן גיט מען איין טונזער (איין גראָשן). מען טראָגט זיי אין שווערע ־קרענצלעך אויפן האַלדז — זענען אָנגעשריבן אויף יעדער זייט היעראָגליפֿן: אויף איין זייט כי־נעזישע, אויף דער אַנדערער מאַנדזשורישע.

בײַ אײַך זאָגט מען „קאָפּ און שלאַק", און בײַ אונדז זאָגט מען „טסי און מאָן". דער שפּילער לייגט דעם טסיאַן מיט דער זײַט אַרויף, אויף וועלכער ער שטעלט אײַן. די איינגעשטעלטע טסיאַנס קלינגען דורכאַנאַנד — סאַמע געלע־כּערטע טסיאַנס, זעלטן פאַלט אַריין צווישן זיי אַ טונזער. דער באַנקהאַלטער וואַרפט אַרויס זײַן טסיאַן און אין מיטן זײַן דרייען זיך פאַרדעקט ער אים מיט אַ שעלעכל. דער טסיאַן בלייבט ליגן, און אָדער די אײַנגעשטעלטע געלטער וואַנדערן אַריבער אין דער קעשענע פון וואַרפער, אָדער ער צאָלט אויס פון זײַן סומע די פאַרשפּילטע קופּערנע מינץ.

אייניקע האָבן גליק. די גימנאַזיסטן באַגריסן די געווי־נערס מיט געשרייען:

— האָ־האָ! דו געווינסט שוין דאָס זעקסטע מאָל!

איך שפּיל אויך. אָבער איך שטעל ווייניק אײַן. איך האָב פאַר די עקזאַמענס געקריגן צוויי דאַיאַן פון מײַן חודשלעכער פּענסיע, וועלכע די מאַמע האָט פאַר מיר איבערגעלאָזט. אָבער איך שפּאָר דאָס געלט. אויסער דעם האָב איך גלאַט קיין גליק נישט אין שפּיל.

אין דער לעצטער נאַכט קומט דער אינספּעקטאָר אפילו נישט צו צו אונדזערע טירן. זיי זענען סײַ־ווי פאַרשלאָסן. די שילער ליאַרעמען לוסטיק, ווײַן און בראָנפן ווערט וואָס אַ מאָל ווייניקער אין די פלאַשן. מיט גלאַנצנדיקע אויגן באַרימט זיך איינער פאַרן אַנדערן מיט זײַנע שול־דערפאָלגן. אַלע רעדן

װעגן זײערע פּלענער אױף דער צוקונפט. איך בין אױך בגילופין, איך רעד מיט אַ הױכער שטים. איך דערצײל מײַנעם אַ פֿרײַנד, אַז גלײַך נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע פֿאָר איך שטו־דירן אין אַ יאַפּאַנישן אוניװערזיטעט, װײל אַזױ האָט אין זײַן צײַט אױך געטאָן מײַן טאַטע.

מײַן פֿאַנטאַזיע, װאָס איז אַ ביסל אונטערגעװאַרעמט פֿונעם בראָנפֿן, אַרבעט אױך אין בעט:

אָט בין איך אין יאַפּאַן. אָט האָב איך שױן געענדיקט דעם אוניװערזיטעט און פֿאָר צוריק קײן טעיאַן. מען װײַלט מיך אױס אַלס בירגערמײַסטער. אַ מחנה געטרײַע װעלנער רינגלט מיך אַרום. איך הײס באַשטראָפֿן אַלע שלעכטע מענטשן און אומגעטרײַע באַאַמטע — אין דער ערשטער רײ דעם אינ־ספּעקטאָר פֿון אונדזער גימנאַזיע און דעם קוכער, אָבער אױך דעם דירעקטאָר, װעמעס קרובים זײ בײדע זענען.

21. דעם פֿעטערס סוד.

די עקזאַמענס האָבן זיך געענדיקט. אין אינטערנאַט פּאַקן אַלע די זאַכן. די קאַנצעלאַריע פֿון דער גימנאַזיע שטעלט אױס די צײַגענישן, באַרעכנט דעם דורכשניט פֿון די מײנונגען פֿון גאַנצן יאָר און פֿון די עקזאַמענס.

פֿרײלעך גײען אַרום די שילער, װעלכע האָבן הױכע ציפֿערן אין די צײַגענישן, — אַכציק, נײַנציק, הונדערט. גע־דריקט איז די שטימונג פֿון די שילער, װעלכע האָבן אױף די צײַגענישן די שרעקלעכע ציפֿערן נידריקער פֿון זעכציק. זײ טראַכטן, װי אַזױ אָפּצוגעבן די עלטערן און װי אַזױ די על־טערן װעלן זײ שלאָגן. די לאַנדסלײַט רעדן אָפּ צופֿאָרן צו־זאַמען אַהײם, און באַראַטן זיך װעגן דינגען שיפֿלעך באַ־שטעלן מוילאײזלען אָדער טסיאַאָס (פּאַלאַנקינען). אײנער שטעקט אַרײַן דעם אַנדערן זײַנע װיזיט־קאַרטן, אָדער צעטעלעך מיט אַדרעסן, מען שיקט איבער גרוסן, מען בעט נישט צו פֿאַר־

געסן, און מען זאָגט צו צו שרייבן. שילער פון אונדזער דאָרף איז דאָ דרײַסיק.

מיר באַשליסן צו פאָרן נישט מיט דעם געוויינטלעכן שיפל, נאָר צו דינגען אַ ספּעציעל שיפל פאַר דרײַ דאָלאַר. די צונויפגעזאַמלטע געלטער (אויף אַ קאָפּ מאַכט אויס אַ מאַל — פופציק גראָשן) גיבן מיר איבער אַ גרויסן קאָמבינאַטאָר, אַ זון פון אַ-סיאָן-שיער סוחר, אַ מייסטער אין דינגעניש, אַרויסקריגן ווײַן און אָפּנאַרן די לערערס.

די קוליט אַרבעטן שווער בײַ די רודערס, אָדער בײַם שלעפּן אונדז מיט שטריק. מיר באַמערקן זיי נישט. זיי אינטערעסירן אונדז נישט. צווישן אונדז איז נישטאָ קיין איין זון פון אַ קולי. אין גימנאַזיע גייען נאָר קינדער פון לערער, טוחרים, רייכע פויערים און באַאַמטע. די קינדער פון די קוליס לערנען זיך אין די אומזיסטע פילאַנטראָפּישע פאָלקשולן; קיין גימנאַזיעס איז פאַר זיי אײַנגאַנצן נישטאָ.

די באַנק אין שיפל איז ברייט ווי אַ טיש. עס שטייען אויף איר פּעקלעך מיט עסנוואַרג. ס'איז געווען בלויז אויסצושטרעקן די האַנט. מיר עסן גערן געזאַלצנס, נאָכן געכטיקן בראָנפן איבעלט עס אונדז אַלע.

אין די הענט פון אונדזערע מוזיקאַנטן קלינגען און ציטערן די כו-טסינס, און מיר זינגען מיט דינע שטימעס, גאָר ווי אין אַ טעאַטער, אונדזער באַליבט לידל:

דאָ-דאָ, רע-מי, רע-מי,

מי-לאַ, סאָל-מי.

רע-סאָל, סאָל-מי, רע-דאָ,

מי-רע-דאָ, לאַ-סאָל.

עס שורשען די שמאָלינקע פינגער-ברייטע קאָרטן, צוויי שפּילערס זיצן און שרייען אַרום דעם שפּיל „כאָ-טשין" — עפן די הענט. מען שטרעקט גלייכצייטיק אויס איינער דעם אַנדערן כמעט אונטער די אויגן עטלעכע פינגער פון אַ פּאַרמאַכטער פויסט און מען רופט אויס הויך אַ ציפער. אויב די

סומע פון בײדנס אויסגעשטרעקטע פינגער שטימט מיט אײנער פון די אָנגערופענע ציפערן, האָט דער, װאָס האָט די ציפער גערופן, געװוּנען; דעמאָלט מוז דער פאַרשפּילטער אויסטריג-קען אַ פול גלעזל בראָנפן.

באַטראַכטערהײט װערן גערוקט די שאָך-פיגורן. אין דעם שפּיל בין איך דער מײַסטער. אין דער גאַנצער גימנאַזיע איז נישטאָ קײן שאַכשפּילער, װאָס זאָל מיך האָבן באַזיגט. שי-כואַ — דער שאָך קיניג, רופן מיך אַלע.

פּאַוזע די ברעגעס זעט מען אַלטע פּרויען װאַשן גרעט. גליטשיקע שטיקלעך זײף גלאַנצן אין זײערע אויסגעקרימטע פינגער. מיט האַרטע באַרשטן פון באַמבוס אָדער װאַסער-טשע-רעט רײַבן זײ די נאַסע, בלױיִעכע טישטעכער, כּדי אַרויסצו-נעמען די פלעקן.

אין דעם אָרט לאָזט דער טײַך נישט דאָס שיפל זיך רוקן פאָרויס. מיר קריכן אַלע דרײַסיק אַרויס פון שיפל. מיר ליארעמען און שרײען, קלויבן אויף קלײנע בונטע שטײנדלעך און װאַרפן זײ אין װאַסער אַרײַן, באַמיִענדיק זיך צו טרעפן פונקט אין דעם אָרט, װו די אַלטע װײַבער בײגן זיך איבערן װאַסער. דאָס װאַסער פאַרשפּריצט די אַלטע, מיט צאָרן קערן זײ זיך אויס צו אונדז און רופן אונדז אָן מאַלפּעס. נאָך דעם װי די קוליס האָבן, קריכנדיק אויף אַלע פיר, דאָס שיפל אַרי-בערגעשלעפּט פון װילדן שטראָם אויף די רויִקע װאַסערן, קלעטערן מיר צוריק אַרײַן אין איִם. די שטײנדלעך פאַלן אַרויס פון אונדזערע קעשענעס אונטער די בענק אָדער מיט אַ פליעסק אַריבערן ראַנד אין װאַסער אַרײַן.

אָט איז שוין סיאַן-שי. אַ מענגע מענטשן װאַרט אָפּ אונדזער שיף. דאָס זענען קרובים.

פון אונדזערע בריװ װײסן זײ, אַז מיר קומען און זײ װאַרטן אויף אונדז מיט אומגעדולד. די פאָטערס באַמיִען זיך לויט דעם גלאַנץ אין די אויגן פון די אַרויסקלעטערנדיקע קינדער אָפּצולײענען, װאָס פאַראַ צײַגענישן זײ האָבן באַקומען. די מוטערס שטרעקן אויס זײערע הענט אַנטקעגן די קינדער

נעמען צו די פּעקלעך און גלעטן זייערע זין איבער די קעפּ.

דער ערשטער שפּרינגט אַראָפּ אונזער קאָמבינאַטאָר, דער סוחרישער זון. ער באַחײַזט קוים זיך מיטן פֿאָטער צו באַגריסן ווי געהעריק און באַלד איבעראַשט ער אים שוין מיט דעם נײַעס:

— פּאַפּאַ, דרײַ דאָלאַן האָב איך געמוזט באַצאָלן פֿאַרן שפּיל. כ'האָב געהאַלטן פֿאַר נישט פּאַסיק צו בעטן מײַנע חברים צו באַצאָלן פֿאַרן שפּיל. איך גלייב, אַז דו וועסט מיר אומקערן מײַן אויסלאַג — ס'איז געווען פֿון מײַן זײַט נאָר אַן איידלקייט.

דער טאַטע איז געריירט, ער שטעקט אַרײַן די האַנט אין טאַש און ציילט אָפּ אויף דעם ייִנגלס אויסגעשטרעקטער האַנט דרײַ זילבערנע מטבעות מיטן צייכן פֿון אַ דראַכן.

איך לויף אַרויס אויפֿן ברעג. דער פֿעטער וואַרט מיך אָפּ. ער זעט אויס פֿאַרזאָרגט. וואָס איז געשען? זאָרגט ער זיך צוליב מײַנע עקזאַמענס? איך האָב דאָך אים שוין געשריבן, אַז בײַ מיר איז אַלץ אין אָרדענונג. אָבער, אפשר האָט ער מיר נישט געגלייבט און האָט מורא, סאָמער האָב איך פֿון אײַן קעגנשטאַנד געקריגן די שרעקלעכע מײַנונג — זעכציק? ס'איז גענוג אַזאַ מײַנונג צו קריגן פֿון כינעזיש, מאַטעמאַטיק אָדער ענגליש, אַז מען זאָל בלײַבן אויף נאָך אַ יאָר אין וועלבן קלאַס. איך דערלאַנג מיט שטאָלץ דעם פֿעטער די צייגעניש, אונטערגעשריבן פֿון דירעקטאָר.

דעם גאַנצן ערשטן טאָג ליג איך אין דער הייב ווי אַ פֿיש אין מוטנעם וואַסער. ווי קען עס אַנדערש זײַן? איין נאַכט האָב איך געשיכּורט, די אַנדערע בין איך נישט געשלאָפֿן, פֿאַקנדיק די זאַכן און וואַרטנדיק אויפֿן פּאַפּאָר.

אָבער שוין אויפֿן צווייטן טאָג הייבן זיך אָן די געווײַנטלעכע וויזיטן. איך גיי צו חברים, אָדער זיי קומען צו מיר. פֿאַרגעסן זענען ביכער און העפֿטן. איך זיץ מיט אַ געקנייטשטן שטערן איבערן שאַך-ברעט אָדער פֿיר סטראַטעגישע מאַנעווורעס אויף דעם ברעטל פֿון „אוי-טי"-שפּיל, וואָס איז באַ-

דעקט מיט קליינע פעדערלעך. איך רינגל געשיקט אַרום מײַן קעגנער און נעם בײַ אים צו די שטיינער.

מיר אָרדענען אײַן שאָך־מעטשן, נאָכמאַכנדיק די דער־װאַקסענע, װאָס שפּילן אין די טעמפּלען און קלובן. עס גע־פעלט מיר. װאָס איך בין שטענדיק דער זיגער. שי־כוּאַ איז דער שטאָלץ פון אַלע סיאָן־שיער שאָך־שפּילער.

פאַרנאַכט גײ איך מיט די חברים שיפלען זיך אויף דעם בײַ־טײַך פון יאַנגטסע, װאָס איז געדיכט באַװאַקסן מיט באַמבוס. די לבנה איז קײַלעכיק און װײַס, װי שטענדיק אין דער העלפט פון כינעזישן חודש. אין איר שײַן װאַרפן די ברעגעס און די באַמבוס־װעלדלעך טונקעלע שאָטנס.

מיר פירן דאָס שיפל אין די שוואַרצע הײלן פון די טונקעלע ברעגעס. װײַסע לבנה־אָפּגלאַנצן טאַנצן איבער דעם טײַך, װי פעטס־אויגן איבער אַ יויך. מיר צעװיקלען די װענדקעס. איין חבר ציט אונטער דעם שװימער און זעצט אַרויף אַ װאָרעם אויפן האָקן. ער כאַפּט פיש, װאָס שװימען אויפן גרונט.

איך אָבער האָב זיך פאַרנומען אויף די פישלעך, װאָס שפּרינגען אונטער מיט אַ פּליעסק צװישן די פלעקן פון לבנה־דיקן שײַן. מײַן שװימער געפינט זיך נאָענט פון האָקן, און איך שטעק אַרויף אויפן האָקן אַ לײַכט, קלעפּיק רײַז־קערנדל.

אין שײַן פון דער לבנה קען מען לײַכט אונטערשײדן די טשערעטענע שװימערס. זײ שאָקלען זיך לײַכט, ציטערן, טוקן זיך אונטער און נאָך אַ װײַל פאַלט מיט אַ פּליעסקען אַ פיש אויפן דעק פון אונדזער שיפל. אויב דאָס פישל איז קלענער פון אַ פינגער, נעמען מיר עס אַראָפּ און װאַרפן צוריק אין טײַך. צו די גרעסערע פיש, װאָס זענען גרויס װי אַ האַנט, האָבן מיר מער אכטונג און מיר הערן מיט פאַרגעניגן, װי זײ צאַפּלען זיך אונטער דער באַנק. מיר נעמען זײ מיט זיך אַהײם. ביסלעכװײַז באַהאַלט זיך די לבנה הינטער די באַמבוסענע בלעטער־קרױנען. די שװימערס ליגן רויִק. די פיש זענען, װײַזט אויס, אַראָפּ צום גרונט.

מיר שװימען װײַטער. אויף מעכטיקע באַמבוס־שטאַנגען

זענען איבערן וואַסער צעהאָנגען די פישער-נעצן צום טריקע-
נען. זיי זענען אַזוי גרויס, אַז מען האָלט אין זיי געקענט
צווייִ העלפאַנטן אויסשטעלן. מיר פאָרן צו צום ברעג, לאָזן
איין נעץ אַראָפּ אין וואַסער ביז צום גרונט און ציִען זי מיט-
אַמאָל אַרויף. אין מיטן פון דער נעץ שפּרינגט אַרום אַ מענגע
קליינע פישעלעך אין שײַן פון דער לבנה. טראָפּנס פאַלן מיט
אַ פּליעסק אין וואַסער.

שפּעט ביינאַכט גיי איך דורך די שטילע גאַסן פון סיאַן-
שי. ביינע נ״רים וועקן אויף דעם פעטער. ער קומט אַרויס אַ
באָרוועסער, אַן אויסגעטועטער, מיט אַ צעבראַסטעטן העמד.

— ווו ביסטו אַזוי לאַנג געווען? פאַרוואָס קומסטו אַזוי
שפּעט אַהיים?

— איך בין געווען אויפן טייך. מיר זענען פאַרשוועמען
אין דעם באַמבוס געבלעטער און האָבן געכאַפּט פיש. — כ׳ווייַז
דעם פעטער אַ בינטל פעטע פיש, גלאַנציקע ווי קופּער.

דער פעטער שענקט זיי אפילו קיין בליק נישט. כ׳האָב
אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ טרויעריקן.

— זאָלסט נישט מער קומען אַזוי שפּעט ביינאַכט אַהיים.
ביסטו נישט, ייִנגל, אַביסל צעלאָזן געוואָרן?

איך שטיי אין פאַרלעגנהייט און קראַץ מיט אַ נאָגל די
שוכן. וואָס האָב איך דאָ געטון שלעכטס?

— ווייסטו, וואָס ס׳איז מיטן טאַטן?

עס ווערט מיר, ווי איך וואָלט הייס וואַסער אַראָפּגעשלונ-
גען. די פיש פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד. איך ווער בלאַס און
קאַלט ווי די לבנה.

— ער זיצט אין משענדו אין טורמע. דער דוטסיון כו האָט
שוין באַשלאָסן אים צו קעפּן. מיר האָט דאָס געשריבן אַ פריינד,
וועלכער באַמיט זיך אים צו באַפרייען.

אַ שרעק כאַפּט מיך אַרום. איך בין צעבראָכן און אויסער
זיך. וואָס האָב איך געטון? איך בין אַ פוסטער יונג, אַ שלי-
מזל!

— פאַרוואָס האָסטו עס, פעטער, מיר פריִער נישט גע־זאָגט?

— כ'האָב נישט געוואָלט דיר פאַרשאַפן קיין עגמת־נפש. כ'האָב מורא געהאַט, עמעצער זאָל זיך דערפון דערוויסן. ס'זײַנען איצט געפערלעכע צײַטן. די הענט האָבן צופיל אויערן.

דער טאַטע... טורמע... כו... קעפן... דער מאַמעס ווייס געזיכט... דער דוסטיון כו... דאָס בלוט פון דער געשאָסענער הון...

איך פאַל אויף דער ערד ווי פאַרשטיינערט. דער פעטער קלאַפט מיר אויפן רוקן. ער האָט מיטלייד מיט מיר. אויב ער וועט מיר נאָך איין ריר טון, וועל איך זיך צעוויינען, ווי דעם טאַטנס טרומנע וואָלט שוין געשטאַנען אין צווייטן צימער.

אָבער דעמאָלט וועט זיך דערופון דערוויסן דעם זיידנס גרויענקער ברודער, וועלכער איז בײַ אונדז צוגאַסט. ער איז צו אַלט, אַז נײַעס קען אים דערהאַרגענען. איך דערשטיק אין זיך דעם געשריי.

— גיי שלאָפן, — זאָגט דער פעטער.

איך קען נישט אַנשלאָפן ווערן.

דעם טאַטנס חבר גיט אונדז האָפענונגען אויף דער גי־כער באַפרייונג. און טאָמער אָבער זאָגט ער אַ ליגן? אפשר ליגט איצט, ווען ער טרייסט אונדז, שוין דער טאַטע אַ טויטער, ווי אַ קלאָץ אויף דעם שטיינערנעם דיל פון דער טורמע?

איך ליג מיט אָפענע אויגן. איך שטעל מיר פאָר דעם טאַטן, פון ראַנד פון זײַן אוניפאָרם־היטל ביז צום זוים פון זײַנע שוואַרצע הויזן. אַט גייט ער, די הענט אויף דער ברוסט געקרייצט, מיליטעריש אויסגעצויגן, אויף קיינעם נישט קוקנדיק, שווײַגנדיק אַרום איבערן צימער. אָט זיצט ער מיט דער שווערד, וועלכע האָט נאָר וואָס אָפגעקלונגען איבער די טרעפּ, און טראַכט וועגן זײַנע פאַרטייער, וועגן סון יאַט־סען *), דער

---

*) סון יאַט־סען — דער פירער אין אָרגאַניזאַטאָר פון דער כינעזישער רעוואָלוציע.

פּאָליציי־שול און יואַן שי־קאַיס מאַנדאַרינען, וועלכע זענען אַרויס אין קאַמף קעגן דער רעוואָלוציע. אַט אָ גייט ער אויפֿגערעגט איבערן צימער אַרום, ווי אויף אַ מיטינג, הייבט אויף די פֿויסט ביים סוף פֿון זאַץ און דערציילט דעם פֿונדערווייטנס געקומענעם גאַסט, פֿאַרוואָס און ווי אַזוי מען מאַכט אַ רעוואָלוציע. און איצטער ענטפֿערט ער איראָניש דעם עלטערן פֿעטער. דער פֿעטער בויט פּאַמעלעך שיינע זאַצן, אָבער באַלד ווערט ער פֿאַרשיכּורט און באַפֿאַלט דעם טאַטן מיט אַ האָגל זידלערייען. דעם פֿעטערס ווערטער פֿאַלן גיך נאָכאַנאַנדער, ווי שפּריכעס פֿון אַ לויפֿנדיקן ראָד. די רייד גייען איבער אין אַ שטאַמלע־ניש. מען קען מער גאָרנישט פֿאַרשטיין און מען הערט נאָר אַ שטאַמלען, צאָרנדיק פּייפֿן און שיכּור געוויין.

ביים פֿענצטער, ביים ליכט־שיין נייט און שווייגט, נייט און שווייגט די מאַמע, נישט אויפֿהייבנדיק צומאָל איר בליק אויפֿן טאַטן.

ווידער דערמאָן איך זיך וועגן בריוו. האָס דערפֿיל איך מיטאַמאָל אַזאַ קעלט אין מאָגן?

ווי וועלן מיר לעבן, ווען מען וועט דעם טאַטן קעפּן? איך בין נאָך אַ קליי ייִנגל. וועל איך קענען ענדיקן די שול? וועל איך נישט מוזן, ווי מיין שוועסטערקינד, זוכן אַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם? און דאָס שוועסטערל איז נאָך גאָר קליין, און דעם פֿאָטערס חובֿות ביי די איינוווינער פֿון דאָרף פֿון דער צייט פֿון זיין שטודירן אין יאַפּאַן? ווער וועט זיי באַצאָלן? וועלן מיר נישט אויסצאָלן די חובֿות, וועלן מיך אַלע פֿאַראַכטן. די דערוואַקסענע וועלן זיך פֿון מיר אָפּקערן און די ייִנגלעך וועלן אין גאַס אויף מיר מיט די פֿינגער טייטלען און פּאָמעראַנצן־ און באַנאַנען־שאָלעכץ מיר נאָכוואַרפֿן.

איך פּרוּוו מיר פֿאָרשטעלן אַן עקזעקוציע.

אַ שווערד... אַ שאָס... בלוט...

אָבער דאָס זענען אַלץ נאָר ווערטער. איך האָב נאָך

קיינמאָל קיין עקזעקוציע נישט געזען. כ'ווייס, אַז זי מוז זיין שרעקלעך. אָבער ווי שרעקלעך, ווייס איך נישט.

ווי אַ לעבעדיקערהייט איינגעשלונגענע מויז, טאַנצט אין מיר אַרום דאָס וואָרט „עקזעקוציע". וואָס זאָל איך טון? ס'קומט מיר צוהילף די פּאָעמע פון סו-פו, דעם באַרימטן דיכטער פון דער טאַנג-דינאַסטיע.

אַ מאַנדאַרין, וואָס איז געווען פול מיט האַס, האָט פאַר-מסרט דעם דיכטערס זיידן, אַ הויכן באַאַמטן ביים קייזער-לעכן הויף. באַשולדיקט אין פאַראַטן, איז סו-פו געוואָרן אַרעסטירט און ער האָט אין טורמע דערוואַרט זיין עקזעקוציע... פונקט אַזוי זיצט איצט מיין טאַטע אין זיין טורמע און וואַרט אויף דער עקזעקוציע. דער דרייצן-יאָריקער זון פון דעם אַרעסטירטן... דאָס איז דאָך כמעט מיין עלטער!... דער יינגל באַהאַלט אַ שטילעט אונטער די קליידער, גייט צום פיינד אויף אַ באַנקעט און דערשטעכט דעם מאַנדאַרין. אין דעם מאָמענט, ווען די וואַך-סאָלדאַטן צעהאַקן דעם יינגל, דעם נקמה-נעמער, אויף שטיקלעך, זאָגט דער שטאַרבנדיקער מאַנדאַרין: „כ'האָב קיינמאָל מיר נישט פאָרגעשטעלט, דער אַלטער זאָל האָבן אַזאַ זון. איך באַדויער, וואָס איך האָב אים אַרעסטירט. ער איז אומשולדיק. אויב איך מוז שטאַרבן, לאָזט אים פריי". דער מאַנדאַרין איז געשטאָרבן, ס'איז געשטאָרבן דאָס יינגל, אָבער דערפאַר איז דעם יינגלס טאַטע אַרויס אויף דער פריי. אַזוי דערציילט דאָס געדיכט.

איך טרוים: אָט בין איך דעם מאַנדאַרינס דרייצן-יאָריקער זון, מאָרגן דינג איך אַ טסיאַאָ און פאָר קיין טשענדו. איך קויף אין אַ קראָם אַ שטילעט, וואָס זאָל אַזוי שאַרף זיין, אַז ער זאָל שניידן האַלדז ווי אַ געקאָכטן קאַרטאָפל. כ'קום אַריין אין כוס זאַל. איך זאַרמעסט זיך און פאַרקריץ די ציין. כו — ליגט אויפן דיל. איבער מיין קאָפּ פייפן די זעלנערס שווערדן און דורכן פייפן פון די שווערדן הער איך די שטים פון שטאַר-בנדיקן גובערנאַטאָר: „באַפרייט דעם יאַ-פון".

פון בלוט-אָפּפלוס ווער איך לייכט, דורכזיכטיק. ס'איז אַזוי

גוט צו שטאַרבן פאַר אַ טאַטן! די פרייד זייגט זיך אַרויס דאָס לעבן פון מיין האַרץ.

דעם טאַטנס פעסטע טריט שפּאַנען אַריבער מיין אויפן דיל אויסגעצויגענעם גוף, איך זע גאָר דעם טאַטנס קין. ער קוקט נישט אויף מיר און גייט שנעל אַרויס...

אויף דער טונקל-ברוינער וואַנט פון צימער שימערירט בלוילעך דער פאַרהאַנג איבערן פענצטער. דער טרוים צערינט. דער שפּרייזנדיקער טאַטע ציט זיך צוריק און פאַרשווינדט אין געפענגעניש, מען הייבט מיך אויף אַ פאַרבלוטיקטן און לייגט מיך צוריק אויפן בעט. כ׳פליט איבער די שוואַרצע בערג אינ־דערלופטן קיין טשענדו, ער לעבט.

די אויפגאַבע איז נישט געלייזט. דער שיין־געוועבטער טרוים ווערט צעריסן ווי אַן אומגעלומפּערטע און שלעכט צו־געגרייטע קלאַס־אַרבעט. שטייף און אכזרדיק שטייען ווידער אויף זייערע פּאָסטנס: אויפרעגונג, שרעק, דערוואַרטונג, צאָרן, שלאָפלאָזיקייט און הילפלאָזיקייט.

וויפל מאָל און ווי גערן בין איך אין געדאַנק געשטאָרבן פאַר מיין טאַטן אין דער נאַכט! וויפל מאָל איז אין דער נאַכט געפאַלן פאַר מיר דער געקעפּטער טאַטע, אַ בלאַסער און דורכזיכטיקער, אונטער דער האַק פון הענקער!

אין דער נאַכט האָט זיך כוס נאָמען אַזוי שטאַרק איינ־געקריצט אין מיין זיכרון, ווי דער נאָמען פון געליבטע מענטשן.

איך מוז אים דערהאַרגענען. כ׳וועל נעמען נקמה פאַר מיין טאַטן, איך וועל כאָטש שוין טרעפן.

דער מעסער, וועגן וועלכן כ׳האָב די נאַכט אַזויפיל גע־טרוימט, האָט אַן מי געשניטן זיידענע געוועבדער און דורכ־געהאַקט ריפּן, ער איז געוואָרן גוט געשליפן אין דער נאַכט און פאַר מיר איז ער געווען נאָך שאַרפער פון יענעם מעסער, מיט וועלכן די מומע האָט צעשניטן מיינע פיס.

אַ בלאַסער, אָבער ווי נייגעבוירן, בין איך צומאָרגנס אַרויס פון מיין צימער. אין דער נאַכט האָט זיך מיין

ליבן געענדערט. איך קלער, אַז דאַן האָט זיך געענדיקט מײַן קינדהײט.

איך גיי נישט מער שפּאַצירן מיט מײַנע חברים. זיי קומען און רופן מיך, פּײַפן צו מיר און שרײַען.

די פּעריאָדן װערן קורצע. װידער טראָגן אונדז די שפּיציק־שנאָבלדיקע שיפלעך צוריק קיין טעיאַן. כ׳נעם צוזאַמען מײַן גאַנצע ענערגיע, פאַרטאָפּל די אָנשטרענגונג, לערן אויסנװייניק אַ זײַט נאָך אַ זײַט, שטיף נישט מיט קײנעם, שפּיל נישט אין שאַך, שלעפּ זיך נישט אַרום, און בײַ די נאַכט־שפּילן אין געלט הערט מען מיך נישט רופן „מאַן".

װען מײַנע חברים גייען פאַרבײַ מיר, װאָס זיצן אָן איבעררייס איבער די ביכער, גיבן זיי מיר אַ שנעל אין נאַקן און לאַכן פון מיר:

— נישטאָ מער דער אַמאָליקער שי־כוּאַ, זײַן אָרט איז מער נישט אין שול, נאָר בײַ די מיידלעך.

איך ענטפער נישט. ס׳װערט זיי נימאס און זיי גייען אַװעק.

22. די שפּיטמאַמע

דער לבנה־יומטוב איז דער ערשטער יומטוב אין האַרבסט.

אין דער נאַכט פון 15־טן פון כינעזישן אויגוסט איז די לבנה צום קײַלעכיקסטן. דריי טעג געדויערט דער יומטוב. אין אַלע קיכן באַקן די באַלעבאָסטעס װײַצענע קיכלעך אין דער פאָרם פון אַ לבנה, רײַבן ניס און װיקלען אײַן דאָס ניסרײַבעכץ אין דעם טייג פון די קיכלעך. ס׳קומען געסט און מען שענקט זיך קעגנזײַטיק קיכלעך פון די קאָמישסטע פאָרמען. פון פריִען מאָרגן אָן גייען צוגאַסט דורכן דאָרף יינגלעך אין זײַדענע יומטובדיקע כאַלאַטלעך און אין באַגלייטונג פון דינערס, װאָס טראָגן טאַצן מיט קיכלעך.

איך בין אומגעדולדיק:

— פעטער, ס׳איז דאָ עפּעס נייעס פון טשענדו?

— יאָ, זייער גוטע! ס׳איז אָנגעקומען אַ בריוו. מ׳וועט דעם טאַטן באַפרייען. מיר מוזן דינגען אַ ניי הויז. דער טאַטע קומט דאָך מיט דיין שטיפמאַמען. עס וועט נישט זיין, ווי זיי אַהינצוטון.

מען לאָזט אַרויס דעם טאַטן! דער טאַטע קומט צוריק! צום ערשטן מאָל זינט לאַנגע חדשים פיל איך אַ גרויסע פרייד.

איך גיי אַרום ווי אַ צאַפּלענדיק לעמפּל: אָט פריי איך זיך איבערן טאַטנס באַפרייונג — און אָט שרעק איך זיך פאַר דער שטיפמאַמען.

מיר האָבן שוין געפונען אַ ניי הויז. מיר האָבן ענדלעך אויך אַ גאָרטן ביים הויז מיט שיינעביימער און אַ באַסיין. אין באַסיין — פישלעך. אַ גאָרטן נעבן הויז איז שוין לאַנג געווען מיין טרוים.

דאָס נייע הויז איז טייערער פון אַלטן. עס קאָסט 10 דאַיאַן אַ חודש. דאָס איז ערשטנס דערפאַר, וואָס עס איז גרעסער פון אַלטן הויז, און צווייטנס, ווייל אַלץ איז איצט טייערער און ס׳איז שווער היינט צו קריגן אַ הויז פאַר 3—4 דאַיאַן אַ חודש, ווי מיט פינף יאָר צוריק. אונדזער ערשט הויז אין סיאַנשי — דאָס איז מיין קינדהייט. דאָס ניי־געדונגענע הויז איז מיין יוגנט, די יאָרן פון מיין רייף ווערן.

אין אַ האַרבסטיקן טאָג, ווען מיר אַלע קנעלן אין דער שול, פאַלט אַראָפּ אויף מיין טיש דעם פעטערס אַ בריוול:

„דער טאַטע איז צוריקגעקומען. מיר וווינען שוין אין נייעם הויז. נעם אורלויב פון גימנאַזיע און קום צו פאָרן".

דער אינספּעקטאָר איז פאַרוווּנדערט:

— דיין טאַטע? דען יאַ־פו? גאַטירלעך דערלויב איך דיר. דו קענסט פאָרן.

ער ווייסט נישט מסתמא, אַז דער טאַטע איז אַריינגעפאַלן אין אומגעגנאָד.

די טשענדוער טורמע האָט די שרעקעוודיקע אַכטונג פון די טעיאַנער פאַר מיין טאַטן נישט פאַרמינערט.

ווידער קומט דאָס שיפל און דער יאַנגכסע, די קלעפ פון די רודערס און דער געברום פון די רודערערס און זייערע פון שווייס גלאַנצנדיקע געשפּאַנטע מוסקלען.

אונטערוועגס חיל איך גערן טראַכטן וועגן פאָטער, אָבער ווי צום טראָץ טראַכט איך נאָר וועגן דער שטיפמאַמען. איך וויל זי נישט זען. און טאָמער נעמט זי מיך גאָר פון שול אָפּ? טאָמער זאָגט זי גאָר צום טאַטן: מיר זענען צו אָרעם, גיב אָפּ שי-כואַן פאַר אַן אָנגעשטעלטן אין א קראָם?

טרויעריק גייט אויס דאָס זון-ליכט אויף מיינע קליידער. איך שטיי פאַרן טויער פון נייעם הויז. די באַנגעניש, חאָס חאַרט אויף מיר, ליימט מיינע גלידער. איך בין נישט אימשטאַנד אַריינצוגיין. איך האָב מורא א הוסט צו טון. מיין הוסט קומט מיר פאָר חי א דונער: די ווענט פון הויז קענען נאָך איינפאַלן, די מענטשן — זיך צעלויפן און מיין גורל איז אַנטשידן...

— אָבער איך קען דאָך נישט קומען אין דאָרף נאָר אויף צו באַקוקן די ריצן פון די טיר-ברעטער.

אין פאָדערצימער קומט מיר אנטקעגן די אַמא, די אַלטע ניאַניע מיט שי-קוען אויף דער האַנט. כ׳האָב זי שוין לאַנג נישט געזען, זי איז זייער מאָגער. אַלץ איז אויף איר ניי: פון היטעלע ביז די שיכעלעך. זי איז זייער צופרידן. ווי זי דערזעט מיך, צעקוויטשעט זי זיך איבערן גאַנצן הויז:

— האָ-האַ, לאי-לא! האָ-האָ לאי-לא! ברודער איז געקומען!

איך פרעג זי שנעל און שטרענג:

— מיט וועמען ביסטו געקומען? ווער האָט דיר געגעבן די נייע קליידער?

— די נייע מאַמע.

איך בין צום ערשטן מאָל אין נייעם הויז. כ׳ווייס נאָך נישט, ווו די צימערן ליגן. איך קוק זיך אומזיכער אַרום. די אַמא מיטן שוועסטערל אויף דער האַנט גייט פאַר מיר. דער טאַטע זיצט מיטן רוקן צו מיר געווענדעט ביים

פענצטער און לייענט א בוך. נעבן אים זיצט אן אומבאַקאַנטע פרוי און שטריקט קינדער־שיכעלעך.

דאָס איז זי — טראַכט איך.

דער טאַטע דרייט זיך אויס צו מיר אַן אַ שמייכל. זײַן פּנים איז מאָגערער און טונקעלער געוואָרן, בלוילעכע זעקעלעך הענגען אים אונטער די אויגן. ער ווייזט אַן אויף דער פרוי (זי האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּנים און אַראָפּגע־לאָזט די שיכעלעך אויף די קני) און זאָגט: „דאָס איז דײַן שטיפמאַמע".

איך פאַרנייג זיך און זאָג העפלעך:

— צין־אַן, וואָס מאַכט איר?

זי איז קליין און זעט אויס קרענקלעך, זי האָט אַן אײַנ־געפאַלענע ברוסט, כמעט ווי די מאַמע. זי טראָגט אַ שוואַרצן קאַפטאַן און אַ שוואַרצן ראָק, זייער באַשיידן. די מאַמע איז אויך געווען באַשיידן. פּיס האָט זי קלייניקע, אַ סאַך קלע־נערע ווי די מאַמע. וואַרשיינלעך האָט מען זיי איר קינדהייט באַנדאַזשירט. אַ פּנים האָט זי נישט קיין פאַרשלאָפּנס, נישט קיין אָנגעבלאָזנס, נישט קיין טעמפּס, זי האָט "עבעדיקע און קלוגע אויגן. איז זי אויך אַזוי געבילדעט ווי די מאַמע? זי רעדט זייער אַ סאַך. די מאַמע איז געווען קאַרג אויף רייד. איר שטים איז פריינדלעך, איר שמייכל אויפמערקזאַם און דורכדרינגענדיק. און דאָך געפעלט זי מיר נישט.

זי פרעגט מיך, צי כ'האָב שוין געגעסן, צי כ'וואָלט נישט געוואָלט עפּעס איבערבייסן און צי דאָס לערנען אין שול איז נישט שווער. נאָך דעם כאַפּט זי אָן מיין האַנט און דער־לאַנגט מיר אַ באַנקנאָט פון 10 דאיאַן. (ס'איז אָנגענומען, אַז אַ שטיפמאַמע דאַרף עפּעס שענקען אירע שטיפקינדער ביי דער ערשטער באַגעגעניש). איך נעם דאָס געלט און קען נישט טרעפן מיט דער האַנט אין טאַש, אַזוי צעטראָגן בין איך. זי זאָגט:

— איך ווייס נישט, ווי פל שטאָף דו דאַרפסט אויף אַן אָנצוג. איך קען נישט דיין מאָס און ווייס אויך נישט, וועלכע

שמאָך ס׳געפּעלט דיר. זוך דיר אַליין עפּעס אויס לויט דיין געשמאַק און קויף, וועל איך דיר אויפניייען אַן אָנצוג.

איך פאַרנייג זיך, זאָג רויִק „סע־סע״ — „איך דאַנק אייך״ און באַרויִק זיך אַביסל.

ווי אַ טייך אין ים אַריין, פאַלט אַריין דער עלטערער פעטער פול מיט באַגייסטערונג. ער וויינט אָנש פון פרייד צו־ליבן טאַטנס צוריקקומען און קוקט אויף אונדז מיט גלאַנצנ־דיקע אויגן. ער גריסט דעם טאַטן אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער:

— דו ביסט יונג, דער יאָ־פּי, דו פאַרשטייסט נישט דאָס אַלץ, וואָס איך, אַן עלטערער, ווייס. אַלץ, וואָס האָט דיך געטראָפן, איז אַ פאַרדינטע שטראָף דערפאַר, וואָס דו האָסט פאַראַטן דעם קייסער. ווען דו וועסט מיר איצט נישט גלייבן און וועסט אויך ווייטער נישט לייגן קיין שום אַכט אויף מיינע רייד, וועט דיך גאָך ערגערס טרעפן.

דער טאַטע שמייכלט:

— מיר זענען ברידער. מיר האָבן זיך שוין לאַנג נישט געזען. לאָמיר עפּעס אויסטרינקען און רעדן וועגן אַנדערע זאַכן.

דער טאַטע פירט דעם פעטער אַריין אין עסצימער און ווייזט אים אָן דעם אויבנאָן מיטן פּנים צו דער וואַנט, ווו עס שטייט געוויינטלעך ביי אָנגעזעענע פאַמיליעס דער מזבח — דער שען־קאַן. ביי אונדז איז אַזאַ מזבח נישטאָ. מיר האַלטן דערפון נישט. מיר זענען פרייַדענקער.

עס קומען אָן באַדנע טעג. יעדעס הויז אין דאָרף ווייסט, צו וואָס עס שטרעבט. אין יעדן הויז ווערט געמאַכט אַ פּלאַן אויף דער צוקונפט: אין דעם און דעם טאָג וועט מען פאַר־פלאַנצן נייע מאַנדאַרין־ביימער, אין דעם און דעם טאָג וועט מען שיקן דעם זון אין שול אַריין, חתונה מאַכן די טאָכטער, פאַרקויפן דאָס הויז און אַריבערפאָרן אין שטאָט אַריין... נאָר אונדזער הויז ווייסט נישט, וואָס ס׳דערוואַרט אים.

מיטן טאַטן פיר איך נישט קיין שמועסן. כ׳דערוועג זיך

נישט צוצוגיין צו אים מיט פראַגעס. און ער האָט אויך נישט פאַר נייטיק צו פאַרפירן מיט מיר אַ שמועס.

דער טאַטע שווײַגט. אפשר האָט ער מורא פאַר שפּיאָנען? ער האָט אויסגעטון זײַן רעקל און אָנגעטון אַ לעכערלעכע עפּעס ווי אַ באַפליגלטע יאַפּאַנישע קימאָנע און שפּילט פון אינדערפרי ביז בײַנאַכט מיט די שכנים אין מאה־יאָנג. מען שטעלט אײַן קלײנגעלט. דאָס פאַרשפּילן איז נישט געפערלעך פאַר אונדזער קאַסע. מאה־יאָנג איז אַן אָנגענעמע שפּיל. מען דאַרף דערבײַ נישט רעדן. שווײַג, אָדער זאָג די צטלעכע, ווי וואַסערטראָפּנס ענלעכע צו זיך, ווערטער פון שפּיל.

— מיך אינטערעסירט דער דינער וואָן, וואָס איז דעם טאַטן געבליבן געטריי.

ווען עס זיצן געסט אין עסצימער, איז וואָן דער באַ־דינער. ער דערוועגט זיך קײנמאָל נישט צו זעצן בײַם טיש, אויפן טאַטנס קלענסטן ווונק קומט ער צו לויפן און לייגט צו זיין אויער צום טאַטנס ליפּן. די געסט, וואָס קומען אונדז באַזוכן, לייגן קיין אַכט נישט אויף וואָנען. ער איז אַ דינער, אַ זאַך, אַ שטיק לופט. טענטשן זענען נאָך אַלץ געוווינט צו זען אַרום טאַטן אַ דינער.

אָבער טײלמאָל, ווען ס'איז נישטאָ קיין געסט, זיצט דער טאַטע לאַנג מיט וואַנען אין צימער, זיי באַראַטן זיך און דערמאָנען די פאַרגאַנגנהייט.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן גייט וואַן מיט אַ פּעקעלע אונ־טער דער האַנט אַרויס פון שטוב, דינגט אַ שיפל און באַצאָלט ביז צו דעם האַפן פון די דאַמפּערס. וואַן, דעם טאַטנס פאַר־טיי־חבר, פאָרט אין שליחות פון אומדערמידלעכן דען יאַ־פּו צו דער צענטראַלע, כּדי צו וויסן צו געבן, ווי ס'איז די לאַגע אין סעטשואַן.

23. מען רעדט מיר אַ שידוך

איינער נאָכן אַנדערן פאַרגייען די טעג, וועלכע איך פאַרברענג אין דער טעיאַנער שול אָדער אין אונדזער דאָרף, צוגאַסט ביי מיין חברטע טשען צאי־אין. אַ לעבעדיקע, אַ לוסטיקע, שטענדיק פול מיט מוזיק, וואַקסט אונטער צאי־אין. די שטיפמאַמע האָט זי ליב און זאָגט:

— דו ביסט פאַר מיר ווי אַן אמתע טאָכטער.

ווען די שטיפמאַמע האָט עפּעס צו ניייען, העלפט איר צאי־אין. אויך דער שווייגנדיקער און שטרענגער טאַטע קוקט אַמאָל אָן מיט פריינדלעכע אויגן דאָס קליינע שטענדיק באַשעפטיקטע מיידל. ווען איך בין אינדערהיים, איז זי גאַנצע טעג ביי אונדז.

איך פאַרברענג נאָר מיט איר. מיר וואַקסן כמעט צוזאַמען. איך בין אַלט 15, זי 13 יאָר. פון די שטיפערייען אין די פריערע יאָרן איז געוואָרן אַ שטילע פריינדשאַפט צווישן אונדז, פול מיט אויפמערקזאַמקייט. אפשר איז עס ליבע, דאָס וואָס וואַקסט דאָ אַרויס? מיר איז דאָס וואָרט דעמאָלט נישט איינגעפאַלן. יעדנפאַלס האָט אונדז פאַרבונדן אַ טיפע פריינדשאַפט.

שעהן־לאַנג קענען מיר זיצן איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן, נישט אָנרירנדיק זיך אַפילו מיט אַ פינגער. זי שפילט אויף אַ פלייט און זינגט שטיל אונטער צאַרטע לידער. איך שרייב מיטן פענדזעל צאַרטע לידער אויפן פאַפיר. אָבער אין די לידער איז מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט פון איר. נאָר פון אַלע מעגלעכע זאַכן: פון וואָלקנס, פון זשוקעס אין לבנה־שיין, פון העלדישע מיידלעך פון די אַלטע לעגענדעס און פון די וועט־געיעגן פון די שיפלעך אין טאָג פון דראַכן־יומטוב.

איך בלעטער אין געדאַנק די דיקע ביכער פון די פּאַרטייטיקע דיכטער, און לויט זייער מוסטער בוי איך קונסטפולע זיילן פון צאַרטע פערזן אויפן פאַפיר.

צאי־אין זינגט און איך קיי דעם אויבערשטן שפיץ פון

פענדזעל און טראַכט, מיט וואָס איך זאָל איר געוואַגט פאַרגלייכן: מיט דעם סאָלאָווי, אָדער מיטן געזאַנג פון דער טין־לין־ציו („גאָלדענער גלאָק" — קליינע פלאַטערנדיקע זשוקעלעך, וועלכע מען באַהאַלט אין שאַכטעלעך און לייגט אונטערן קישן, כדי צו קענען אָנגענעם איינשלאָפן).

איך מוז לאַנג בײַסן דעם פענדזעל. ווייל „סאָלאָוויי" פּאַסט טאַקע, אָבער „טין־לין־ציו" איז אַ נישט ווייניקער חויל־קלינגווואַריקער פאַרגלייך, וועלכן אַן אַלטער דיכטער האָט שוין אַמאָל אויסגעפונען.

דער טאַטע קומט צוריק אַהיים מיט זיינע אַפּטיילן אין שפּעט־האַרבסט 1917. ער איז מיד און נערוועיִש.

די רעוואָלוציע וואַקלט זיך. זי אַנטוויקלט זיך נישט אַזוי, ווי ער וויל. מען קען נישט מאַכן אַ רעוואָלוציע בלויז אין סעטשואַן, ווען די איבעריקע פּראָווינצן שווייגן.

ווידער באַהײַזט זיך די האָניק־זיסע שדכנטע אין אונדזער הויז. זי שמועסט שטיל און לאַנג מיט דער שטיפמאַמען און גייט אויך אַמאָל אַרײַן אין טאַטנס צימער.

מיר געפעלט דער שדכנטעס קומען. איך פאַרשטיי נישט אינגאַנצן גוט, וואָס זי וויל. נאָר כ׳האָב אַן אײַנדרוק, ווי מען וואָלט אין צווייטן צימער געגרייט פאַר מיר אַ באַזונדערש אומדערוואַרט, אַ באַזונדערש דערפרייענדיק געשאַנק.

די שדכנטע זיצט נישט לאַנג ביים טאַטן. זי קומט אַרויס. דער האָניק פון אַר שמייכל איז פאַרשוווּנדן. מיט שטאַרק פאַררויטלטע באַקן רופט מיך צו די שטיפמאַמע און זאָגט:

די שדכנטע האָט געבעטן ביים טאַטן אַ דערלויבניש אויף דײַן חתונה מיט צאַי־אין. ווייסטו, וואָס דער טאַטע האָט גע־ענטפערט? ער האָט געזאָגט: הגם איך מיש זיך חייניק אין די שטוב־זאַכן און ווייס נישט גענוי, צי די חתונה איז נייטיק און מעגלעך, דאָך בין איך פערזענלעך געגן דעם. איך קען צו גוט דעם מיידלס פאָטער. ער איז אַ באַאַמטער, וואָס האָט די ערגסטע פעלערן: ער נעמט כאַבאַר, האָט ליב חניפה, און איז אַ געפיללאָזער און גרויזאַמער עגאָיִסט. לויט מיין דערפאַ־

רונג, זענען די קינדער נעראָטן אין די טאַטעס. אַזאַ שידוך
קען פאַרדאַרבן דעם כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציאָנערס זון.
בעסער וואָלט מיך דער טאַטע מיט הינדערט שטאַרקע קלעפּ
פון דער באַמבוס-ווירע געהיטן די האַנט צעזעצט אויף פּיצלעך:
בעסער וואָלט ער מיך דערשאָסן, ווי די הון, וואָס איז דע-
מאָלט אַרויסגעשפּרונגען אויפן טיש — איידער צו רעדן אַזעל-
כע רייד וועגן דער צאַרטער, שוואַכער און העלפלעכער צאַי-אין.
מיר איז געווען, ווי דער טאַטע וואָלט מיך מיט זיין
שווערד צעשניטן אויף צוויי העלפטן.
די שטיפמאַמע זעט מיין גידערגעשלאָגן פּנים, מיינע צי-
טערנדיקע פינגער, און די ציין, וואָס בייסן די ליפּן. זי זאָגט:
— שי-כואַ, גיי אַריין צום טאַטן, גיי אַריין און זאָג
אים, אַז דו טראַכסט אַנדערש וועגן דעם
איך מאַך איין טריט און בלייב שטיין. גיין צום טאַטן?...
קוקן דרייסט אין זיינע אומבאַרעמהאַרציקע אויגן און זאָגן,
אַז איך טראַכט אַנדע-ש? פאָדערן פון אים די צאַי-אין פאַר
מיר? מיין ווילן אָקעגנשטעלן דעם טאַטנס?
דאָס בין איך נישט אימשטאַנד. דער טאַטע איז פאַר
מיר מער ווערט ווי אַלע כּלות אויף דער גאַרער וועלט,
מער ווי די שול, מער ווי דער אָנדענק פון דער מוטער. איך
בין אויף אַלץ גרייט, נאָר נישט קעגן טאַטן אַרויסצוטרעטן.
כ'גיי צו צום פענצטער און באַמי זיך אין מיין פאַר-
צווייפלונג אויסצוזוכן אַ פאַרענטפערונג פאַרן טאַטנס האַנדלונג.
ער האָט דערפאַרונג, ער פאַרשטייט בעסער פאַר מיר,
וואָס מען דאַרף טון. פון וואַנען ווייס איך, צי איך האָב ליב
צאַי-אין אָדער נישט? אפשר רעד איך מיר עס איין און מיר
זענען בלויז פריינד? איר טאַטע איז ווירקלעך אַ פאַסקודנער
מענטש. פינצטער און בייז זאָג איך:
— נו גוט. זאָל זיין ווי דער טאַטע וויל.
דעם טאַטנס אָפּזאָג טרעפט מיך שווערער ווי אַ קראַנ-
קייט, פון דעם טאָג אָן הייב איך אָן צו פאַרגעסן דעם וועג
צו די טשענס.

צאַי-אין קומט יעדן טאָג. זי איז שטענדיק רירעוודיק, זינגענדיק, אַרבעטזאַם און לוסטיק, מיט אירע שיינע אויגן אין איינגעבוירענעם שמייכעלע.

איך דערצייל איר נישט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. זאָל נאָר די שדכנטע נישט דערציילן. זאָל זיך נאָר נישט צעגיין די פּליאָטקע איבער די גאַסן פון סיאַן-שי.

די שדכנטע שווייגט.

דעם טאַטנס אָפּזאָג באַטייט פאַר איר אַ דורכפאַל אין פאַך. פאַרוואָס זאָל זי עמעצן דערציילן וועגן אירן אַ דורכפאַל. דאָס וועט נאָר קאַליע מאַכן דעם גוטן נאָמען פון איר פירמע.

מיט צאַי-אינס שטים באַהעפט זיך אין אונדזער הויז נאָך איין מיידלשע שטים. דאָס איז די שטים פון מיין שוועסטערל קוען. קוען איז שוין אויסגעוואַקסן. זי איז צאַי-אינס חברטע. זי לויפט אין שול אַריין און ברענגט די שטיפמאַמען פבר אירע שריפטלעכע אַרבעטן אַהיים „אייער". זי איז שוין אַלט נײַן יאָר.

צאַי-אין שפּילט אויף דעם באַמבוס-פלייט און קוקט מיר אין די אויגן. קיין שום פאַרראַכט דערוועקט זיך נישט בײַ איר.

24. מישפּט אונדז!

נאַכן באַקאַנטן סקאַנדאַל מיטן צעברעכן די טעלערס, איז דעם קוכערס זעלבסטהערשאַפט געוואָרן געבראָכן: צוויי פאַרשטייער פון די גימנאַזיסטן פלעגן קאָנטראָלירן די קיך.

אין ערשטן יאָר האָבן זיי גוט געאַרבעט און נישט דערלויבט דעם קוכער צו געבן פאַרלעגערטן רייז אָדער קלענערע פּאָרציעס. דעם קוכער איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן. ער פלעגט פאַר די קאָנטראָלערן אָפּלייגן די בעסטע פּאָרציעס. מיט דער צייט זענען די טאַשן און די באַקן פון די קאָנטראָלערן געוואָרן גרעבער, דאָס עסן אָבער — ערגער.

די חברים האָבן באַמערקט, אַז דאָס עסן ווערט מיט יעדן טאָג ערגער. זיי האָבן זיך אָבער נישט געכאַפּט, אַז דאָ זענען שולדיק די קאָנטראָלערן. איך האָב דאָס גלייך באַמערקט און האָב פּראָטעסטירט. איך האָב פּיינט דאָס נעמען לאַפּוווקע, היינ-טער וועלכער עס באַהאַלטן זיך שטענדיק פּחדנות און פּאַרעטע-רישע געמיינקייט.

אָבער די קאָנטראָלערן האָבן געהאַט זייערע אָנהענגער, מיט וועלכע זיי פּלעגן טיילן די לאַפּוווקע.

איך שווייג נישט. איך אָרגאַניזיר אַ בונט און באַלד ווערט די גאַנצע שול צעטיילט אין צוויי פיינדלעכע לאַגערן. מיר האָבן אַ מערהייט, אָבער ס'איז נישט גרינג די קאָנטראָלערן צו באַ-זייטיקן, ווייל מיר האָבן נישט קיין באַווייזן.

איינמאָל ברענגט מיר איינער פון אונדזער לאַגער עט-לעכע צעטלען, וועלכע דער קוכער האָט אָנגעוואָרן, איילנדיק זיך צו אַן אויסלויפנדיקן קעסל. דאָס זענען רעכענונגען פון די טאָג-אויסגאַבן און צווישן די אויסגאַבן איז דאָ איינע אַזאַ: אַזויפיל און אַזויפיל טונזער געבאָרגט די קאָנטראָלערן.

איך אָרגאַניזיר גלייך אַ פאַרזאַמלונג פון אונדזערע אָנהענ-גער. שפּיאָנען פון קעגנערישן לאַגער פּרווון זיך אַריינצובאַקומען, אָבער אונדזערע היטערס לאָזן זיי נישט אַריין.

מיר באַשליסן צו גיין צום דירעקטאָר. זאָל ער די זאַך אויספאָרשן. אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די שילער האָבן ווירקלעך גענומען לאַפּוווקע, מוזן זיי פון דער שול באַזייטיקט ווערן.

דער דירעקטאָר דרייט די צעטלען אין האַנט און הערט אויס אונדזער אָנקלאַגע. ער וויל אויסמיידן אַ סקאַנדאַל מיטן קוכער, אָבער די געשיכטע האָט אָנגענומען אַזאַ ווענדונג, אַז ער קען מער נישט האַלטן פאַרן קוכער און די קאָנטראָלערן.

דער דירעקטאָר רופט צו זיך די קאָנטראָלערן. אונדזער דעלעגאַציע טרעט נישט אָפּ. מיר זען, ווי זיי דרייען כיטרע מיט די אויגן—אין אַלע זייטן. איך האַלט זיי דעם צעטל פאַר די אויגן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ באָרגן?

די ייִנגלעך פילן זיך שלעכט, זיי שטעקן די הענט אין די טאַשן, פאַריכטן די רעקלעך און זאָגן נישט קיין וואָרט.

מיר הייסן זיך פאָרשטעלן דעם קוכערס אײַנקויפביכער, און די צוויי ייִנגלעך ווערן געהאַלטן אונטער באַוואַכונג. אין די ביכער איז אַרײַנגעשריבן צוויי מאָל אַזוי פיל רײַז, ווי די גאַנצע גימנאַזיע קען אויפעסן.

מיר פרעגן דעם קוכער, אין וועלכער קראָם ער האָט געקויפט דעם רײַז. ער ענטפערט:

— בײַם ראָג אויפן מאַרק.

נאָך דעם לויפן מיר צו די קאָנטראָלערן און שטעלן זיי די לעצטע אַנטשיידנדיקע פראַגע:

— ווו האָט דער קוכער געקויפט דעם רייז?

אַ סעקונדע קוקן זיי איינער אויפן צווייטן און דאַן שיסט איינער אַרויס:

— אין דער קראָם בײַם ברעג.

דער דירעקטאָר הייסט דעם סעקרעטאַר גלייך אויסשרייבן באַווייטיקונג צייגענישן פאַר די בײדע שילער. ער האַלט דערבײ אַ לאַנגע און לאַנגווייליקע רעדע וועגן דעם נוצן פון ערלעכקייט, עפנטלעכן צוטרוי און דעם אָנזען פון דער שול.

די צוויי לאַגערן אין דער שול בלייבן אָבער ווייטער עקזיסטירן. כמעט אַלע טצלערלעקער פון די קאָנטראָלערנס אָנהענגער זענען שפּעטער געוואָרן מיטגלידער פון צין־בו־דאַנס פאַרטיי, געוואָרן קאַנצעלאַריע־שרײַבער און אויסמאַנערס פון אָפּיום־שטראָפן.

אונדזער גרופּע דערגענגען איז כמעט אינגאַנצן נאָכן ענדיקן די שול אַוועק אין פּעקינער אוניווערזיטעט און קיין אויסלאַנד און האָט געקעמפט אויף דער זייט פון די קאָנטאָנער (קואָמינטאַנג) אין 1927.

נישט ווייט פון דער שול ליגט אַ פּאַרק מיט קליינע טייכלעך, בריקן, טרעפּ, היילן, קאַנאַלן, בלומען־בייטן, בענק

און חוגדערפולע פעלזן. דעם גובערנאַטאָרס פעטער האָט זייער ליב דעם פּאַרק און שפּאַצירט דאָ אָפט מיט זיינע צוויי אַכצנ־יאָריקע פּוסטע און חוצפּהדיקע זין.

איך האָב אַ פריינד. ער האָט זייער ליב דעם אמת און איז אַזוי אָרעם, אַז זיין כאַלאַט איז לויטער צוטן. ער איז אַ זון פון אַ דאָרפישן לערער און הייסט כאָ.

איינמאָל יאָגן מיר זיך מיט האָן איבערן פּאַרק. איך בין שוין אַריבער די בריק און רו זיך אויס אין אַ הייל, ער איז אָפּגעשטאַנען. גראָד גייען דאָרט די צוויי פּוסטע יונגען שפּאַצירן. זייערע בלויע כאַלאַטן זענען אויסגעהאַפטן מיט זיידענע בלומען און מוסטערן, די גלאַנציקע היטעלעך באַצירט מיט רובינען אויפן שטערן. איבער די זיידענע פּאַנטאָפל פאַלן אַראָפּ גרוי־בלויע זיידענע הויזן. זייערע זאָקן זענען בלענדנדיק־ווייסע, ווי דער יאַנואַר־שניי אויף די הויכע בערג. אויף די פינגער בליצן און לייכטן רינגעלעך.

אין די הענט טראָגן זיי לאַנגע פּייקעס. דער אויבערשטער טייל איז געמאַכט פון זילבער און דער מויל־שטיק פון העלפאַנטס־ביין. די האָר זענען אויסגעשמירט מיט ברילאַנטינע. גלאַנצן און זענען גלאַטיק פאַרקעמט. די פּראַנטלעך האָבן זיך אָנגעפּודערט די נעז, און אָנגעשמינקט די באַקן. אָבער מען זעט דורכן פּודער און דער שמינקע אַדורך ביי ביידנס זיינע זומער־שפּרענקעלעך, ווי ס׳האָלטן פליגן אויף אים אַרומגעקראָכן, ביים צוויי־טן־גלאַנציקע קרעצעלעך מיט געלבלעכע קעפּעלעך.

ווי די צוויי ליים דערזעען כאָן לויפן מיט זיינע פּלאָנטערנדיקע טראָגכעס, טיטלען זיי אויף אים מיט די פּייקעס און חיצלען זיך:

— וואָס פאַר אַ שמוציקער הונט לויפט דאָס דאָרט?

כאָ איז אַן אויפריכטיקער יונג. ער בלייבט שטיין, גייט צו צו די פּראַנטלעך, קוקט זיך קלוימערשט אַרום און פרעגט:

— וועמען מיינט איר?

— אייך, — ענטפערן ביידע פּראַנטלעך נאָך אַ קורצן שווייגן.

כאָ איז אַביסל צעטומלט און ווייסט נישט וואָס צו טון. ער פאַרדעקט די צויטן פון זיין כאַלאַט מיט די הענט, קומט צו מיר אין דער הייל און דערציילט מיר די געשיכטע.

איך הער אים אויס. די פראַנטלעך לאַכן הויך און חיצלען זיך איבער די לעכער פון כאָס כאַלאַט. איך לויף מיט דעם אָרעמען כאָן צוריק אין שול אַריין. אין קאָרידאָר האַלטן מיר אָפּ אַ מאַסוווקע. איך שריי:

— צווייי אויסגעפּוצטע פראַנטלעך שפּאַצירן אַרום אין גאָרטן און באַליידיקן אונדזערן אַ חבר צוליב זיין אָרעמקייט. זיי רופן אים אָן הונט. לאָמיר אַהין גיין. זיי מוזן זיך פאַר כאָן אַנטשולדיקן.

מיינע חברים זענען אויפגעבראַכט און לאָזן זיך לויפן. מיר רינגלען אַרום די ויידענע יונגעליים. די פראַנטלעך בלייבן שטיין איבערראַשטע.

— מיט וועלכן רעכט באַליידיקט איר אונדזערן אַ חבר?

— גו, גו! — מיטן שפּיץ פון מויל-שטיק פרוון זיי צוריקצושטופּן די אָנגרייפנדיקע מחנה.

— איר האָט אים אָנגערופן הונט...

— מיר קענען אים רופן טשערעפּאַכע, אויב הונט געפעלט אייך נישט.

טשערעפּאַכע איז אין כינע איינע פון די גרעסטע באַליידיקונגען.

פון וואָרט צו וואָרט ווערן זיי חוצפּהדיקער. איינער פון זיי ציט אויס די פּייקע און קלאַפּט מיט איר אַ שילער איבער דער האַנט, זאָגנדיק:

— אַוועק, יונגאַטש, שטער נישט אונדזער שפּאַציר!

איין חבר כאַפּט אָן די פּייקע. אונדזער רינג אַרום זיי ווערט אַלץ געדיכטער. איין פראַנטל גיט מיטן עלנבויגן אַ שטויס עמעצן אין דער זייט. אַ זאַפטיקער פּאַטש פאַלט אַראָפּ אויף דעם פּנים מיט די קרעצעלעך. אַ וואַלד מיט הענט צע-

פּאַכעט זיך איבער זיי. די פּייקע רייסט אַראָפּ דאָס באַפּוצטע היטעלע פון קאָפּ און לאָזט רינען אַ שטראָמעלע בלוט איבער די אָנגעשמירטע האָר.

מיר שרייען: „שלאָגט זיי!״ „אַנטלויפן!״ „האַלט צו דעם אָרבל, דו פאַרלירסט אים!״ „זעט, דאָס זענען אמתע שמוציקע הינט!״

צומאָרגנס פאַרזאַמלט דער דירעקטאָר די שילער אויפן הויף. דער דאָזיגן האָט באַפוילן אַרויסצוגעבן די שולדיקע. כאָ און איך טרעטן אַרויס און זאָגן:

— מיר האָבן זיך מיט זיי געשלאָגן, מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך!

אַ פּאָליציאַנט פירט אונדז אַריבער דעם טייך צום געריכט.

דער געריכטס-זאַל האָט נאָר דריי ווענט, ווי אַ בינע. דער ריכטער זיצט אויף אַ זייער הויכן שטול, מען זעט נאָר אַרויס דעם קאָפּ און די אַקסלען. ער טראָגט אַ שוואַרצע מאַגוא פון אַטלאַס און אויף דעם אַ גרויסן כאַלאַט. פון זיינע ביידע זייטן זיצן צוויי דינער מיט לאַנגע באַמבוס-שטעקנס אין די הענט. אויפן טיש שטייט אַ בלייערן שיסעלע מיט דיקער פאַרב צום שטעמפּל. און דערנעבן אַ ריזיקער שטעמפּל די גרייס פון אַ גלאָז. אַלץ האָט ליגט אַרום ריכטער, איז ריזיק גרויס. נאָר דער אונטערשריפט-שטעמפּל איז זייער קליין.

דער ריכטער פאַרענדיקט די פאַרהאַנדלונג קעגן אַן אָרעם געקליידטן מאַן. דער מאַן רעדט מיט שרעק און קרימט זיך. די פּאָליציאַנטן נעמען אים הזלטן עטלעכע טויטע הינער. וואַר-שיינלעך האָט מען אים געכאַפּט ביי אַ גנבה.

דער ריכטער ציט אויס די האַנט צו אַ שטענדער, אויף וועלכן ס׳שטייט אַ לאַקירטער קאַסטן. ער נעמט אַרויס אַ ווייסע באַמבוס-ווירע מיט אַ רויטן קאָפּ און גיט זי איבער אַ וועכטער. ווי דער גנב דערזעט די ווירע, הייבט ער אָן שרייען און שרייט שוין אַזוי דעם גאַנצן וועג ביזן אויפן הויף אַרויס. אַ ווייסע ליניע מיט אַ רויטן קאָפּ באַטייט: שמיץ.

ס׳קומט די ריי אויף אונדז.

דער ריכטער פילט זיך אומבאקוועם. מיר זענען דאָך פאַרט גימנאַזיסטן. אין פינף יאָר אַרום וועלן מיר אפשר אַליין זיין ריכטער. און מיר האָבן אויך אָנגעזעענע טאַטעס. ער וויל זיין מילד. ער זאָגט אונדז אָן, אַז ער וויל נישט פאַרציִען די פאַרהאַנדלונגען.

ער הייבט אָן פרעגן:

— נאָמען? עלטער? פון וועלכן דאָרף? ווען אין דער שול אָנגעקומען?

מיר שווייגן. דער ריכטער קוקט אונדז אָן. מיר ענטפערן:

— צו וואָס פרעגט איר? איר ווייסט דאָך אַלץ אַליין.

דער ריכטער מאַכט זיך נישט הערנדיק. און ווידער שטעלט ער די מאָנאָטאָנע פראַגעס:

נאָמען? עלטער? ווו געבוירן? ווען אין דער שול אָנגעקומען?

מיר שווייגן. די דינערס מיט די באַמבוס-שטעקנס שמייכלען. דער ריכטער פילט זיך געטראָפן: די ייִנגלעך חוזקן פון אים. מיט אַ דונערדיקער שטים פון אַ העכער וועזן, וואָס באַשליסט דעם גורל פון דער ערד, זון און שטערנס, זאָגט ער דראָענדיק:

— באַרעכנט אייך. דער ענין איז אַ שווערער. מיין פליכט איז, אייך צו פרעגן און אייערע — צו ענטפערן.

מיר ענטפערן:

— הער ריכטער! זאָגט נישט, אַז אונדזער ענין איז אַ שווערער. מיר ווייסן גאַנץ גענוי, ווער ס׳איז דאָ דער שולדיקער, און איר האָט זיך שוין געוויס אייער מיינונג וועגן דעם.

דער ריכטער גייט איבער צום ענין:

— אַלזאָ, איר האָט צעקאַליעטשעט די צוויי וווילגעבוירענע יונגעלייט?

— ערשטנס, נישט וווילגעבוירענע, און צווייטנס, נישט צעקאַליעטשעט — ענטפערן מיר.

— אָבער זיי זענען דאָך נאָך איצטער קראַנק און ליגן

אין די בעטן! — זאָגט דער ריכטער. — דאָס האָט דאָך איר מיט אייערע הענט געטון!

— ס'איז דאָך נישט מעגלעך, אז מיר צוויי זאָלן אזוי צע־שלאָגן די צוויי געזונטע יונגעליים! עגטפערן מיר.

— נו, יאָ, איר לייקנט אלזאָ נישט, אַז אַ געשלעג איז געווען?

— איך געשלעג האָבן מיר זיך באַטייליקט, דאָס לייקענען מיר נישט. אָבער אלע האָבן זיך געשלאָגן.

— איר ווילט, הייסט עס, דערמיט זאָגן, אַז נישט איר אליין האָט זיך געשלאָגן, נאָר אויך די צוויי רויִק שפּאַצירנ־דיקע יונגעליים?

— נאַטירלעך!

— אָבער פאַרוואָס זענט איר אַרויס גאַנץ און זיי האָבן ווונדן אויף די קעפּ?

מיר שווייגן.

דער ריכטער פאַרמישפּט כאָן און מיך צו צען דאָיאַן שטראָף. איך באַצאָל אליין. כאָס שטראָף ווערט אויסגעזאַמלט צווישן די שול־חברים.

24. די תנאָים

דער טאַטע איז ווייט אויף רייזעס און קאַמפּן. איך האָב נישט קיין באַציִונגען מיט מיינע אייגענע. ערגעץ־ווו אין אינדזער הויז, אָן פאַרבינדונג מיט מיר, וואַקסט אויף מיין שוועסטערל.

די שטיפמאַמע לאָזט אַראָפּ די אויגן, ווען זי טרעפט מיך, ווי זי וואָלט געווען די שולדיקע. זי פילט זיך מיטשול־דיק מיטן טאַטן, וואָס האָט מיר פאַרבאָטן חתונה צו האָבן מיט צאַי־אין. גלייכצייטיק זענען אַלע אירע געדאַנקען פאַר־

גומען נאָר מיט אײנס: װי מעגלעך בעסער און גיכער מיך חתונה צו מאַכן.

אַרום מיר װערן כּסדר געפּײערט די תּנאָים פֿון מײַנע פּופּצן־יאָריקע שול־חברים. אײניקע פֿון זײ, די פֿון רײַכערע פֿאַמיליעס, װאַרפֿן אַװעק די לאַנגװײַליקע געאָמעטריע, געאָ־גראַפֿיע, ענגלישע שפּראַך און די אַלטע פּאָעזיע, און פֿאָרן אַװעק מיט זײערע יונגע פֿרױען צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער באַלעבאַטעשקײט אין זײערע גיטער, אָדער אָנצוקומען אין אַ קאַנצעלאַריע פֿון עפּעס אַ פּעטערל.

יעדע אַזעלכע תּנאָים גיט מײַן שטיפֿמאַמען אַ שטאָך אין האַרצן: זי פֿילט זיך באַלײדיקט און פֿאַרשפּאָט, זי װײנט בײַנאַכט און לױפֿט בײַטאָג אַרום צו די קרובֿים, קלאָגט אויף איר אָרעמקײט און איר גורל, און באַמיט זיך מיט אַלע כּוחות צו העלפֿן דער שדכנטע, װעלכע קומט צו אונדז פֿון צײַט צו צײַט. זי קומט צוגאַסט, די שדכנטע, און צו דערװיסן זיך, צי מען קען שוין רעדן װעגן אַ שידוך מיט אײנער פֿון די סיאַנשיער מײדלעך אָדער פֿון דער אומגעגנט.

די שטיפֿמאַמע ענטפֿערט מיט טרערן אין די אויגן:

— מיר זענען אָרעם. מיר זענען גרײט חתונה צו מאַכן שי־כּואַן מיט יעדן מײדל, װאָס װעט אײַנגײן אים צו נעמען. דאַרפֿט איר נישט אונדז פֿרעגן, נאָר די עלטערן פֿון מײדל, צי זײ װילן זיך פֿאַרבינדן מיט אונדזער האַלב־פֿאַראָרעמטער פֿאַמיליע, װעלכע פֿאַרמאָגט נישט צומאָל, װי איר זעט אַלײן, גענוג געלט צו קענען דרײַ מאָל אין טאָג אָפּעסן.

איך פֿיל דעם דאָזיקן שטילן חתונה־שמועס הינטער מײַן רוקן. איך באַמערק, װי די שדכנטע שעפּטשעט עפּעס אויף דער גיך איר מאַן, װען זײ טרעפֿן מיך אויף אַ יום־טובֿ אין סיאַן־שי. פֿון די שפּאַסן און אָנצוהערענישן פֿון מײַנע פֿרײַנד, מיט װעלכע איך טרעף זיך אויף די אָװנטן, װוּ מיר פֿײַערן אַ חתונה פֿון אַ שול־חבֿר, שטויס איך זיך אָן, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג.

װי בעװײַנטלעך, נײַען אַריבער די טעג פֿון נײַ־יאָר,

אזוי גיך ווי קאָרטן, וואָס ווערן צעטיילט פון אַ פלינקן שפּילער.

איך באַמי זיך צו זײַן וואָס ווייניקער אין שטוב. אַ מענגע קרובים שמײַען אַרום אין אונדזער הויז. איך פאַרטראָג מער נישט זייערע שטשירענדיקע פּנימער. די זעלבע הענט, וועלכע האָבן מיר אין די טעג פון נויט נישט געוואָלט העלפן, קלאַפּן מיר איצטער פרײַנדלעך איבער די פּלייצעס.

איך פאַרנייג זיך און שווײַג, זיי שפּאָסן:

— אַן אמתער דערוואַקסענער, ער האַלט זיך שיער נישט ווי אַ פּרעמיער־מיניסטער.

— ניין, ווי דער עלטסטער אין שטאַם.

— אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַן עלטסטער, וואָס האָט נאָך נישט קיין ווייב?

ווער האָט זיי געגעבן דאָס רעכט פון מיר צו לאַכן? זאָלן זיי פּלוידערן מיט דער שטיפמאַמען, זאָלן זיי אַן אויפ־הער טרינקען טיי און דערציילן, וואָס זייערע קינדער פעלט און ווי טײַער מען וועט הײַער מאַנדאַרינעס פאַרקויפן!

איך גיי צו מיין חבר שפּילן שאַך, לייענען געדיכטן און שמועסן וועגן אוניווערזיטעטן און פראַנקרייך.

צו מיטאָג קום איך אַהיים. איך בין פאַרוווּנדערט: פייַנע און שאַרפע ריחות פון ספּעציעל גוטע מאכלים שלאָגן מיר אין נאָז, אַזעלכע וואָס מען עסט בײַ אונדז קיינמאָל נישט.

וואָס איז עס היינט פאַר אַ יום־טוב? אויסער די קרובים פון אינדערפרי, קומען נאָך שכנים און ... פון די אַרומי־קע דערפער.

פאַרוואָס קוקן זיי אַלע אויף מיר? וואָס האָב איך דאָ צו טון? עס איז דאָך נישט מײַן געבורטסטאָג און איך האָב דאָך נישט געענדיקט די גימנאַזיע.

מיך וווּנדערט, וואָס די געסט באַגריסן מיך פייערלעך און די קרובים מאַכן נישט מער קיין קאַטאָוועסן, נאָר שמייכלען באַדייטונגספול.

כ׳גיי גיך אַריין אין זאַל. די קרובים זעצן זיך נישט

צום טיש. זיי קוקן אין איין ווינקל. אין דעם ווינקל שטייט אַ באַזונדערער טיש, אין פלוג דאַכט זיך מיר, אַז עס ליגט אויף איס אַ באַרג מיט ברענענדיקע קוילן, אַזוי רויט איז ער. די קרובים קוקן אַמאָל אין דעם ווינקל און אַמאָל אויף מיר.

איך מוז דאָך דערגיין, וואָס ס'איז געשען!

מיט פעסטע טריט גיי איך צו צו דעם טיש.

העפטן אין רויטן גלאַנציקן איינבינד, ביכער איינגעהילט אין רויטע וויד־בענדער, טוש־שטעקעלעך שטעקן מיט זייערע שפּיצלעך אַרויס פון רויט־לאַקירטע שאַכטעלעך, רויט עמאַלירטע פענדזעלס און רויטע אייער.

איצט איז מיר קלאָר. די געשאַנקען זענען צוגעגרייט פאַר מיר. מען האָט באַשטימט אָן מיין וויסן. מען האָט מיך פאַרקנאַסט.

די דאָזיקע רויטע קעגנשטאַנדן זענען אַן ענטפער פון די עלטערן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער מיידל אויף די געשאַנקען, וועלכע מיין שטיפמאַמע האָט נאָך פריִער צוגעשיקט דער כלה.

ווען האָט זי דאָס באַוויזן צוצוגרייטן די אַלע נייסיקע זיידענע קליידער, שאַפּן, קלעפּיקע זיסקייטן אין די זעקעלעך און די צוויי ראָז־געפאַרבטע געגנדז אינעם באַמבוס־קאָרב אַלס צייכן פון מאַן־און־ווייב־געטריישאַפט (ווייל לויט די כינעזישע באַגריפן איז אויף דער ערד, אין וואַסער און אין דער לופט נישטאָ קיין געטרייער פאָר־פאָלק ווי די געגנדז), — ווען האָט זי באַוויזן דאָס אַלץ צוצוגרייטן?

די רויטע פאַרב פון די געשאַנקען פאַרדרייט מיר דעם קאָפּ. איך פיל, ווי דער צאָרן שטייגט מיר אין די אויגן. נאָך איין ווײַלע און איך צעשריי זיך. און כ'נעם די אַלע זאַכן און וואַרף זיי דער אָרעמער און פון דערפאָלג שטראַלנדיקער שטיפמאַמען אין קאָפּ אַריין! אָבער נישט אומזיסט האָבן אַלע — דער פעטער, די באָבע, די לערער און די מאַמע — מיך פון קינדווייז אָן געלערנט די זיבן געבאָטן פון אָנשטענדיקייט. דער מאַמעס לעצטע ווערטער זענען געווען:

— שלאָג זיך גיכער אַרום, שי־כוּאַ!

אויסערלעך האַלט איך מיך רויִק. אָבער יעדע סעקונדע קען איך פּלאַצן ווי אַ שוואַרצער יאַפּאַנישער האַנטגראַנאַט.

די מומעס לאַכן שטיל, איינע זאָגט הינטער מיין רוקן:

— זעסטו, שי־כוּאַ, דו ביסט שוין אַ דערוואַקסענער און דו [illegible]רפּסט אַ כּלה.

דאָס האַלט איך שוין נישט אויס. איך ווענד זיך צו די קרובֿים, פאַרבייס די ציין און אַזוי, דורך די ציין־קראַטעס, שפּריצן ווי ווילדע חיות די באַליידיקנדיקע ווערטער:

— מיר דאַכט זיך, אַז די שטיפמאַמע דאַרף גיכער די כּלה ווי איך.

די שטיפמאַמע שטייט צווישן די קרובֿים. איך זע, ווי זי רייסט איבער איר שמועס, דערהערנדיק מיין געשריי. זי פאַרבייסט די ליפּן און לאָזט אַראָפּ די אויגן, זי איז אויפגעבראַכט, אָבער פאַרלירט נישט איר רויִקייט.

זי האָט נישט קיין חרטה, זי איז די זיגערין. איך בין נישט דער איינציקער פּופּצניאַריקער יינגל אין כינע, וואָס שרייט פון צאָרן אין טאָג פון זיינע תּנאָים...

מען גרייט צום טיש. פון די פּאָרצעלייענע שיסלען הייבט זיך אַ דאַמף. אויטאָמאַטיש פאַרנעם איך אַן אָרט און פיל, ווי די גאַנצע פּראַכט אויפן טיש איז מיר דערווידער, פּונקט אַזוי, ווי דער פאַרשימלטער רייז אַמאָל אין דער שול.

זיצן צוזאַמען מיט די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן מיך אָקאָרשט מיט זייערע רויטע געשאַנקן געשמיסן; הערן, ווי זיי קייען און דערציילן זיך וויצן צווישן איין ביס און דעם אַנדערן; צו דערלאַנגען זיי שיסלען; קוקן זיי אין די אומפאַרשעמטע אויגן אַריין און נאָך צושמייכלען דערביי —

— איך—וויל—נישט! — איך—נעם—נישט—קיין—אָנטייל

איך שפּרינג אונטער פון מיין אָרט און לויף אַרויס פון הויז צו דער גרויסער איבעראַשונג פון אַלע געסט, וואָס ווערן אַנטשטוימט איבער מיין אומהעפלעכקייט.

מיט צאַרנדיקע טריט צייל איך די שטיינער פון די גאַסן. אַך, ווען עמעצער באַליידיקט מיך דאָ אויף דער גאַס, און איך קען אים שלאָגן, שלאָגן לאַנג, ביז בלוט, ביז צו שרייען!

ווי האָבן דאָס די אַלע מומעס און זי, די שטיפמאַמע, די פרעמדע פרוי, וועלכע דער טאַטע האָט פון טשענדו מיט־געבראַכט מיט זיך, דערוועגט מיין גורל צו באַשטימען. איך בין שוין גענוג דערוואַקסן, צו קענען אַליין איבער מיר אַנטשיידן!

ווען דער טאַטע פאַרווערט מיר חתונה צו האָבן, איז עס זיין זאַך. אָבער ווען די שטיפמאַמע פאַרשנירט מיך ערגעץ היינטער מיין רוקן מיט דער שטריק פון לעכערלעכקייט...

ווער איז די כלה? מיט וואָס פאַרא מיידל וויל מען מיך חתונה מאַכן? טאָמער איז זי אַ העסלעכע? קען נישט לייענען און שרייבן? איז נאַריש? איז אַ שלומפער?

איך ווייס נישט, ווי זי הייסט, פון וועלכן דאָרף זי שטאַמט. כ'בין אַנטלאָפן פון עסן און גאָרנישט געפרעגט וועגן דעם.

איך זיץ ביי אַ שול־חבר. ער קוקט זיך רויִק צו, ווי איך שפּריַיז אַן אויפגערעגטער איבערן צימער, און ער שטעלט פּאַמעלעך אויס די שאַך־פיגורן.

— מען האָט מיך פאַרקנסט! — שטויס איך אַרויס די שרעקלעכע ווערטער.

— איך ווייס, דיין כלה הייסט גוואַן.

— גוואַן? איך האָב אַזאַ נאָמען נאָך נישט געהערט. אָבער וואָס מאַכט עס מיר אויס? גואַן, וואַן, מואַן, סואַן אָדער נאָך אַנדערש!

— באַרויִק זיך. זעץ זיך און לאָמיר שפּילן אַ פּאַרטיע שאָך.

אָבער איך קען נאָך נישט איינזיצן. איך מוז אַרומשפּרייזן, צוויי געדאַנקען צעזעצן מיין געהירן: דער ערשטער געדאַנק איז: איך וויל נישט קיין ווייב. דער צווייטער געדאַנק: ס'איז אַ רחמנות אויף דער שטיפמאַמען. זי מיינט, אַז זי האָט געטון אַ וויכטיקע און נוצלעכע זאַך. זי האָט מיך נאָר פון

ליבע חעגן פאַרקנסט. זי האָט נישט קיין אייגענע קינדער, פאַרנעמט זי זיך מיט מיר.

אָבער אין די דאָזיקע מיטליידיקע געדאַנקען, רייסט זיך אַריין דער ערשטער ווי מיט אַ הויכער בילעריי: כ'וויל נישט קיין ווייב!

— הער, — זאָג איך צו מיין חבר — איך וועל פּאָרט נישט חתונה האָבן!

— אָך, אומזין,—ענטפערט רויק דער חבר. כ'בין זיכער, דו וועסט יאָ חתונה־האָבן. תנאָים קען מען נישט צערייסן. און ווען דו וועסט זיך קעגנשטעלן, וועסטו נאָר באַליידיקן די פאַמיליע. דער גאַנצער עלטערן וועלן פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן דער שדכנטע. די שדכנטע האָט אַרויפּוואַרפן די אָנקלאַגע אויף דיין שטיפמאַמען, און דאָס הייסט: געלט אויף געלט אַרויס־עלעפן! און איר וועט נאָך מעגן זיין צופרידן, ווען ס'וועט אויסגיין בלויז צו געלט! די ריכטער קענען די שטיפמאַמע פאַרשפאַרן אין נעפענגעניש ביזן פּראָצעס, מורא האָבנדיק, זי זאָל נישט אַנטלויפן... הער אויף, שי־כוא, אַרומצוקלויבן, און לאָמיר שפּילן אַ פּאַרטיע שאָך. דער שאָך־קיניג קען זיך נאָך שעמען, וואָס מען רעגט זיך אויף צוליב אַזאַ אומבאַדייטנדיקער און אומפאַרמיידלעכער געשיכטע!

נאָך ניי־יאָר פאָר איך צוריק אין דער שול...

וווהין זאָל איך פאָרן נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע?

קיין ענגלאַנד וויל איך נישט — די דאָרטיקע מענטשן זענען צו שטאָלץ און זיי ציִען מיך נישט.

קיין יאַפּאַן? די יאַפּאַנער באַגייען זיך שענדלעך מיט כינע.

אַמעריקע? אין אַמעריקע לאָזט מען אַריין נאָר די שילער פון די אַמעריקאַנער שול און הויפּטזאַכלעך קריסטן.

פראַנקרייך איז דאָס לאַנד פון רעוואָלוציע, אַ רעפּובליק.

דאָס היימלאַנד פון זשאַן זשאַק רוסאָ *). אויסער דעם: פראַנק־רייך האָט אונדז ליב.

זאָל לעבן די ביליקע אַרבעט־קראַפט פון די כינעזער!

אַרבעט־קראַפט איז אין פראַנקרייך אַ גוטע סחורה. אין שאַנכאַי ווערבירט מען געזונטע מענער צו אַרבעטן אין די פראַנצויזישע האַפנס און פאַבריקן. פאַר דער רייזע צאָלן די פאַרמיטלערס, און די אַרבעט ווערט נישט שלעכט באַלוינט.

דער חבר, וואָס דערציילט מיר דאָס, איז גוט געשטימט. די איינציקע פראַגע איז, ווי קומט מען קיין שאַנכאַי.

ער איז אַ געזונטער יונג און האָט פעסטע מוסקלען. אַכט שעה אַ טאָג וועט ער אַרבעטן און זעקס שעה לערנען. ער וועט עס אויסהאַלטן. עס איז אַגב אויך נוצלעך צו אַר־בעטן אי פיזיש, אי גייסטיק. מיר שאַפן אַ גרויסע, וואָס זאָל מיט אונדז פאָרן, מיר באַראַטן זיך, פון וואַנען צו נעמען געלט. אין טרוים ביינאַכט זעען מיר דאָס ליכטיקע פראַנקרייך. ס׳וועט אונדז לערנען, באַצאָלן. אונדזערע מוסקולערע הענט זענען גרייט צו דער שווערסטער אַרבעט, ווען זי וועט אונדז נאָר געבן זעקס שעה צייט צום שטודירן, וואָס מיר דאַרפן פאַר אונדזערע קעפּ.

— צוויי יאָר זענען אַריבער נאָך די טרוימען.

מיין חבר איז געפאָרן קיין פראַנקרייך. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. פון בריוו צו בריוו איז פאַרשווונדן זיין ברען. די באַלן זענען געווען צו שווער, ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך צו לערנען. אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען פאַרנו־מען ביים האַפן און אינאָווענט האָבן די אָרעמס און די פיס געציטערט און געפאָדערט אַ בעט אָדער ווייניקסטנס אַ נאַרע.

דער גוטער לוין — אונדז אין סעטשואַן האָבן זיך די פאָר טויז פראַנק אויסגעוויזן ווי אַ גאַנצער פאַרמעג! — האָט דערלויבט די סטודענטן זיך צו קויפן צו מיטאָג ווייניקער קאַר־

---

*) זשאַן זשאַק רוסאָ — אַ באַרימטער פראַנצויזישער דענקער און פעדאַ־גאָג פון 18־טן יאָרהונדערט. — איבערז.

טאָפּל און לאָקשן, ווי אַ טרעגער בײַ אונדז אין סיאָן־שי. פּאַר זײַן קלאָגעדיקן פּאַרדינסט.

ווי לאַנג די מלחמה האָט געדויערט, האָט מען נאָך גע־דאַרפט די הענט פון די כינעזישע סטודענטן. אָבער נאָכן קריג זענען די וועלנער געקומען צוריק אַהיים און די פּראַנצויזישע האָפן־אַרבעטער צוריק אין די האַפנס.

נידער מיט דער ביליקער כינעזישער אַרבעטס־קראַפט!

מען האָט די סטודענטן אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. קיין פּראַנקרייך האָט מען זיי געבראַכט אומזיסט, אָבער אַ בילעט צוריק קאָסט הונדערטער דאָלאַן.

מען האָט געקענט זען די סטודענטן־קוליס בעטלען אויף די ראָגעס. אויף די גאַסן פון מאַרסעל און ליאָן פלעגן זיי פאַלן פון הונגער.

אויך מײַן לוסטיקער חבר איז געשטאָרבן אין פראַנקרייך. אין זײַן מאָגן האָט דער דאָקטער געפונען נאָר אַ שטיק נישט־פאַרדייטן קאַרטאָפל. ער פלעגט עסן בלויז רויע קאַרטאָפל. דער מאָגן האָט מער די קאַרטאָפל נישט אויפגענומען און אַרײַנגעלאָזן דעם טויט.

אָבער דאָס אַלץ איז געשען שפּעטער, פיל שפּעטער.

26. די חתונה

די חתונה איז באַשטימט אויף האַרבסט.

שפּעט און פאַמעלעך גייט אויף די זון אין דעם דאָזיקן האַרבסטיקן טאָג.

דאָס הויז הייבט זיך אָן טרייסלען, ווי אַ הונט, וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. אין פרימאָרגנדיקער האַלב־טונקלקייט רעדן די מענטשן מיט פאַרשלאָפענע שטימעס.

איך הער קלאַפּנדיקע, ברומענדיקע, טעמפּע קלאַנגען פאַרן טויער. איך גיי אַרויס אויף דער גאַס. אַכט טרעגער פון דער כואַי־טשאַאָ־כאַנג, דער „ליכטיקער טרעגער־געזעלשאַפט“

(אַזוי הייסט די געזעלשאַפט וואָס אָרדנט אײַן חתונות), שטעלן פּאָרזיכטיק אַנידער דאָס חתונה-בײַדל, וואָס איז איינגאַנצן באַדעקט מיט ייִד-בלומען, צווישן וועלכע ס'געפינען זיך שטאַרק שמעקנדיקע, נאָך אין מאָרגן-טוי צוגעמאַכטע בלומען.

אַרום דעם בײַדל שטייען צוואַנציק מענטשן מיט גראָבע פּויקן און לאַנגע טרומייטן. דאָס איז דער אָרקעסטער. זיי זענען אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן פון טעיאַן אַהער מיט אַ שיפל און וואַרטן איצט אויף די אונטערפירער, כּדי מיט זיי צו לאָזן זיך ווײַטער אין דער כּלהס דאָרף אַרײַן.

דער עלטערער פּעטער שטייט אויך דאָ בײַם טויער. ער באַטראַכט דאָס בײַדל מיט אַ צופרידענעם בליק: „זעכציק דאָ-יאַן האָט עס געקאָסט".

ער גלעט מיט אַ ווייכער האַנט די אַראָפּהענגענדיקע בוּקעטן, הייבט אונטער דעם פאָדערשטן געשטריקטן פאָרהאַנג און דאָס איינפאַכע טוך הינטער אים און באַטראַכט דאָס ווייַכע אויסבעטעכץ אינעווייניק, וואָס איז באַשלאָגן מיט רויטן זייַד.

דער פּעטער פאַלט אַרײַן אין אַ פייערלעכער שטימונג:

— אַך, שי-כוּאַ, אין גאַנץ כינע איז נישטאָ אַזעלכע חתונה-בײַדלעך ווי אין סעטשואַן. אין אַנדערע פּראָווינצן באַנוגנט מען זיך מיט טויטע ייַד-בלומען, און נאָר בײַ אונדז, ווו ס'וואַקסן ווילד מיליאָנען אַזעלכע בלומען, אַזוי אַז מען שעמט זיך זיי צו פאַרקויפן, קען מען דאָס טוך באַפּוצן מיט די שמעקנדיקע בלומען.

עס קומט די שדכנטע מיט איר מאַן. זיי זענען די ערשטע געסט, וועלכע די טרומייטערערס נעמען אויף מיט אַ באַגריסונגס-מאַרש.

די שדכנטע איז יומטובדיק אָנגעטון. דאָס ייַדנס פון איר קלייד גלאַנצט, פאַלדעוועט זיך און שורשעט. לויט דער לעצטער מאָדע טראָגט זי אין איר פריזור אויפן נאַקן אַ פּרעכטיקע ייַד-בלום. גאָלדענע אָרעם-בענדער קלימפּערן בײַ די ראַנדן פון אירע ברייטע אַרבל און די שוויינער אין די רינגען לײַכטן פריילעך, ווי אירע אויגן.

זי האָט גוט פאַרדינט בײַ מײַן חתונה. די שטיפמאַמע האָט איר שוין געגעבן אַ מתּנה, וואָס זי האָט געקויפט פאַר 40 דאָלאַר בײַם יוועליר.

אַז די שדכנטע איז געקומען, קען דער צוג רירן. די מוזיקאַנטן פאַרוואַרפן די פויקן אויפן רוקן. די קוליס הייבן אונטער די שטאַנגען פון בײַדל אויף די אַקסלען און די שדכנטע זעצט זיך אין אַ צווייטן, אײַנפאַכערן בײַדל אַרײַן.

דורך די ענגע געסלעך וויגט זיך דאָס בײַדל אויף די אַקסלען פון די טרעגערס צום האָפן אַראָפּ. די כּלה וויגט 40 לי (20 קג) פון דאַנען אַהין פאָרט מען מיט אַ שיפל, אָבער צוריק וועט מען גיין צופוס. אין אַ זעקס – אַכט שעה אַרום קען מען זײַ דאָ דערוואַרטן.

אַרום אַכט אַזייגער עסן מיר פרישטיק. איך זיץ בײַם טיש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די הענט אויף די קני. מיר עסן גיך, כּמעט נישט רעדנדיק. מען הערט נאָר, ווי די קוואַי־טסי קלאַפּן און די ראַנדער פון די פּאָרצעלײַענע טעלערס. דער פעטער זאָגט:

– עס, כּוּאַ, עס. שטאַרק זיך. ס'דערוואַרט דיך אַ שווע־רער טאָג.

מיר דרייט זיך דער קאָפּ, כ'קען זיך קוים אײַנהאַלטן נישט צו מאַכן עפּעס אַ ווידערווילדיקע מינע. מיך עקלט אַלץ: דאָס עסן, דער דאַמף, וואָס הייבט זיך פון די טעצלעך טיי, דער געמורמל פון די אָרדנערס און דער געמורמל פון דער שטיפ־מאַמען.

מיט מי טראָגן מײַנע אַקסלען דעם גרויען יומטוב־ראָק און די מאַ־גואַ, עפּעס ווי זיי וואָלטן געווען נישט פון זיידנס, נאָר פון בלעך.

נאָכן פרישטיק זאַמלען זיך די געסט.

די געסט קומען צום טויער. דער טרומייטערער באַגריסט זיי מיט זײַן שפּיל און גיט וועגן זיי צו וויסן די אָרדנערס. ערנסט, אָנגעטון אין יומטוב־קליידער, טרעטן די קרובים אריבער די שוועל. אַ מאַן מיט אַ רויטן שלייף עפנט די טיר.

וואָס אַמאָל ווערן קירצער די אָפּשטאַנדן צווישן די גרופּן געסט. כמעט אָן איבעררײַס שאַלן שוין די טרומייטערס. ווען איין בלאָזער האָט מער קיין כח נישט, פאַרטרעט אים אַן אַנדערער. וועלכער האָט דערווייל באַוויזן אָנצונעמען אַ ביסל לופט אין די לונגען. —

די געסט שפּאַנען אַהער ווי אויף אַ דעמאָנסטראַציע, אָדער צו וואַלן, אָדער צו אַן אינטערעסאַנטער עקזעקוציע.

דער טאַטע ליגט אין זאַל אויף אַ בעט הינטער אַ זײַדענעם פּאָרהאַנג, ער האָט אַ גרויסן געשוויר אויפן פוס. די געסט גייען צו און שאָקלען מיטן קאָפּ: דאַאָ־סי. דאַאָ־סי הייסט: מזל־טוב. דער טאַטע שפּאַרט זיך אָן אויפן עלנבויגן פּאַרזיכטיק, מורא האָבנדיק אָנצורירן דעם באַנדאַזשירטן קראַנקן פוס, און ענטפערט:

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך קען אײַך נישט באַגריסן שטייענדיקערהייט.

נאָך דעם גייען צו די געסט צום עלטערן פעטער, זאָגן צו אים די זעלבע ווערטער און פאַרנייגן אויך אַזוי דעם קאָפּ. דאַן — צום ייִנגערן פעטער, צו דער שטיפמאַמען, צו די מומעס.

נאָכן ענדיקן די באַגריסונגען גייען די געסט אַרום איבערן הויז. דאָס גאַנצע הויז איז פאַרוואַנדלט אין אַ קלוב. אין אַלע צימערן ליגן ביכער אויף די טישן, שטייט טיי, קלאַפּן די מאַהיאָנג־ביינער און קאָרטן. קרובים און באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך שוין יאָרנלאַנג נישט געזען, זען זיך דאָ ווידער און דערציילן זיך נײַעסן.

אין יעדן צימער שטייען איין אָדער צוויי אָרדנער. די געסט גייען צו זיי צו און אינפאָרמירן זיך שטיל:

— ווער איז דער אומבאַקאַנטער מאַן דאָרט, נעבן דער טיר?

— קען מען זען דאָס צימער פון פּאָר־פאָלק?

דאָס גאַנצע הויז, אַלע צימערן און הויפן, זענען ביזן לעצטן ווינקל פול מיט אַ געדיכטער מענטשן־מאַסע און שורשענדיקע זײַדענע כאַלאַטן און מיט גלאַנציקע פּרויען־פריזורן.

דאָס הויז קען שוין מער קיין געסט נישט אויפנעמען. די נייע געסט קומען צו אונדז נאָר כּדי צו באַגריסן דעם מאַטן און גייען אין די שכנישע הײַזער אַריבער. אַלע הײַזער אַרום אונדזער הויז ווערן אַ זאַמלפּונקט פֿאַר די געסט.

יעדער איינער וואָס קומט און זאָגט „דאָ-סי" און ברענגט אַ מתּנה, קען אונדז באַגריסן און זיך זעצן צום טיש. די געשאַנקען וואַקסן אויס אין גאַנצע בערג און פֿאַרנעמען אַלע סאָדערשטע צימערן.

מען ברענגט געלט, קערב מיט אויבס און דער עיקר שטיקער רויטע זײַדנס און רויטע דאַן-סיאַ, געשטרײַפֿטע זײַדנשטיקער מיט באַגריסונגס-אויפֿשריפֿטן. דער ווערט פֿון די געשאַנקען איז גרעסער פֿון דעם, וואָס עס קאָסט דאָס עסן פֿון גאַסט. די געשאַנקען זענען אַ מין באַצאָלונג פֿאַרן עסן.

די קוליס, וואָס האָבן נישט קיין געלט, שענקען זייער אַרבעט. זיי האָבן נעכטן געשלעפּט די פּעקלעך, טישן און שענק אויפֿגעשטעלט. הײַנט זענען זיי אָנגעטון יומטובדיק און ווימלען צווישן די געסט.

ס'ווײַזט זיך אַרויס, אַז אפֿילו די שכנים קענען נישט אויפֿנעמען אַלע געסט. צוויי שטראָמען באַוועגן זיך אָן אויפֿהער בײַ אונדזערע טירן: איינער פֿון די אַרײַנקומענדיקע און איינער פֿון די אַרויסגייענדיקע. די אָרדנער פֿירן די אַרויסגייענדיקע צו די עסזאַלן, וועלכע מיר האָבן אײַנגעאָרדנט אין די הויפֿן און אין די גרויסע זאַלן פֿון סיאַן-שיער טעמפּלען.

איך שטופּ זיך צווישן די געסט, באַמי זיך צו פֿאַרקריכן אין אַ ווײַטן ווינקל, כּדי נישט צו דאַרפֿן ענטפֿערן אויף די באַגריסונגען און צו שמועסן מיט די קרובֿים...

ס'איז צוויי אַ זייגער נאָך מיטאָג.

1600 מענטשן זענען שוין בײַ אונדז פֿאַרזאַמלט. ס'לויפֿן אַרײַן די ייִנגלעך פֿון גאַס און שרײַען:

— לאַי-לאַ! זי קומט! זי קומט!

פֿיר טרומייטן צעשאַלן זיך.

די אָרדנער לויפֿן צום טויער. זיי שטעלן זיך אויס

מאַכן אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער געדיכטער מענגע פון די נײַגעריקע געסט צו דער טיר פון הויפּטזאַל.

מען פירט מיך אַרײַן אין זאַל. עס פּאַסט נישט, אַז דער חתן זאָל אין דעם פײַערלעכן מאָמענט שטיין אויפן הויף.

אין שאַלן פון די טרומייטן מישט זיך אַרײַן דאָס קנאַלן פון די אָנקומענדיקע פּויקן און די לוסטיקע מעלאָדיע פון די מוזיקאַנטן, וואָס באַגלייטן דעם כלה-צוג.

אין ציג דערקענט מען די אײַנפאַכע שאַקלדיקע בײַדלעך פון דער שדכנטע און דער כּלהס קרובים. פון אַלע בײַדלעך, אויסער דער כּלהס, זעצט מען אַרויס חירדיקע. דיקע פרויען, צעשוויצטע פון לאַנגן זיצן אין די דעמפּיקע בײַדלעך; זיי טראָגן גלאַנציקע זײַדענע הויזן און וואַקלען זיך שווער אויף זייערע קליינינקע פּאָדקעווע-פיסלעך.

דער אָרקעסטער שטעלט זיך אויס אין דורכגאַנג, דורכן דורכגאַנג טראָגן אַכט קולים, וואַקלענדיק זיך פון דער לאַסט און צופרידן וואָס דער וועג ענדיקט זיך שוין, פאַרזיכטיק און פּאַמעלעך דאָס בײַדל. אין וועלכן עס זיצט די כּלה. אַ דעמפּיקער גערוך פון שווייס און פאַרוועלקטע בלומען טראָגט זיך פון זיי. איך קען גאָרנישט זען, איך בין האַלב דערשטיקט פון דער דעמפּיקער לופט. איך מאַך צוויי טריט צום חופּה-בײַדל, דער אָרקעסטער צעהילכט זיך, די פּייקלער פּייקלען, אַז די פּויקן פּלאַצן שיער נישט, איבער דעם אָרקעסטער רייסן אויף אַן אַ שיעור ראַקעטעס.

צוויי אָרדנערינס הייבן אויף דאָס ערשטע פאָרהענגל, שאַרן אָפּ דאָס צווייטע און העלפן אַ מענטשן אַרויסקריכן פון דעם באַפּוצטן בײַדל.

אין ליאַרעם פון אָרקעסטער, באַווייזט זיך פאַר מיר אַ געשטאַלט אין אַ רויטן זײַדענעם קליידל ביז צו די קני, אײַנגעהילט אין אַ געדיכטן רויטן טוך, אין רויטע זאָקן, אין רויטע שיך.

די רויטע געשטאַלט איז מײַן ווײַב.

זי שטעלט זיך נעבן מיר אויפן טעפּיך, מיטן פּנים גע-

וועגדט צום מזבח. מיר פארנייגן זיך דריי מאָל פֿון פּאָס פאַר די לאַקירטע סאָוולען מיט די גאָלדענע נעמען פֿון די זיידעס, דאַן דריי מאָל פאַר די קרובים און צום סוף דריי מאָל איינער פאַרן אַנדערן.

די אָרדנערינס נעמען די פרוי אין רויטן און פירן זי אָפּ אין אַ ספּעציעל צוגעגרייטן צימער. דאָרט טוט מען איר אָן אַ רויט זיידן קלייד. מען וואַשט איר אָפּ דאָס פּאַרשוויצטע פּנים, מען פּודערט איר אָן דעם שטערן, די נאָז און דעם קין, שמינקט די באַקן און שלייפן און ציט איבער מיט שוואַרצער פאַרב די ברעמען און וויִעס.

אין דער זעלבער צייט בעט מען אַריין אין זאַל דעם עלטסטן פֿון אונדזער שטאַם, דעם זיידנס אַלטן גרויען ברודער.

איך שטיי נאָך אַלץ אויף מיין אָרט. דאָס ערגסטע דאַרף ערשט קומען.

מיין פרוי קומט אַריין און גייט צו צו מיר. איצט הייבט זיך אָן די צערעמאָניע פֿון פאַרנייגונגען.

מיר פאַרנייגן זיך פאַרן אַלטיטשקן, דערנאָך פאַר אַן אַלטער פרוי, דאַן פאַר אַלע אַלטע לייט פֿון די אָרומיקע דערפער, לויט זייער עלטער.

זיי ענטפערן אונדז מיט פאַרנייגונגען און גיבן אונדז געשאַנקען: איינער אַ רונג, דער אַנדערער אויערינגלעך, ווידער אַן אַנדערער — אָרעמבענדער.

איך האַלט זיך קוים איין, נישט אַ געשריי צוטון, אַזוי פּייניקן מיך די אַלע פאַרנייגונגען: די איין און אַכציקסטע, צוויי און אַכציקסטע, הונדערט צוואַנציקסטע, הונדערט פערציקסטע. אַן אייזערנע שטאַבע וואָלט זיך שוין לאַנג איינגעבראָכן, ווען מען זאָל זי אַזויפיל מאָל בייגן. הינטער מיין רוקן שטייט מיין עלטערער פעטער. ער גיט מיר צו מוט:

— ס'איז שוין באַלד געענדיקט... האַלט אויס. וואָס מיינסטו? אין אונדזערע צייטן האָט מען זיך נישט נאָר פאַרנייגט, נאָר געמוזט אַנידערקניִען און ביז צו דער ערד זיך בוקן.

איך וויים עס. יעדעס כינעזיש ייגל ווייסט דאָס. דער-

פאַר׳שרעקן זיך אויף אַ סאַך פאַרליב־ע חתונה צו האָבן. מען מוז זיין אַ גוטער ספּאָרטסמאַן צו קענען אויסהאַלטן אַזאַ מעטש, ווי אַ כינעזישע חתונה.

די ריי עלטסטע קרובים איז געענדיקט. ביי יעדער פאַר־נייגונג שלאָגט מיר דאָס בלוט אין קאָפּ אַריין. מיין פרוי איז אויסהאַלטעוודיקער. זי בייגט זיך ווי אַ שטיק גומע און דאָס פּנים בלייבט דורכאַנאַנד רויק.

נאָך די עלטסטע קרובים קומען די יינגערע. איצטער בלייב איך און מיין פרוי שטיין אַלס די עלטערע און די קליינע שוועסטער־קינדער פון צווייטן, דריטן און פערטן גליד גייען צו און פאַרנייגן זיך פאַר אונדז.

בעת די פאַרנייגונגען ווערט נישט גערעדט. די עלטערן פאַרבאָטן זייערע קינדער אין אַזעלכע טעג צו רעדן. קינדער זענען אַ נישט־דיסציפּלינירטע חברה. זיי קענען נאָך אַמאָל אַרויסרעדן אַן אומגליקלעך וואָרט, ווי „טרויעריק" אָדער „טויט". און אויף אַ חתונה, אָדער ניי־יאָר און אין געבורטסטעג טאָר מען קיין שלעכטע ווערטער נישט אַרויסרעדן, אַזיסטן קען נאָך אַן אומגליק געשען.

איך און מיין פרוי שענקען די יונגעלייט מתנות. מיר גיבן זיי גאָרנישט, מיר זאָגן זיי נאָר צו. זיי וועלן באַקומען זייערע מתנות שפּעטער נאָך דער צערעמאָניע.

די פאַרנייגונגען האָבן זיך געענדיקט, די פרוי גייט אין איר צימער. דאָרטן זיצט זי און רעדט נישט מיט קיינעם. די געסט שטופּן זיך צו דער טיר און באַטראַכטן זי ווי אַ פויגל אין אַ מענאַזשעריע און וויצלען זיך:

— זי האָט גראָבע פיס.

— זי האָט רויטע באַקן.

— איך דערקען אין אירע אויגן, אַז זי האָט זיך ליב צו קריגן.

אָבער זי זיצט רויק און באַליידיקט זיך נישט. אַזוי וויצלט מען זיך אין כינע איבער אַלע חתן־כלהס.

מען טרעט צו צום עסן. טישן אין די צימערן, טישן אין די הויפן, טישן אין די טעמפלען. אויף די טישן שטעלט מען שיסלען אויף שיסלען מיט עסן. דער דאַמף, וואָס הייבט זיך פון די הונדערטער שיסלען, צעגייט זיך אין דער קלאָרער האַרבסטיקער לופט פון סיאַן-שי.

מיין פרוי זיצט ביים טיש אַזוי, ווי זי איז געזעסן אין איר צימער, מיט די הענט אויף די קני, און פאַרזוכט נישט פון עסן. אַזוי פירט זיך ביי אונדז.

נעבן איר שטייען צוויי דינערינס. וועלכע זי האָט מיט-גענומען פון דער היים; זיי שטעלן פאַר איר אַנידער די פולע טעלערס און טראָגן זיי אַוועק נישט אָנגערירטע; זיי גלייכן אויס די פאַלדן פון איר קלייד, מאַכן צורעכט איר פריזור, אַז די האָר זאָלן ליגן גוט צונויפגעפרעסט.

דאָס גאַנצע הויז קײַט, קלאַפט מיט די שטעקעלעך אין פאַרצעלײַ, שלינגט די זופ פון די לעפל און שמאַטשקעט.

איך גיי אַרום פון טיש צו טיש, און הינטער מיר טראָגט אַ דינערין אַ טאַץ מיט אַכט בעכערס ווײַן. די אַכט מאַן, וואָס זיצן אַרום יעדן קוואַדראַטן טיש, נעמען די בעכער טרינקען, ווינטשן מיר גליק און באַווייזן מיר לאַכנדיק דעם טרוקענעם דעק פון בעכער. איך פאַרנייג זיך, איך גיי אַרום און פאַרנייג זיך.

דאָס עסן פאַרציט זיך. די זון גייט שוין אונטער. איך בין צעבראָכן, גרין און שרעקלעך אָנגעשטרענגט. איך קען קוים רירן מיט אַ פוס.

די זון פאַרשווינדט הינטער די בערג, ווען דאָס עסן ענדיקט זיך און די געסט רוקן פונאַנדער די שטולן און הייבן אָן אויפצושטיין פון די טישן, פאַרנייגן זיך דאַנקענדיק, גרעפצן און שלעפן אַרויס די רעשטלעך עסן פון די פאַרדאָרבענע ציין.

די געסט און די ווייטערע קרובים צעגייען זיך. פיל פון זיי פאָרן נאָך אין זעלבן אָוונט אַהיים אין די נאָענטע דער-

פער. ס'בלייבן נאָר די נענטערע קרובים פון צווייטן און דריטן גליד, די לערער און די קינדער.

ביים אונטערווס איז מיר שוין גרינגער. עס זענען דאָ נאָר צען טישן, דאָס הייסט, נאָר אכציק מענטשן. איצטער איז מיין ריי צו זיצן ביים טיש, און מיין פרוי גייט אַרום מיט די טאַצן און פאַרנייגונגען פון טיש צו טיש.

אויפגעהייטערט פון טרינקען, מאַכן זיך די געסט לוסטיק איבער יעדן טריט אירן. די יינגערע ווייזן מיט די פינגער אויף די עלטערע און פרעגן זי:

— ווער איז דאָס? נו, זאָג, ווי ער הייסט!

די יונגע פרוי קען נישט די נעמען. זי פּאַרטווישט זיי און שאַנדיקע געלעכטערס פון די געסט מאַכן ציטערן די טישן.

דאָס קלינגען פון די לאָמפּן-גלעזלעך און קליאַשן און דאָס געלע נאַפט-ליכט איבער די טישן דערציילן, אַז די נאַכט איז שוין דאָ.

איך הער, ווי דער עלטערער פעטער האָט שוין אויס-געהערט צו דעקלאַמירן געדיכטן פון די פּאַרצייטישע דיכטער און הייבט אָן צו זידלען די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן פּאַ-ראַטן דעם קייסער. איינציקווייז שטייט מען אויף, אומוואַרפנדיק דעם שטול און מען גייט אַרויס, אָנהאַלטנדיק זיך אין דער וואַנט. עמעצער פאַרציט מיט אַ דינער און אומריינער שטים אַ פרויען-אַריע פון אַ טעאַטער-שטיק.

איך שטיי אויף פון מיין אָרט. דער קראַנקער טאַטע איז שוין אַוועק אין זיין צימער. דער יינגערער פעטער איז פון מידקייט איינגעשלאָפן אויף זיין שטול.

איך האָב קיין אַפּעטיט נישט. איך קוק אויף דער יויך, אויף דעם פּעָרצעליי פון מיין טעלער, און די יויך הייבט אָן צו באַוועגן זיך און פאַרוואַנדלען אין חיות מיט מענטשלעכע פנימער, ביימער און סטאַדעס שאָף.

מיך טרייסלט פון פיבער. הייסע כוואַליעס שווייס טרעטן אַרויס אויף מיין פנים.

אונטערהאַלטנדיק זיך קעגנזייטיק שטייען שיכּורלעכע אויף פֿון די טישן די מומעס און די פֿעטערס. איבערן גאַנצן צי־מער כראָפּען אַרום די טישן שיכּורע געסט.

איך גיי אַריין אין מיין צימער. איך פֿיל זיך שלעכט. איך טו זיך גיך אויס און קריך אַרונטער אונטער דער קאָלדרע. איך מוז זיך דערוואַרעמען. פֿון פֿיבער קלאַפּט מיר אַ צאָן אין אַ צאָן.

וואָס פֿאַר אַ וווּנדערלעכע זאַך ס'איז די שטילקייט. ווי שווידערלעך מיר זענען מיינע אויערן פֿון דעם אַרומשאַרן מיט די שיך פֿון די הונדערטער געסט, פֿון דעם שורשען פֿון די זיידענע קליידער, פֿון די אָנצאָליקע ווינטשעניש, דעם קנאַקן פֿון פֿייער און דעם פּרעגלעניש אויף די פֿאַנען אין דער קיך.

פֿאַמעלעך שלאָף איך איין. מאָרגן מוז איך פֿרי אויפֿשטיין. איך מוז מיט מיין פֿרוי פֿאָרן צוגאַסט צו אירע עלטערן אין דעם ווייטן דאָרף.

KARNIA „RENOMA"
Z. SZWARCBERG
SZAWA KARMELICKA 17
11-43-75